STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01996

DZSHUZEPA MATSINI

M. Freilicoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

JEWISH COMMUNITY GROUP
P. O. Box [illegible]
Desert Hot Springs, CA 92240

דזשוזעפּאַ מאַציני



דזשוזעפא מאציני
1805—1872

דזשוזעפּא מאציני

דענקער און באפֿרייער

פון

משה פרייליכאָוו

אַרויסגעגעבען פון דער ליטעראַרישער גרופּע „חרות"

וואַשינגטאָן, ד. ק.

1924 — תרפ"ה.

צו באַקומען אין הויפּט אָפיס פון אידיש־נאַצ. ארבייטער פארבאנד

228 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

אין אַלע אידישע בוכהאנדלונגען — ווי אויך דירעקט פון מחבר

M. FREILICOFF

643 Columbia Road, North West, Washington, D. C.

Copyright 1924
MORRIS FREILICOFF
Washington, D. C.

מיין ליבע פרוי

סאָפיע פרייליכאָוו

געווידמעט.

אינהאלט:

זייט

1) פּאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — 11—25
מאַציני — דער אַפּאָסטאָל פון רעוואָלוציאָנערען נאַציאָנאַ־
ליזם — — — — — — — — — — — פון דר. נ. סירקין.

2) הקדמה — — — — — — — — — — — — — — 29—39

3) ערשטער קאַפּיטעל (1805—1830) — — — — — — 41—55
ערשטע יאָרען. — פּריוואַטיטס טראַדיציעס אין הויז פון די
מאַציניס. — דער רעוואָלוציאָנער ריגי. — אין אוני־
ווערזיטעט. — ערשטע ליטעראַרישע אַרבייט. — די
קאַרבאָנאַרי. — מאַציני'ס ערשטער אַרעסט. —
סאַוואָנער פעסטונג. — מאַציני ווערט אַ פּאָליטישער עמי־
גראַנט.

4) צווייטער קאַפּיטעל (1831—1836) — — — — — — 56—77
אין מאַרסייל. — יונג איטאַליען. — מאַציני'ס אָפּענער
בריוו צום קעניג שאַרל אַלבערט. — פאַרשפּרייטונג פון רע־
וואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדאַ. — מאַציני'ס אויסווייזונג פון
פראַנקרייך. — די שווייץ. — דער אויפשטאַנד אין דער
סאַרדיניער אַרמיי. — טויט אורטייל קעגען דזשוזעפּאַ
מאַציני. — די סאַוואָיער עקספּעדיציע. — די אויסווייזונג
פון דער שווייץ. — "Ils Sont Partis."

5) דריטער קאַפּיטעל (1837—1848) — — — — — — 78—100
לאָנדאָן. — מאַציני'ס לײדען. — נייע פריינד. — די פאַ־
מיליע אשהורסט. — קאַרלייל. — דער קאַמף קעגען קינ־

דער שקלאפעריי. — מאַציני׳ס פרייע נאַציאָנאַלע שולע. —
די ענגלישע רעגירונג שטיצט איטאַליענישע טיראַנען. —
די טראַגיש פּאַטעטישע געשיכטע פון די ברידער באַנדיערא.

6) פערטער קאַפּיטעל (1848—1850 — — — — 101—148
צוריק אין איטאַליען. — אויפשטאַנד אין מילאַן און אין
ווענעציע. — דער פּאַפּסט אַנטלויפט פון רוים. — די רוי־
מישע רעפּובליק. — מאַציני אַלס רוימישער טריאומוויר.
— די פראַנצויזישע עקספּעדיציע קיין רוים. — רוים באַ־
לאַגערט. — די פאַרטיידיגונג. — מאַציני רעזיגנירט. —
די בלוטיגע קאַמפן אַרום רוים. — בריוו צו די פראַנ־
צויזישע מיניסטאָרען. — צוריק אין לאָנדאָן. — ד נ י א ל
מ אַ נ י ן און דער העלדישער קאַמף פון ווענעציע. —
„דער הייליגער אַליאַנץ פון די פעלקער".

7) פינפטער קאַפּיטעל (1851—1865 — — — — 149—183
לואי נאַפּאָלעאָן׳ס שטאַאַט־שטריך. — מאַציני׳ס אַנגריף
אויף די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען. — טויט פון מאַ־
ציני׳ס מוטער. — מאַציני און דער ערשטער סאָציאַליסטי־
שער אינטערנאַציאָנאַל. — דזשוזעפּא מאַציני און מיכאַאיל
ב אַ ק ו נ י ן. — צוריק אין איטאַליען. — אויפשטאַנ־
דען אין גענוא און אין נעאַפּעל. — נייער טויט אורטייל.
— דעל־אָנגאַראַ׳ס ליד. — ארסיני׳ס אַטענטאַט אויף קיי־
זער נאַפּאָלעאָן. — גאַריבאַלדי׳ס זיגרייכע עקספּעדיציע
אין סיציליען און נעאַפּעל. — מאַציני׳ס אָפענער בריוו
צום איטאַליענישען קעניג וויקטאָר עמאַנואל און זיין אנ־
טאַגאָניזם צו דער מאָנארכיע. — דער איטאַליענישער פּאַר־
לאַמענט. — דער בירגער קריג אין נאָרד אַמעריקא. —
מעקסיקאָ, איבראַהאַם ל י נ ק אָ ל ן, און דער וועלט־
אימפּעריאַליזם.

8) זעקסטער קאַפּיטעל (1865—1872) — — — — 184—199

מאַציני ווערט ערוויילט צום איטאַליענישען פּאַרלאַ־
מענט. — ער אנטזאגט זיך צו נעמען די שבועה. — זיין
טויט אורטייל ווערט בטל אָבער ער וואַרפט צוריק די אַמ־
נעסטיע. — צוריק אין דער שווייץ. — מאַציני'ס בייע
אויסווייזונג פון דער שווייץ און מיכאַאיל באַקונינ'ס פּראָ־
טעסט. — די שלאַכט פון סעדאַן און דער סוף פון דער
פראַנצויזישער אָקופּאַציע. — אויף דאָס ניי אין זיין פאַ־
טערלאַנד וואו ער ווערט אַרעסטירט. — אין לאָנדאָן. —
ווידער אין איטאַליען. — מאַציני'ס לעצטע קראנקהייט
און זיין טויט.

9) זיבעטער קאַפּיטעל.

די געשיכטע פון מאַציני'ס ליבע — — — — — — 200—217

10) אכטער קאַפּיטעל.

א) מאַציני'ס איינלייטונג צו זיינע געזאַמעלטע שריפטען — 218

ב) וועגען נאַציאָנאַליזם — — — — — — — — — — — 221

ג) שלום־וואָרט — — — — — — — — — — — — 237

ליסט פון בילדער

1) דזשוזעפּא מאַציני (פֿאָדערבלאַט).

זייט

2) ד"ר נחמן סירקין — — — — — — — — — — — — — — — 27

3) די ברידער באַנדיערא — — — — — — — — — — — — — 91

4) דזשוזעפּא גאַריבאַלדי — — — — — — — — — — — — — 135

5) דניאל מאַנין — — — — — — — — — — — — — — — 139

6) מאַריא מאַציני (מאַציני'ס מוטער) — — — — — — — — — 159

7) דזשוזעפּא מאַציני אין יאָר 1870 — — — — — — — — — 195

8) זשיאודיטא סידאָלי — — — — — — — — — — — — — 203

9) מאַציני אַלס יונגער מאַן — — — — — — — — — — — — 207

פון אַן אוילבילד געמאָלען פון לעבען, — פון זיין ענגלישע פריינדין עמילי אַשהורסט ווענטורי.

באַמערקונג:

מיט דער אויסנאַמע פון'ם פאָדערבילד און פון מאַציני'ס בילד אויף זייט 195 זיינען די איבעריגע בילדער ווי אויך די פאָדערבלאַט צייכענונג געמאָלען געוואָרען פון דעם באַגאַבטען אי־דישען מאָלער שאול ראַסקין.

אינהאַלט פון צוזאַץ

(פון מאַציני'ס שריפטען)

זייט

1) בייראַן און געטהע — — — — — — — — — — — — 245—283

2) פון די פליכטען פונ'ם מענשען (פרוי, קינדער, עלטערן) 284—292

3) צום אַנדענק פון די מאַרטירער פון קאסענזא — — — — — 292—304

4) צוועלף אָפיציעלע דאָקומענטען פון דער רוימישער רעפובליק 305—323

5) מאַציני'ס ענטפער צו טהאָמאַס קאַרלייל — — — — — — 324—326

6) רוים און די פראנצויזישע רעגירונג — — — — — — — 327—331

7) די סאָציאַלע אידייע — — — — — — — — — — — — 332—333

8) טויט־שטראָף און אַקטען פון פּאָליטישען טעראָר — — 334—336

9) שלום וואָרט פון מאַציני'ס „גלויבען און צוקונפט" — — 337—338

10) צום איטאַליענישען אַרבייטער קלאַס — — — — — — — 339—345

11) געדאַנקען־פונקען פון דזשוזעפּאַ מאַציני — — — — — — 346—348

12) ציטאַט וועגען פּריוואַט־קאַמף פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטען — — — — — — — — — — — — — 349

פאָרוואָרט

מאַציני — דער אַפּאָסטאָל פון רעוואָלוציאָנערן נאַציאָנאַליזם

יעדע היסטאָרישע אידעע געפינט איר אויסדרוק און פאַרקער־פערונג אין א גרויסער היסטאָרישער פערזענליכקייט. העראָאישע פערזענליכקייטען שטייען אויף אין דער געשיכטע, וואָס ביי זיי זאמלען זיך אויף די צעזייטע שטימונגען און וועלונגען פון דער צייט, נעמען אָן פאָרם און ליניע, דערהויבען זיך צו דער מדרגה פון א געשטאַלטענדער קראַפט. דאָס זיינען די ווייניגע אויסערוויילטע מענשען, וואָס מיט זייער נאָמען און זייער לעבען איז פארבונדען דער קאמף און דער טריאומף פון א שעפערישער אידעע אין לעבען פון די פעלקער און דער מענשהייט.

די אידעע פון נאציאָנאלער פרייהייט, פון נאציאָנאלען רע־נעסאנס, אין זיין אוניווערסאלער געשטאלט, דער רעוואָלוציאָנערער נאציאָנאליזם, וועלכער האָט שוין אין אונזער תקופה געגעבען א נייע ווענדונג צו דער מענשליכער געשיכטע, האָט געפונען זיין אויסדרוק און פארקערפערונג אין דזשאָזעף מאציני. קארל מארקס האָט אין דעם קלאסענקאמף דערפילט דעם פארבאָרגענעם זין פון אלע היסטאָרישע וועלונגען, און באזונדערס דעם תוכן פון אלע פאָ־ליטישע קאמפען און געגענזעצען. אין מארקס האָט די אידעע פון דער סאָציאלער רעוואָלוציע און דער פראָלעטארישער הערשאפט געפונען אויסדרוק און פארקערפערונג. מאציני האָט דערפילט, וועלכע אויפשפראָצענדע לעבענסקראפט עס דערוועקט יעדע נא־ציאָנאלע באפרייאונג, און וועלכע שענדליכע ירידה עס ליגט אין נאציאָנאלער פארשקלאפונג און געפאלענקייט. דער נאציאָנאלער

אויפלעבונגס־רצון פון דעם גרויסען איטאליענישען פאָלק האָט אין מאציני אָנגענומען פאָרם און געשטאַלט. מאציני שטייט אין דער מענשליכער געשיכטע אלס דער וועקער און רופער צו נאציאָנאלער באפרייאונג, צו נאציאָנאלער זעלבסטבאשטימונג אין קולטור און פּאָליטיק, צו נאציאָנאלער רעוואָלוציאָן אנטקעגען די בלינדע פאר־ווירונג פון דער געשיכטע.

זשאָזעף מאציני, וועלכער שטייט מיט זיין יוגענדצייט אין דער ערשטער העלפט פון נייַנצענטען יאָרהונדערט, האָט געזען די גאנצע גייסטיגע און פּאָליטישע געפאלענקייט פון איטאליענישען פאָלק. די איטאליענישע פּאָליטישע אומאָפּהענגיגקייט איז שוין לאנג פארשוואונדען. שפּאניען, עסטרייך, פראנקרייך, די האפּס־בורגער און די בורבאָנען־דינאסטי האָבען פון אלע זייטען אָפּגע־ריסען טיילען פון אמאָליגען איטאליען. דאָס נאָך איבריג געבלי־בענע לאנד איז געווען צעטיילט און באהערשט פון פארשידענע אנדערע דינאסטיען. אין רוים האָט געקיניגט דער פּאפּסט, וועמעס וועלטליכע מאכט האָט אוממעגליך געמאכט איטאליען׳ס אומאָפּ־הענגיגקייט. דאָס אמאָליגע גלאנצפולע איטאליען, רוים׳ס יורש, איז געווען אן אונטערדריקטע פּראָווינץ, וועלכע איז געלעגען אונ־טער׳ן קנעכעל פון אנדערע פעלקער.

אויך קולטורעל איז איטאליען געווען א וויסטער מדבר. דער וואונדערבארער רענעסאנס פון איטאליענישען פאָלק, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען מיט דאנטע אין ליטעראטור און פּאָעזיע, האָט דער־גרייכט זיין הויפּטפּונקט אין מאלעריי און סקולפּטור דורך מיכעל אנזשעלאָ און ראפאעל. דיזער וואונדערבארער רענעסאנס, אָן זיין גלייכען אין מענשליכער פארגאנגענהייט, איז פארגעסען געוואָרען. די איטאליענישע ליטעראטור איז דעגענערירט געוואָרען, אויף איר אמאָליגער הערליכער ערד האָט מער ניט געוואקסען ווי די אויסגע־דארטע פלאנץ פון שונד. די טעמפּלען, וואו עס האָט געשוועבט

דער הייליגער גייסט פון ראפאעל, מיקעל אנזשעלאָ, פערוזשיניא, לעאָנארדע דע ווינטשי, האָבען ניט געהאט קיין פארערער און קיין אָנבעטער. די שכינה פון דער איטאליענישער קונסט האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער אומגליקליכער ירידה פון איטאליענישען פאָלק.

ערשט נאָך דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע און די נאפּאָלעאָנישע מלחמות הויבט זיך אָן צו טראָגען איבער איטאליען א נייער גייסט פון באפרייאונג און רענעסאנס. דער נאציאָנאלער געניוס פון איטאליענישען פאָלק, וועלכער איז דורך די אומגונסט פון דער געשיכטע נידערגעהאלטען געוואָרען, האָט אָנגעהויבען דערוואכען אין דער אלגעמיינער אויפלעבונג פון דער אייראָפּעאישער מענשהייט אין נייצענטען יאָרהונדערט. און דיזער אויפלעבונגס־גייסט פון איטאליענישען פאָלק האָט געפונען אין זשאָזעף מאציני זיין אויסדרוק, זיין געשטאלט, זיין אָנזאָג, זיין לעבעדיגע פארקערפּערונג.

מאציני האָט דער ערשטער אויפגעהויבען אין איטאליען, און ניט נאָר אין איטאליען נאָר אין דער גאנצער וועלט, די פאָן פון דער נאציאָנאלער באפרייאונג. ער איז אין דער מאָדערנער געשיכטע דער ערשטער פילאָזאָף־קעמפער פאר דער נאציאָנאלער אומאָפּהענגיגקייט. ער איז דער נביא פון דעם נייעם נאציאָנאליזם. ביי מאציני איז די נאציאָנאלע באפרייאונג אן אינטעגראלע אידעע, וואָס אירע יסודות זיינען דעמאָקראטיע, רעפּובליק, סאָציאליזם, קולטור. די נאציאָנאלע ערוואכונג איז ביי אים די נייע רעליגיאָן, וועלכע איז אויפגעשטיגען פון די טיפענישען פון מענשליכען גייסט און גיט די פעלקער אין זייער היסטאָרישען לעבען א נייעם וועג און א ליכטיגען ציל.

„ד י אָ ע א י ל פּ אָ פּ אָ ל אָ", גאָט און דאָס פאָלק, — דאָס איז מאציני׳ס רוף, זיין קריגסגעשריי צו די פעלקער, זיין מאָטאָ אויף אלע זיינע ווערק. ער רופט די מענשען, און באזונ־

דערם די יוגענד, וועלכע איז נאָך אין פראָצעס פון גייסטיג־מאָראַ־לישען וואוקס, צו אידעאַליזם, צו קאמף, צו זעלבסטאָפפערונג, צו מארטירערטום פאר׳ן פאָלק, פאר דער אלזייטיגער באפרייאונג פון פאָלק. זיין רוף צו קאמף, צו רעוואָלוציאָן, האָט אָבער אן אוניווער־סאלען כח, ווייל ער האָט געשטראָמט ניט אזוי פון שנאה צו די אונטערדריקער, ווי פון דעם שפרודעלדען קוואל פון ליבע צו דער מענשהייט. זיין רוף צו רעוואָלוציאָן איז ניט געווען קיין פאָלי־טישע ליידענשאפט, קיין מאטעריאליסטישער נוצליכקייטס־חשבון, קיין פארצווייפלונגס געשריי פון דעם ענטערבטען, נאָר עס איז גע־ווען א הייליגער רוף, אין נאָמען פון אלע אייביגע איבערנאטירליכע געזעצען פון לעבען און געשיכטע. גאָט וויל עס, דאָס די פעלקער זאָלען זיך באפרייען, דאָס די מענשהייט זאָל באטרעטען דעם וועג פון דער רעוואָלוציאָן, דאָס די וועלט זאָל זיך באנייען.

מיט זיין ליידענשאפטליכער זוכעניש אויפצוהויבען דעם קאמף פאר דעמאָקראטיע אויף דער מדרגה פון רעליגיעזער קדושה שטייט מאציני איינער אליין און אָן א זייט פון אלע דעמאָקראטישע און סאָציאליסטישע קעמפער פון זיין צייט. די ענגלישע פילאָזאָפען, וועלכע האָבען געפּערדיגט די אָפּשאפונג פון פאָליטישע און סאָ־ציאלע פּריווילעגיעס, ווי דזשיימס מיל, זשאָן סטוארט מיל, דער בארימטער ענגלישער קעמפער פאר פרייען האנדעל און דעמאָקראַ־טיע קאָבדען, זיינען ניט ארויסגעגאנגען פון רעליגיעזע געבאָטען, נאָר פון פאָליטישער ניצליכקייט, פון אוטיליטאריזם. די פילאָזאָ־פיע פון דער צייט איז געווען די אוטיליטאריסטישע פילאָזאָפיע פון בענטאם, וועלכער האָט אָפּגעלייטעט די מאָראל פון דעם „העכסטען גליק״, און וועלכער האָט געזאָגט, דאָס דער וואָרט „מוז״, אין מאָ־ראלישען זין, מוז ארויסגעוואָרפען ווערען פון מאָראלישען ווערטער בוך. אפילו קאָבדען, וועלכער האָט זיך אמאָל אויסגעדריקט, דאָס פרייער האנדעל, פרי טרייד, איז דער „אינטערנאציאָנאלער געזעץ

פון אלמעכטיגען", איז אויך געווען קודם כל אן אוטיליטאריסט. די דאמאלסט אויפגעטראטענע סאציאליסטען, ווי מארקס און לאסאל, האבען ניט נאר געקוקט מיט א היבש ביסעל שפאט אויף דעם ראמאנטישען אדער גאר רעליגיעזען איבערבוי איבער דעם עכטען אמת'ן מאטעריעלען בוי פון דער געזעלשאפט. אין יענער צייט האט מאציני פייערליך ערקלערט:

„נאר אין דעם טאג, ווען די דעמאקראטיע וועט זיך דערהויבען צו דעם שטאנד פון א רעליגיעזער פארטיי, וועט זי האבען דעם נצחון, אבער ניט פריער".

זעלבסטפארשטענדליך, איז דעמאקראטיע ביי מאציני ניט בלויז א פארם פון רעגירונג, נאר עס איז די מאראלישע און גייסטיגע דערוואכונג פון דעם מענשען, די ליידענשאפט צו גלייכהייט, דער רצון זיך מקריב צו זיין פאר דעם כלל, וואס נאר דאן קאן דאס פאטערלאנד און די מענשהייט ווערען הייליג פאר יעדען איינצעלנעם. „דעמאקראטיע איז", — לויט מאציני'ס אייגענע ווערטער, — „א בלאט פון דער וועלט־געשיכטע געשריבען פון גאט'ס פינגער".

וואס פארשטייט מאציני אונטער רעליגיאן, אונטער גאט'ס רצון, אונטער דעם פאזיטיווען גלויבען (פעדע פאזיטיווא.); אונטער דער געמיינזאמער תורה (קרעדענצא קאמונע), וואס נאר דאס אליין קאן געבען דער דעמאקראטיע האפט, כח, אמת, אייביגקייט? דאס מיינט געבען דער דעמאקראטיע אוניווערסאלע עטישע קראפט. די שטרעבונג פון די מענשען צו דעמאקראטיע, צו פארגעזעלשאפטליכונג, צו פארטשריט, צו פרייהייט, צו פאלקאמענהייט, איז ביי מאציני דער באוויז, דאס דיזע שטרעבונג איז א פונק, וועלכען גאט האט אריינגעגעבען אין דעם מענשען. ווארום מאטעריאליסטיש קאן מען נישט ערקלערען דעם מענשען'ס שטרעבונג צו פאלקאמענהייט אין מאראל, זיין גרייטשאפט צו ברענגען קרבנות פאר

א אידעע, פאר׳ן כלל, אפצוזאגען זיך פון זיין אייגענעם נוצען צו־ליב דעם וואויל פון דער מענשהייט. אויב חשבון, נוצען, מאטע־ריאליזם איז דער תוכן פון מענשען, דער וועזען פון זיין נשמה, טא ווי אזוי קאן ער זיך אפזאגען פון זיין אייגענעם נוצען צוליב דעם נוצען פון כלל? ווי אזוי קאן בכלל באשטיין א מאראלישע גע־זעלשאפט, בשעת די אינטערעסען ניט נאר פון די קלאסען, נאר פון די פארשידענע בארופען זיינען דאך ענטקעגענגעזעצט? אויב נו־צען און פארגעניגען איז די באהאלטענע טרייבענדע קראפט פון דער מענשליכער מאראל און אירע פליכטען, איז דאך שווער צו פארשטיין, ווי אזוי מענשען זיינען זיך מקריב אין נאמען פון מא־ראל, ווי אזוי פארגעניגען קאן גאר ווערען א מאטיוו פאר פריי־וויליגען טויט. אט דאס שטרעבען פון די מענשען צו גוטס, צו פאלקאמענהייט, צו זעלבסטאפפערונג, צו דעמאקראטיע, איז דער באוויז, דאס גאט וויל עס, דאס גאט פירט די מענשליכע געשיכטע אין דיזען וועג. מאציני איז ניט קיין טעארעטיקער פון רעליגיאן, ניט קיין פילאזאף פון א נייעם אדער באנייטען גלויבען אין גאט. ער גיסט נאר אויס זיין גליענדע רעליגיעזע נשמה אין הונדערטער זייטען פון רעטאריק און פאעזיע, דאס גאט וויל די נייע ארדנונג פון לעבען, דאס די דעמאקראטיע, דאס הייסט די רעוואלוציאן, איז גאט׳ס פלאן, דאס די באפרייאונג פון די נאציאנאליטעטען און די פרייהייט פון דער געשיכטע איז גאט׳ס געבאט, דער אייביגער בא־האלטענער זין פון לעבען בכלל. אנטקעגען דער אוטיליטאריסטישער טעאריע פון מאראל, א טעאריע, וועלכע איז טראץ מאטעריאליזם און דארווינייזם, נאך עד היום ניט פריי פון שוועריגקייטען און סתירות, רופט אויס מאציני דעם געשריי פון גלויבען, ברייגגט ער פאר׳ן אמת די אלטע ראיה פון הארצען און ניט פון קאפ, בארופט ער זיך אויף דעם לעבעדיגען גאט.

עס איז פאראן נאר איין האר אין הימעל, דאס איז גאט, און

איין האר אויף דער ערד, דאָס איז דאָס פאָלק. און דאָס פאָלק איז פאַראייניגט אין גלויבען און ליבע כדי צו פאַרווירקליכען גאָט'ס וועלט־געזעץ. אָן גאָט פאַלט מען אריין אין די מאכט פון דעם פליסענדען, זיך ענדערענדען, ווערטלאָזען פאַקט, פאר וועלכען עס בויגען אראָפּ דעם קאָפּ אלע מאַטעריאַליסטען, צי זיי רופען זיך רע־וואָלוציאָן אָדער זיי רופען זיך באַנאַפּאַרטע. אָבער דער רוף: „גאָט וויל עס", וועלכער האָט געקלונגען אין אלע גרויסע רעוואָלו־ציאָנען, איז בכח צו געבען מוט, צו דערוועקען ענטוזיאַזם, אריינ־צוגעבען גלויבען אין די מענשען. מען דאַרף נאָר איבערצייגען די מענשען, דאָס זייער ארבייט פאַר עמאַנציפּאַציאָן און פאָרשריט ליגט אין גאָט'ס פּלאַן, און קיינער וועט זיך ניט אויפהויבען געגען דעם פאָרשריט. איבערצייגט נאָר די מענשען, דאָס זייער ערדישע פליכט איז פאַרבונדען מיט זייער אומשטערבליכען לעבען, און אלע זייערע חשבונות און אויסרעכענונגען וועלען פאַרשווינדען. אָן גאָט קאָן מען א אידעע ארויפצווינגען, אָבער מען קאָן ניט איבערצייגען, אָן גאָט קאָן מען ווערען טיראַנען, אָבער ניט ערציער און אַפּאָסטאָל. גאָט'ס געזעץ איז דער פאָרשריט, און דער איינציגער אויסלעגער פון גאָט'ס געזעץ איז די מענשהייט. די מענשהייט איז גאָט'ס לעבעדיגער וואָרט. אין דער מענשהייט ווערט גאָט פלייש. גאָט איז גאָט און די מענשהייט איז זיין נביא.

מאציני איז מער איידער א רעוואָלוציאָנער מיט א גלויביגער רעליגיעזער נשמה. ער איז ניט קיין רעליגיעזער טעאָרעטיקער, אָבער א רעליגיעזער שטורמער, ער וויל רעליגיאָן אריינטראָגען אין לעבען, אין פּאָליטיק, אין רעוואָלוציאָן. ער וויל פון רעוואָלוציאָן און פאָרשריט מאכען אן אייביגען הייליגען געבאָט, וועלכער טראָגט הויך איבער די מענשען און שטאַמט פון דער אייביגקייט.

וויבאלד מאציני באַגרינדעט די רעוואָלוציאָן אָדער די דעמאָ־

קראטיע מיט דעם אייביגען ווילען פון גאָט, וויבאלד זיין ארגומענ־
טאציע איז רעליגיעזער עקסטאז, רעדט ער שוין ממילא צו די מענ־
שען אין א גאנץ אנדערער שפראך, ניט אין דער שפראך פון פאָ־
ליטיק, נאָר אין דער שפראך פון רעליגיאָן. מאציני איז דער ערש־
טער און דאכט זיך דער איינציגער רעוואָלוציאָנער אין דער מאָ־
דערנער געשיכטע, וועלכער רופט די מענשען ניט צו עראָבערען
זייערע רעכט, נאָר צו דערפילען זייערע פליכטען. עס איז א גאנץ
אנדער שפראך, איידער די שפראך פון קלאסענקאמף, ווי די שפראך
פון דער מאָדערנער פראָלעטארישער רעוואָלוציאָן. די מאָדערנע
רעוואָלוציאָן וועקט ביים פראָלעטאריאט דעם פראָטעסט געפיל
אנטקעגען דעם הערשענדען קלאס. זי זאָגט דעם פראָלעטאריאט,
דאָס די געזעלשאפט האָט אים גענומען אומרעכט, דאָס זי האָט אים
בארויבט, באַגזל׳ט, און זי רופט אים צום קאמף פאר זיינע רעכט.
יעדע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג, סיי א נאציאָנאלע און סיי א סאָ־
ציאלע, איז א קאמף פאר רעכט, אַ קאמף פון די אנטרעכטעטע
געגען די רעכט רויבער. מאציני איז דער ערשטער און איינציגער,
וועלכער האָט דערפילט, דאָס אין נאָמען פון רעכט קאָן די וועלט
ניט איבערגעבויט ווערען אויף נייע יסודות. די אונטערדריקטע
קלאסען קאָנען אין נאָמען פון זייערע באַגזל׳טע רעכט נאָר צעשטע־
רען די באשטייענדע געזעלשאפט, קאָנען צוברעכען די קייטען פון
שקלאפעריי. אָבער די דאָקטרין פון רעכט קאָן ניט אויפריכטען
קיין נייע וועלט, קאָן ניט אויפבויען קיין נייע אָרדנונג פון לעבען.
די נייע וועלט קאָן געבוירען ווערען ניט דורך דעם קאמף פון רעכט,
וואָס דאָס איז א נעגאטיווע זאך און לעזט אויך גאָרניט דעם פראָבּ־
לעם פון דעם סאָציאלען פאָרשריט. די נייע וועלט קאָן נאָר גע־
בוירען ווערען דורך דעם בונד פון ליבע און קאָאָפעראציאָן צווישען
מענשען, דורך די אינווענינגע ווידערגעבורט פון די מענשען. די
דאָקטרין פון רעכט האָט געגעבען די מענשען דאָס רעכט צו האנד־

לען, אָבער אין וואָס זאָל באַשטיין זייער האַנדלונג גופא? אָט דאָס איז דער אמת'ער פּראָבלעם.

מאַציני רופט די מענשען ניט צום קאַמף פאר זייערע רעכט, נאָר צו דער ערפילונג פון זייערע פליכטען. אויף פליכטען איז אויפגעבויט דאָס לעבען, און פון די פליכטען קאָן מען אַרויסדרינ־גען די רעכט. אין מיטען פון דעם רעוואָלוציאָנערען קריגסגעשריי, דאָס די פּראָלעטאַריער זאָלען זיך פאַראייניגען צום סאָציאַלען קאַמף, דאָס די באַפרייאונג פון אַרבייטער קלאַס קאָן נאָר זיין די טאַט פון דעם אַרבייטער קלאַס גופא, האָט אָפּגעקלונגען מאַציני'ס רעליגיעזער רוף צו די מענשען: „א י ד א ו ו ע ר י ד ע ל א ו א מ א", די פליכטען פון דעם מענשען. זאָלען זיך די מענשען באַזינען אויף זייערע פליכטען, ווי דאָס זאָגט אונז די שטילע אָבער פּורכטבאַרע שטים פון געוויסען, און דאָס לעבען וועט גיין אין אַן אַנדער שטראָם.

וועט זיך דער מענש באַזינען אויף גאָט און אויף זיין אינ־ווענינע פליכט, וועט ער לעבען מיט גאָט און אין הסכם מיט זיין פליכט, וועט דער מענש ווערען פריי, אונבאַזיגבאַר פון דער אוי־סערליכער געוואַלט, און ער וועט אומענדליך פאַרגרעסערען זיינע כחות. די באַזינונג אויף דער פליכט קאָן דערוועקען ביי דעם מענ־שען יענע נייע כחות, וועלכע שטראָמען פון דער מענשליכער אַסאָ־סיאַציאָן, פון דער מענשליכער צוזאַמענאַרבייט, פון דער מענשלי־כער פאַראייניגונג, וועלכע וועט ערשט באַשאַפען דעם אמת'ן מענש. דער איזאָלירטער אָפּגעזונדערטער מענש איז דער מענש אָן גאָט און אָן פליכט, ער איז פאר מאַציני'ן א שרעק. מאַציני ווערט דער פּרעדיגער פון אַסאָסיאַציאָן, קאָאָפּעראַציאָן, אין אַלע פאָרמען פון לעבען, פון פערזענליכען לעבען ביז צום לעבען פון די פעלקער, ביז צו דער ווירטשאַפטליכער קאָאָפּעראַציאָן, ביז צו דער פאַראייניג־טער מענשהייט. מאַציני איז אין דער געשיכטע דער נביא און פּאָעט פון קאָאָפּעראַציאָן.

מאציני טראַגט אין זיין נשמה די גרויסע זאָרג פאַר דער מענשהייט, פאַר דער פארבעסערונג פון לעבען, פאַר דעם גליק און דער שיינקייט פון מענשליכען צוזאמענזיין. פון אלע פאָרמען פון מענשליכער פאראייניגונג שטייט ביי מאציני אויבענאָן די פאר־אייניגונג פון דער פאמיליע. און עס איז מערקווירדיג, ווי דיזער אידעאַליסטישער קעמפער, וועלכער האָט אין זיין לעבען ניט גע־האט דאָס גליק פון פאַמיליע, איז געוואָרען דער גרעסטער באזינגער און באשיצער פון פאמיליע. אַקוראַט ווי דיזער אייביגער עמיגראַנט און פאַריאָגטער פון זיין פאָטערלאנד איז געוואָרען דער פילאָזאָף פון נאציאָנאַליזם און פאָטערלאנד. די פאמיליע לעגט ארויף אויף דעם מענשען די ערשטע און גרעסטע פליכט, די פליכט בנוגע צו די צוקונפטיגע דורות, די פליכט בנוגע צו דער מענשהייט, די פא־מיליע און סאָלידאריטעט פאר עלטערען און קינדער. די פאמיליע איז אייביג און אומשטערבליך. מאציני פילט, דאָס דער אונטער־גאנג פון דער פאמיליע איז דער אונטערגאנג פון דער געזעלשאפט בכלל. וואו די פאמיליע האָט אָנגעהויבען פאנאנדערפאלען ביי די פעלקער, זיינען די פעלקער צוגרונד געגאנגען און פארשוואונדען פון דער געשיכטע. די פאמיליע איז דער יסוד פון פעלקער לעבען און פון דער דערהאלטונג פון דער מענשהייט.

די נאציאָן איז א וויי טערע פאָרם פון א ס אָ ס י א צ י אָ ן, די א ס אָ ס י א צ י אָ ן פון אלע מענשען מיט איין שפראך, איין היסטאָרישע מיסיאָן, איין רעכט און איין ציל. די נאציאָנא־ליטעט איז די ראָלע, וועלכע גאָט האָט געגעבען יעדען פאָלק אין דער אלמענשליכער ארבייט. די נאַציאָנאַליטעט איז די מיסיאָן, וועלכע א פאָלק האָט צו ערפילען אויף דער ערד, כדי די געטליכע אידעע זאָל זיך קענען פארווירקליכען אין דער וועלט. די נאציאָן איז א פרייע, א נאטירליכע, א געטליכע אסאָסיאציאָן פון די מענ־שען, אין געגענזאץ צו דעם עלענדען און נידערטרעכטיגען נאציאָ־

נאַליזם, ווי מאַציני דריקט זיך אויס, וועלכער האָט ביז איצט עקזיסטירט און וועלכער האָט זיך געשטיצט אויף געוואַלט און עראָבערונג, אויף דער געמיינער פאַרשענקונג פון פעלקער, אויף דער קינסטליכער פאַרמישונג פון נאַציאָנען, און מאַציני רופט אויס: די נאַציאָנאַליטעטען זיינען נאָך היינט ניטאָ! עס איז די אויפגאַבע פון דער צוקונפט די נאַציאָנאַליטעטען צו בילדען. נאַציאָנאַליטעט מיינט אַלזאָ די אייראָפּעאישע רעוואָלוציאָן, די איבעראַנדערשונג פון דער אייראָפּעאישער קאַרטע, די באַזייטיגונג פון אַלע באַשטייענדע אָפּמאַכונגען צווישען פעלקער, וועלכע שטאַמען פון געוואַלט און עראָבערונג. אייראָפּאַ מוז זיך אויף ס'ניי איינאָרדנען, אַסאָציאירען נאַציאָנאַל דורך די פרייע וואַל און צושטימונג פון די פעלקער.

איבער דיזע נאַציאָנאַלע אַסאָסיאַציאָן הויבט זיך אויף אַזוי ווי די אויבערשטע קרוין די העכסטע אַסאָסיאַציאָן — די אַסאָסיאַציאָן פון אַלע פעלקער. מאַציני איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט באַשאַפען דעם באַגריף פון אייראָפּעאישען פעלקער בונד, פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אייראָפּאַ. פון מאַציני'ן איז דיזער באַגריף אַריבערגענומען געוואָרען אין אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם פון מאַרקס, ענגעלס, העס. די פרייע פעלקער זאָלען זיך פאַראייניגען אין איין פעלקער־בונד, אין איין אינטערנאַציאָנאַלע געמיינשאַפט. דער ערשטער קעמפער פאַר דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַליזם איז אויך געווען דער ערשטער קעמפער פאַר אינטערנאַציאָנאַליזם. די אַלטע צייט פון קאָסמאָפּאָליטיזם, אַזוי זאָגט מאַציני, האָט אויפגעהערט, איצט הויבט זיך אָן די עפּאָכע פון דער מענשהייט, וועלכע איז די אַסאָסיאַציאָן פון אַלע פאָטערלענדער. אָנשטאָט דעם „בונד פון די קעניגען" דאַרף זיך אויפריכטען דער „בונד פון די פעלקער". דיזער בונד פון די פעלקער וועט אָפּשאַפען מלחמה און עראָבערונג. אָבער מעגליך איז דיזער בונד פון די

פעלקער נאָר דאן, ווען די פעלקער וועלען צווישען זיך זיין פריי, זעלבסטשטענדיג, גלייך, וועלען ניט מער זיין פעלקער־קעניגען (פּאָפּאָלאָ—רע), וועלכע וועלען איינער דעם אנדערען באהערשען, נאָר פעלקער־ברידער, צווישען וועלכע די סבות פון אומרעכט וועלען באזייטיגט ווערען. עס מוז זיך צונויפקומען אן אייראָפּעאישער פעלקער־קאָנגרעס, וועלכער זאָל זיין די גרינדונגס־פארזאמלונג פון די פאראייניגטע שטאאטען פון אייראָפּא, און וועלכער זאָל גרינדען דעם „מענשהייט'ס־פּאַרטראַג", אונטערגעשריבען פון פרייע און גלייכע פעלקער.

מאציני ווייס, דאָס יעדע פּאָליטישע רעוואָלוציאָן מוז אויך זיין א סאָציאלע רעוואָלוציאָן, און ער רופט אָן א שקר א רעוואָלוציאָן, וועלכע פארבעסערט ניט די לעבענס־תנאים פון אלע מענשען, אָבער ער האָט זיין אייגענעם געדאנק מכח דער סאָציאלער רעוואָלוציאָן, גאנץ אין הסכם מיט זיין אידעע פון די מאָראלישע פליכטען פון די מענשען. מיט די סאָציאליסטישע טעאָריען פון זיין צייט שטייט ער אין געגענזאץ. מיט שפּאָט רעדט ער מכח די פראנצויזישע סאָציאליסטען, ווי פוריע, קאבע, פּרודהאָן, וועלכע האָבען גע'חלומ'ט מכח דעם צו מאכען קאָמוניסטישע קאָלאָניען אָדער ארבייטער־פאלאנסטערען אָדער קרעדיט באנקען פאר א קליינע צאָל סאָציאליסטישע סעקטאנטען, האָבען זיך אָבער איזאָלירט מיט זייער סאָציאליזם פון גאנצען פאָלק. דער סאָציאליזם קאָן ניט זיין אן ענין פון א גרופּע, נאָר ער איז די אנגעלעגענהייט פון דעם גאנצען פאָלקס לעבען. אָבער מאציני טרעט נאָך שארפער אויף געגען דעם סאָציאליזם פון מארקס און דעם אינטערנאציאָנאל, וועלכע ווילען אראָפּברייננגען דעם סאָציאליזם דורך די פארשטאאטליכונג פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען און די נאציאָנאליזירונג פון קאפּיטאליסטישען רייכטום. מאציני שטעלט זיך אויף דעם שטאנדפונקט פון דער אנארכיסטישער קריטיק אנטקעגען דעם סאָציאליזם.

אָבער ער האָט נאָך אנדערע ספקות און טענות אנטקעגען דיזען סאָ־ציאַליזם. דיווירטשאפט קאָן דורך די פארשטאאטליכונג אָפּגע־האלטען און בטל ווערען, די געזעלשאפט וועט פאראָרעמען. אויב די פּראָדוצענטען וועלען זיין אָרגאניזירט אין איין בונד אין גאנצען לאנד, וועלען ארויסוואקסען ביי זיי אנטקעגענגעזעצטע אינטערע־סען אנטקעגען די קאָנסומענטען. דער שטאאטס־סאָציאַליזם איז מאָראַליש ווערטלאָז און פּראַקטיש אוממעגליך.

וואָס עס האָט מאציני'ן גאנץ באזונדערס אָפּגעשטויסען פון מארקסיסטישען סאָציאַליזם און פון אינטערנאציאָנאַל, איז דער מאטעריאַליזם, אויף וועלכען יענער סאָציאַליזם שטיצט זיך. מאַ־טעריאַליזם אין דער סאָציאַליסטישער פילאָזאָפיע און אגיטאציאָן איז א קוואַל פון דעמאָראַליזאציאָן און פירט צו פארראט און אונ־טערגאנג. ווער עס פרעדיגט סאָציאַליזם אין נאָמען פון מאטעריאַ־ליזם, אנערקענט דאָך דעם מאטעריאַליזם אלס אן אמת פון לעבען, אלס א ווערט, און ער וועט ביי דער ערשטער געלעגענהייט צוליב דעם אייגענעם מאטעריעלען נוצען אויפגעבען דעם סאָ־ציאַליזם. מאציני וואָרענט די ארבייטער, דאָס פילע וועלען זיך אוים זעלבסטנוצען צושטיין צום פּראָלעטאראט, וועלען אים אויס־נוצען, וועלען זיך אויפשטעלען אין דער הויך אויף זיין רוקען, און וועלען דעם פּראָלעטאריאט אָפּשטויסען פון זיך, ווען זיי וועלען אים מער ניט באדארפען. די גאנצע פילאָזאָפיע פון מארקסיזם, דאָס די טרייבענדע כחות פון דער געשיכטע, זיינען די מאטעריעלע כחות און דאָס דער צוועק פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן איז דער מאַ־טעריעלער געווינס, איז פאר מאציני'ן א שרעק. דער פּראָגרעס פון דער מענשהייט איז ביי זיי ניט דער סאָציאַליזם, נאָר די קיך פון סאָציאַליזם. אזוי האָט מאציני מיט בייסענדען שפּאָט געזאָגט אמאָל. ניט אומזיסט האָט מאציני ארויסגערופען אזא שטורעם פון

בעגנערשאפט אנטקעגען זיך ניט נאָר פון דעם אינטערנאציאָנאַל און מארקס׳ן, נאָר אפילו אויך פון באקונין.

די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן האלט מאציני פאר מעגליך נאָר דורך די מאָראַלישע אָנשטרענגונג פון די ארבייטער, וועלכע וועלען זיך אָרגאַניזירען אין אלערליי אסאָסיאַציאָנען, קאָאָפעראַטיווען פאר פראָדוקציאָן און פארברויך. יעדער קאָאָפעראַטיוו שיידעט אויס די עקספּלואַטאַציאָן פון קאפּיטאַליסט און פון דעם פּאַראַזי־טישען מיטעלמאַן. און פאר אַלע ארבייטער איז דיזער וועג אָפען, אָבוואָל דער וועג פאָדערט די מאָראַלישע ריינקייט און איבערגע־בענהייט, דעם שטורמישען דראַנג פון די ארבייטער צו זעלבסט־באפרייאונג און צו סאָציאַליזם. דעם קאַפּיטאַל דארפען די ארביי־טער זעלבסט צוזאמענבריינגען דורך קליינע אָפּשפּאָרונגען פון די ארבייטער. די גאנצע סאָציאַלע רעוואָלוציאָן קאָן נאָר קומען פון די אינוועניגע מאָראַלישע כחות, פון דער פרייער אָרגאַניזאַציאָן פון די אָרבייטער.

מאציני איז אָבער ניט קיין פּאַסיפיסט, ניט קיין רעפאָרמער, ניט קיין שטילטרעטער. ער איז דער זינגער פון רעוואָלוציאָן. דער אָרגאַניזאַטאָר פון אויפשטאַנדען, דער קעמפער מיט׳ן שווערד פאר דעם נייעם פאָרשריט, דער פייערדיגער רעפּובליקאַנער. די רעוואָ־לוציאָן איז פאר אים די הייליגסטע, פרוכטבארסטע, איידעלסטע זאַך אין דער מענשליכער געשיכטע, און אזוי ווי ער פּרעדיגט רע־וואָלוציאָן אין פאָלק צוליב דער נאַציאָנאַלער און פּאָליטישער בא־פרייאונג, אזוי איז ער אויך געווען אַן אָנהענגער פון קריג, ווען קריג האָט געקאָנט ברעכען די קייטען פון שקלאפעריי און ברייגען דעם נצחון פון די אונטערדריקטע פעלקער אנטקעגען טיראַניי. אין דיזען פּונקט איז ער אויך געווען אין הסכם מיט אַלע גרויסע רעוואָלוציאָ־נערען פון נייצענטען יאָרהונדערט, מיט מארקס, לאסאַל, באקונין.

זשאַזוּעף מאַציני איז געווען איינער פון די ליכטיגסטע פיגורען פון ניינצענטען יאָרהונדערט. א רעוואָלוציאָנערער קעמפער, וועל־כער האָט גערופען צו רעוואָלוציאָן ניט אין נאָמען פון א פאָלק, א קלאַס, אן אינטערעסען — קרייז, נאָר אין נאָמען פון גאָט, ווייל גאָט׳ס רצון איז די רעוואָלוציאָן פאר פרייהייט. א נאַציאָנאַליסט ניט פאר זיין פאָלק, זיין פאָטערלאַנד, נאָר פאר אַלע פעלקער און אַלע פאָטערלענדער, ווארום די נאַציאָנאַלע באפרייאונג איז דער שריט צו דער פאראייניגונג פון דער מענשהייט אין איין אָרגאַניזם צוליב פראָגרעס און שלום. א וועקער און אויפרודערער פון די אונטערשטע סאָציאַלע קלאסען, אָבער ניט אין נאָמען פון זייערע באַ׳גזל׳טע רעכט, נאָר אין נאָמען פון זייערע מאָראַלישע פליכטען, וועלכע זיי דארפען אליין ערשט דערפילען. א רופער צום סאָציאַ־ליזם, אָבער ניט צוליב דעם מאטעריעלען געווינס אלס דעם לעצ־טען צוועק און סוף פון פראָגרעס, נאָר כדי אויפצוהויבען די מענש־הייט אויף נייע גייסטיגע הויכען, כדי עס זאָל אראָפּנידערען גאָט׳ס שכינה אויף די פעלקער.

ד ר. נ. ס י ר ק י ן.

דר. נחמן סירקין

איידער דער פאָרליגענדער בוך איז ארויס פון דרוק, איז אין מיטען פון זיין ניצליך און פרוכטבארען לעבען, — געשטאָרבען מיין באליבטער פריינט דר. נחמן סירקין, וועלכער האָט אָנגעשריבען די אויבענגעבראַכטע איינלייטונג צו מיין שריפט. די דאָזיגע עסיי, איינע פון זיינע לעצטע ליטעראַרישע ארבייטען, ערשיינט דאריבער POSTHUMOUS

מ א צ י נ י און ס י ר ק י ן! צוויי ענליכע גרויסע גייסטער. ביידע האָבען פרייוויליג און אין פולער מאָס, אָפּגעגעבען זייערע גייסטיגע און פיזישע כחות פאר דער נאציאָנאַלער איינהייט און באפרייאונג פון זייערע פעלקער. פיל פון דעם וואָס דר. נ. סירקין האָט דאָ געשריבען וועגען מאַציני, קאָן אויך אָנגעפאַסט ווערען אויף אים זעלבסט. ווייל מער פון אלץ איז ער געווען דער אַפּאָסטאָל פון דעם א י ד י ש ע ן רעוואָלוציאָנערען נאַציאָנאַליזם.

נ ח מ ן ס י ר ק י ן, פריידינער און נביא פון דער אידישער באפרייאונג, האָט אויך געזוכט די ווידערהויבונג פון׳ם גייסטיגען אידענטום צו אן עקזאָלטירענדע און שעפּפערישע אוניווערסאלע קולטור־מאַכט, — האַרמאָניש אָנגעפאַסט און פארבונדען מיט דער מאָדערנער וועלט. און די ריכטשנור פון זיין לעבען און פּאָליטישע טעטיגקייט, — די גייסטיגע און פיזישע באפרייאונג פון דעם אידישען פאָלק, און די אויפבוי פון דער אידישער היימלאנד אין ארץ ישראל אויף סאָציאַליסטישע יסודות, — איז פאר אים געווען א נויטיגער פאָרבאדינג צו דעם דאָזיגען הויכען ציל.

זאָל דער פאָרליגענדער בוך איבער מאַציני אונז אויך דערמאָנען דעם לעבען און קאַמף פון דעם שעפּפער פון סאָציאַליסטישען ציוניזם, און זיין אַן אָנדיינק פון דעם מוטיגען באַנער־טרעגער פון קעמפּפענדען אידענטום, דער ריינסטער אידישער אידעען־קעמפּפער פון אונזער צייט, — ד ר. נ ח מ ן ס י ר ק י ן!

מ. פריילִיכאָוו.

וואשינגטאָן, ד. ק., אָקטאָבער 1924.

הקדמה

אן עלענדער, א פארפאלגטער, א פּאָליטישער אנטרונענער, איז אין חודש מערץ פון דעם יאָר 1872, געשטאָרבען דער גרויסער איטאליענישער פרייהייטס קעמפער און פאָלקס־לערער **דזשו־זעפּפּא מאַציני.**

דער סוף פון מאציני'ס שטורעמדיגען לעבען איז געווען רירענד און פּאטעטיש. דער גרויסער פּאַרקעמפער פון דעם אוניווערסאלען רעוואָלוציאָנערען נאציאָנאליזם, דער גרעסטער און רייינסטער העלד אין דעם לאנגען קאמף פאר איטאליענישע איינהייט און באפריי־אונג, וועלכער האָט מער ווי וועלכער אנאנדער איינציגער פערזאָן בייגעשטייערט צו פארוואנדלען א גרופּע צוטיילטע אונטעריאָכטע פּראָווינצען אין איין גרויסע און פרייע מדינה, איז אָבער אליין, א דאנק זיין אייגענער אומקאָמפּראָמיסליכקייט און געטרייקייט צו זיין הויכער השגה פון פליכט און אויפפירונג, — געשטאָרבען א היימלאָזער, א פרעמדער אין זיין אייגען לאנד, — אָן אן אייגען דאך איבער זיין מידען ווייסען קאָפּ, און אויף א פרעמדער בעט.

מאַציני איז געשטאָרבען בעת ער האָט זיך אונטער א פרעמ־דען נאָמען אויפגעהאלטען אין הויז פון זיינע איבערגעגעבענע אידישע פריינד **ראָזעלי — נאַטאַן,** די פאמיליע פון דעם שפּעטערדיגען בירגערמייסטער פון דער שטאָט רוים. ביי זיין יציאת נשמה האָט זיך בלויז געפונען די ליבענסווירדיגע **זשאַנעטא נאַטאַן — ראָזעלי.**

אויף אזא אופן האָט זיך געענדיגט א לעבען פון גלות אָפּריכ־טען, פון ניט אויפהערליכע ליידען און קאמף. אזוי איז פון דער בינע פון לעבען אראָפּ איינער פון די הערליכסטע און ליכטיגסטע פּערזענליכקייטען אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט.

אין דער אידישער ליטעראטור איז וועגען דזשוזעפּא מאַציני זייער ווייניג געשריבען געוואָרען. עס איז כדאי זיך באקענען אביסעל נעענטער מיט דעם לעבען און טעטיגקייט פון דעם אָנפּי־רער פון דער היסטאָרישער איטאַליענישער רעוואָלוציע. אויב דער פּאָרליגענדער בוך וועט דינען צו ערוועקען ביי אונז אן אינ־טערעס אין איינע פון די הערליכסטע קאפּיטלען פון דער וועלט גע־שיכטע, און ארויסברייגנען אין דער ליכט פון דער געגענווארט איינעם פון די סימפּאטישטע און ליכטיגסטע פּערזעליכקייטען פון דעם נייצענטען יאָרהונדערט, — וועט דער שרייבער זיך פילען גענוג באלוינט.

די אינגסטע געשיכטע פון דעם איטאַליענישען פאָלק, אָדער בעסער געזאָגט, די געשיכטע פון די איטאַליענישע באמיאונגען צו דערגרייכען נאַציאָנאַלע איינהייט און פרייהייט, האָט אן אינטערעס און באדייטונג פאר אלע אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטען. ע ס איז א גלאָררייכער ביישפּיל פון נאַציאָ־נאַלען תחית המתים, און באווייזט די אלמעכטיגקייט פון א גרויסער אידעע.

ביז צו דער נייעסטער צייט, איז איטאַליען געווען צעריסען און צעטיילט צווישען רויבערשע פרעמדע מאכטען. דער געדאנק פון איטאַליענישע איינהייט און פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, איז, ווי שפּעטער ביי אונז אידען דער פּאָליטישער ציוניזם, (אין זיינע קינדער יאָרען) געווען אין די אויגען פון זיינע געגנער, ניט מער ווי א „פאנטאסטישער חלום פון צעהיצטע מחות".

אין די אויגען פון די הערשער פון איירא̇פּא איז גאנץ איטא־ליען געווען ניט מער ווי „א געא̇גראפישער אויסדרוק״ *)

ניט בלויז אין די רעאקציא̇נערע קרייזען איז פארשפּרייט געווען אזא מיינונג. ק א̇ ב ד ע ן, דער בארימטער ענגלישער דעמא̇קראט און אפּא̇סטעל פון „פריי טרייד״ הא̇ט אין א בריוו גע־שריבען צו מארקא מאנגהעטי אין יא̇ר 1847 (בלויז איין יא̇ר פריער פאר די גרויסע רעוואלוציא̇נערע געשעענישען אין איטאליען) זיך אויסגעדריקט ווי פאלגט: „וואס אנבאלאנגט דער אידעע פון אי־טאליען ווערענדיג איין געאייניגטע מדינה אונטער איין הערשער, באטראכט איך עס ווי א קינדערשער חלום״.

א̇בער א דאנק די גלענצענדע טעטיגקייט פון מ א צ י נ י, ג א ר י ב א ל ד י, ד נ י א ל מ א נ י ן, דער אידישער גרינ־דער פון דער רעוואלוציא̇נערער רעפּובליק אין ו ו ע נ ע צ י ע, און אנדערע בראווע קעמפער, איז פון דעם דא̇זיגען חלום געווא̇רען א ווירקליכקייט. איטאליען איז געווא̇רען פאראייניגט, און דא̇ס איטאליענישע פאלק פ א̇ ל י ט י ש פריי און זעלבסטשטענדיג.

עס איז איצט ניט מיין כונה דא̇ צו געבען אן אויספירליכע ביא̇גראפיע פון דער ליכטיג־מאיעסטעטישער פערזענליכקייט פון מאציני. דערצו וואלט נויטיג געווען א פיל גרעסערע ווערק ווי דא̇ס איצטיגע.

מיין אבזיכט איז בלויז אין אלגעמיינע שטריכען א̇נצוצייכע־נען דא̇ס בילד פון מאציני׳ס לעבען, און אויך איבערגעבען זיינע הויפּט געדאנקען און אנשויאונגען וועגען דעם נאציא̇נאליזם.

מען וואלט געקא̇נט א̇נפילען גאנצע ביכער מיט שילדערונגען פון דער עקא̇נא̇מישער אונטערדריקונג און גייסטיגער ירידה פון

---

*) א פאראכטליכער אויסדרוק פון דעם בארימטען עסטרייכישען מיניסטער פ י ר ס ט מ ע ט ע ר נ י ך.

דעם איטאַליענישען פאָלק, אין די צייטען פאר דער גרויסער איטאַ־ליענישע רעוואָלוציע, אין וועלכע די פערזאָנען, וועלכע ווערען דאָ ארויסגערופען פון דער נאָענטער פארגאנגענהייט, האָבען אזא גרויסע ראָלע געשפּילט.

דאָס פאָלק האָט געליטען אונטערדריקונג ניט בלויז פון די אויסלאַנדישע טיראַנען. די אייגענע איטאַליענישע פּרינצען, וועל־כע זיינען אָפטמאָל אליין געווען ניט מער ווי אונטערטעניגע וואַ־סאַלען פון די מעכטיגע אויסלאַנדישע אימפּעריעס, האָבען אין מערסטע פאַלען אריבערגעשטייגט די ברוטאַליטעטען פון דעם אויסלאַנדער.

פון צייט צו צייט, פלעגען די דאָזיגע פרעמדע מאכטען אין איטאַליען צווישען זיך מלחמה פירען. ווי געוועגליך, האָבען די דאָזיגע מלחמות אומפארמיידליך מיט זיך געבראַכט הונגער, מגפות און אגריקולטורעלען שטילשטאַנד, פון וועלכע עס האָבען אַם מערסטענס געליטען די ערנידעריגטע און דערשלאָגענע פאָלקס מאַסען. אָבער מער פון אלץ האָט זיך געלאָזט פילען די ברוטאַלע אונטערדריקונג מצד די אָרטיגע רעגירונגען.

פון די לעצטע, אין הינזיכט פון אונטערדריקען און עקספּלאָאַי־טירען דאָס פאָלק, האָט פארנומען דעם אויבען אָן, די הערשענדע מאַכט אין די אזוי אָנגערופענע „פּאַפּסטליכע שטאַאַטען״, אין וועל־כע דער קאָפּ פון דער קאַטוילישער קירכע האָט געהערשט אלמעכ־טיג.

אין די דאָזיגע שטאַטען האָבען די קאַרדינאַ־לען, ווי אויך די קלענערע באאמטע, אויף אלערליי אופנים אויסגע־נוצט פאר זיך די אומוויסענהייט און דעם אבערגלויבען פון די פּאָלקס מאַסען. זיי, די פּריווילעגירטע יחידים, האָבען זיך געלאָזט וואוילגיין אין לוקסוס און אין אויסגעלאַסענהייט, בשעת דאָס פּאָלק איז וואָס ווייטער אלץ מער און מער געזונקען אין אָרימקייט.

געטריבען דורך דעם בייטש פון הונגער, האָבען זיך פילע אָרימע פאָלקס־קינדער געגומען צו רויבעריי אלס לעצטער מיטעל, זיך צו דערהאַלטען ביים לעבען. גאנצע באנדעס פון די דאָזיגע רויבער, אומגעשטערט פון די אָרטיגע רעגירונגען, פלעגען וואַנ־דערען פון שטאָט צו שטאָט, אטאקירען און טעראָריזירען גאנצע גע־גענדען.

אין די פאפסטליכע שטאאטען, האָבען ביז צום אָנהויב פון ניינצענטען יאָרהונדערט, אָנגעהאַלטען עבט מיטעלאַלטערישע צו־שטאַנדען. האנדעל און אינדוסטריע האָט כמעט ווי ניט עקזיס־טירט, און אויך גאנץ ווייניג אגריקולטור. אויף שריט און טריט האָט מען געקענט זען גלחים, מאָנאכען און „קרובים" פון'ם היי־ליגען פאָטער, וועלכע האָבען ווי שוין אויבען דערמאָנט, געהאַלטען אין איין באַרויבען דאָס פאָלק. די לאגע פון דער אידישער באַ־פעלקערונג איז געווען א סך ערגער ווי אנדערע — עס האָבען גע־ברענט ניט בלויז די פייערען פון רעליגיעזען־האַס, נאָר אויך בוכ־שטעבליך די אוטאַ־דעפע פייערען פון דער אינקוויזיציע, וועלכע די קאַטוילישע קירכע האָט קעגען זיי אָנגעהאַלטען.

ווען עס האָט אין פראנקרייך אין לויף פון דעם אַכצענטען יאָרהונדערט, ערב דער גרויסער רעוואָלוציע פאנאנדערגעבליט די שולע פון די ע נ צ י ק ל אָ פ ע ד י ס ט ע ן, און די נייע אידעען וועגען פילאָזאָפיע, עקאָנאָמיע און פאָליטיק פון ד ע מ אָ נ־ ט ע ס ק י ע, וואָלטער, זשאַן זשאַק רוסאָ, און זייערע קאָלעגען, זיינען בּיסלעכוויין פאָפּולער געוואָרען אויך אוי־סערהאַלב די גרענעצען פון פראנקרייך, — האָבען די דאָזיגע נייע ווינטען זיך אויך דערטראָגען צו דעם אומגליקליכען איטאַליענישען האַלב־אינזעל.

אָבער בלויז איינציגע אינטעלעקטען, יחידי סגולה, האָבען זיך אָפּגערופען אויף די דאָזיגע נייע אידעען.

די „העברע״ שיכטען זיינען געווען צופיל אריינגעלאָזען אין זייערע ווילדע אַרגיעס און וואקכאַנאַליעס, און די אַרימע מאסען צו טיף פארזונקען אין אַנאַלפאַבעטישער אומוויסענהייט, — צו קאָנען באגרייפען און אויפנעמען די נייע נשמה־דערהויבענ־דע און צום קאמף וועקענדע פרייהייטליכע אידעען. מער ערפאָלג, ווי מיר וועלען באלד זען, האָבען אין איטאליען געהאט די לאָזונגען און דער איינפלוס פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע.

אין פאָדערגרונד פון די עטליכע אינטעלעקטועלע מענשען אין איטאליען, וועלכע האָבען זיך אָפּגערופען אויף דער דערמאָנטער גרויסער דערוואכונג, וועלכע מען האָט ערווארטעט מיט׳ן נייעם (ניינצענטען) יאָרהונדערט, שטייט דער אדעליגער וויטאריא אלפיערי, (1749—1803) פון טורין. א באדייטענדער דיכטער און דראמאטורג.

אלפיערי האָט זיינע אנשויאונגען איבער פרייהייט פארקער־פערט אין דראמאטישע שאפונגען און אין קלאסישע טראגעדיעס, ווי אויך אין אנדערע פאָרמען פון פאָעטישער שאפונג, אין וועלכע ער האָט אָפען אויסגעדריקט זיין האס קעגען דער אונטערדריקונג פון איטאליען. אלפיערי האָט אָנגעוויזען אויף דער מאָראלישער ירידה וועלכע ליגט אין נאציאָנאַלע פארשקלאפונג. ער האָט מוטיג געפאָדערט פרייהייט און נאציאָנאַלע דערוואכונג.

* * *

פאָליטיש, האָט דאָס איטאליענישע פאָלק געליטען אונטער א פילפאכען טיראנישען יאָך ביז צום אָנפאנג פון די זעכציגער יאָרען פון דעם ניינצענטען יאָרהונדערט. פון רוימישען פּאפּסט, וועלכער האָט באהערשט גרויסע פראָווינצען פון לאנד, און דעספאָטיש געדריקט די דאָרטיגע איינוואוינער; פון די בורבאנישע שפאניען, פון עסטרייך, וועלכע האָט זיך פון יאָר 1706 באפעסטיגט אין לאמבארדיען און אין אנ־

דערע שטאַאַטען אין איטאַליען, און אויף א ביסעל א מילדערען אופן, אויך פון די פ ר א נ צ ו י ז ע ן.

די לעצטע האָבען זיך אהין אריינגעריסען תיכף נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען נ א פ א ל ע אָ ן ב אָ נ אַ פ א ר ט ע, עראָבערענדיג פיל לענדער, נאָענטע און ווייטע, האָט אריבערגעהענדיג די אלפען מיט זיין ארמעע, אויך באזיגט איטאַליען.

אָבער אינאיינעם מיט די „אָדלערען" פון זייער פארגעטערטען קאָמאנדיר, האָבען די פראנצויזישע חילות מיטגעבראכט קיין איטאַליען, די אויפפלאמענדע לאָזונגען פון דער גרויסער רעוואָלוציע: נאפּאָלעאָן האָט פארמאכט די מאָנאַסטירען, פארבעסערט די אינדוסטריע, און האָט איינגעפירט בעסערע געזעצען און אָרדנונג אין לאנד. ער האָט אויך אָפּגעשאפט די באגרענצונגען קעגען די אידען און האָט אויפגעמאַכט די טויערען פון דער אלטער געטאָ.

די נאפּאָלעאָנישע ערא אין איטאַליען האָט אויך דערמוטיגט די פארפאָלגטע גרופּען פון די איטאַליענישע פ ר י י מ ו י ע ר ע ר, ארויסצוקומען אין דער עפענטליכקייט.

מיט נאפּאָלעאָן באָנאַפּארט אלס באשיצער, האָט דער דאָזיגער פּראָגרעסיווער אָרדען, אָנגעפאנגען א ברייטע עפענטליכע טעטיגקייט איבער'ן גאנצען לאנד. פריימויערער „לאדזשען" זיינען געגרינדעט געוואָרען אין אלע גרויסע צענטערען. עס האָט ווירקליך אויסגעזען ווי דאָס איטאַליענישע פאָלק האָט בישלאכוויז אָנגעהויבען צו זיך קומען, נאָך דעם שרעקליכען קאָשמאר פון דער פּאפּסטליכער אויטאָקראטיע און טיראַניי.

די דאָזיגע פיל פארשפּרעכענדע בעסערונג האָט אָבער לאנג ניט אָנגעהאלטען. *)

*) זעט New England Freemason אין דעם Italian Freemasonery, 1875. Boston. באנד ע.ק. ז"ז 229—230.

טראָץ די שפּעטערדיגע טיראַנישע האַנדלונגען פון דעם „קליינעם קאָרסיקאַנער", ווי למשל, דאָס ארויפזעצען זיין ברודער יאָזעף אויפ'ן טראָן פון נעאַפּעל אין יאָר 1806; און דעם שווערען לאַסט פון צינזען, וועלכען נאַפּאָלעאָן האָט ארויפגעלעגט אויפ'ן איטאַליענישען פאָלק, צו העלפען פינאַנסירען זיינע פאַראַדנע מיליטערישע קאַמפּאַניעס, האָט די פראַנצויזישע אריינדרינגונג אויך געבראַכט גוטעס, דורכדעם וואָס די רעוואָלוציאָנערע אידעאַלען פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט" האָבען געפונען א פרוכטבארען באָדען צווישען איטאַליענישע פאָלקס מאַסען.

אין איטאַליען איז אנטשטאַנען א נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וועלכע די רעגירונגען האָבען געזוכט צו דערשטיקען מיט אן אייזערנער האַנט. א דאַנק די דאָזיגע רעפּרעסיעס, האָט די נאַציאָנאַלע פרייהייטס באַוועגונג געמוזט ווערען אן אונטערערדישע, און דער געפיל פון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג האָט דאָן געפונען אויסדרוק אין דער געהיימער רעוואָלוציאָנערע ליגע, — די „קאָרבאַנאַרי".

נאָך נאַפּאָלעאָנ'ס ענדגילטיגע מפּלה אין דער היסטאָרישער שלאַכט ביי וואָטערלאָ, האָבען די אלעאירטע „גרויס מאַכטען" פון איירפּא זיך פאַרזאַמעלט אויף דעם ווינער וועלט־קאָנגרעס אין יאָר 1815.

די זיגער האָבען זיך דאָרט צעטיילט מיט נאַפּאָלעאָנ'ס ירושה. עסטרייך איז געזעסען פעסט אין זאָטעל, און האָט דורך איר פעאיגען אויסלאַנדישען מיניסטער פירסט מעטערניך, אויפ'ן קאָנגרעס געשפּילט א דאָמינירענדע ראָלע.

דורך די באַמיאונגען פון דעם ביטערען יעזואיטישען דיפּלאָמאַט, קאַרדינאַל קאָנסאַלווי, וועלכער האָט אויפ'ן ווינער קאָנגרעס פאַרטראָטען דעם פּאַפּסט, האָט דער אויטאָקראַט

פון דעם ווארטיקאן צוריקגעקראגען אונטער זיין קאנטראל די אלע געוועזענע שטאאטען פון דער קירכע. און ועל כולם, האט מען דארט אין ווין געגרינדעט דעם „הייליגען אליאנץ", דורך וועלכען די הערשער פון אייראפא האבען זיך פארפליכטעט געגענזייטיג צו שיצען און שטיצען אין קאמף קעגען דעם פרייהייטס גייסט, וועלכען די פראנצויזישע רעוואלוציאן האט ארויסגערופען אויפ׳ן קאנטינענט, קעגען דער נייער ארדנונג, וועלכע האט זיי געדראעט מיט פארניכטונג.

אנטקעגען דעם דאזיגען „הייליגען אליאנץ" האט שפעטער דושר־זעפא מאציני אנגעפירט א העפטיגע אויפקלערונג׳ס אגיטאציע און אומערמידליכען קאמף.

דער ווינער קאנגרעס האט צעטיילט איטאליען אין אכט באזונדערע שטאאטען. די זיינען געווען:

א) די עסטרייכישע קעניגרייך פון לאמבארדיען און ווענעציע, מיט אן עסטרייכישען וויצע־קעניג אלס הערשער.

ב) די קעניגרייך פון סארדיניען.

ג) די קעניגרייך פון סיציליען.

ד) דער גרויס הערצאגטום פון טאסקאנא.

ה, ו, און ז) די גרויס הערצאגטימע פארמא, מא־דענא און לוקקא. ועל כולם:

ח) די אלע קירכליכע פראווינצען פון פאפסט, וועלכע מען האט אים צוריקגעגעבען ווי איין געאייניגטער שטאאט, איבער וועל־כען ער האט אויסגעאיבט אן אבסאלוטע און טיראנישע הערשאפט.

א דאנק דעם דאזיגען באשלוס פון ווינער קאנגרעס איז פאפסט פיוס דער זיבעטער ווידער געווארען הערשער איבער די פאפסטליכע שטאאטען. (צענטראל איטאליען).

ער האָט באלד גענומען פארפאָלגען די אומגליקליכע איי־דען, וועלכע האָבען געהאט פריי אָפגעאָטעמט אונטער דעם נאפּאָ־לעאָנישען רעזשים.

דער בארימטער אידישער היסטאָריקער **היינריך גרעץ** (1891—1817) גיט אָן צווישען אנדערע, אויך די פאָלגענדע פאקטען פון דער דאָזיגער רעסטאווראציע.

דער פּאפּסט האָט גלייך באנייט די אינקוויזיציע מיט׳ן אוטאָ־דע־פעע. ער האָט געצוואונגען די אידען אין רוים צו פארלאָזען זייערע שיינע וואוינונגען אין אלע טיילען פון שטאָט, און האָט זיי ווידער פארשפארט אין דער ענגער, פינסטערער געטאָ. מען האָט די אידען אויך געצוואונגען בייצוואוינען ספּעציעלע גאָטעסדינס־טע אין די קאטוילישע קירכען, ביי וועלכע מען האָט געפרעדיגט זייער איבערגאנג צום קאטוילישען גלויבען. פאר די אידען אין איטאַליען האָט זיך דאָן צוריקגעקערט דער גאנצער מיטעלאלטער מיט זיינע ליידען, פארפאָלגונגען, בלוט און טרערען.

דאָס איטאַליענישע פאָלק, אבוואָל צעריסען און צעטיילט אין די דאָזיגע אכט באזונדערע שטאאטען, האָט זיך אָפט דערהויבען אין רעוואָלט קעגען זיינע הערשער. אָבער די אַלע אויפשטאַנדען זיינען אין טייכען בלוט דערטרונקען געוואָרען.

מען האָט אָבער ניט געקענט אין בלוט דערטרינקען אָדער אין קאַנאנען פייער פארברענען, די גרויסע אידעע פון איטאַליענישער איינהייט און נאציאָנאַלע פרייהייט. דאָס רעבעלירענדע פאָלק האָט בלויז געוואַרט אויף זיין ריכטיגען גייסטיגען דערציער און פאָלי־טישען פירער. און ער איז געקומען אין דער ריכטיגער צייט.

דאָס איז געווען **דזשוזעפּא מאציני**.

און אזא איז געווען די לאגע אין וועלכע דאָס לאַנד האָט זיך געפונען בעת מאציני האָט זיך באוויזען אויף דער סצענע פון אַק־ציאָן.

„גאַנץ איטאַליען" איז צו יענער צייט, לויט פּירסט מעטער־ניך'ס שפּרוך, געוועז בלויז א „געאָגראַפישער אויסדרוק". איז געקומען די וואונדערליכע פּערזאָן פון מאַציני, און א דאנק זיין אומבויגזאמען ווילען, זיין אומאויפהערליכען העראָאישען קאמף און זעלטענעם ביישפּיל פון אומפּארגלייכבארען אלטרואיזם, איז דער דאָזיגער געאָגראַפישער אויסדרוק פארוואנדעלט געוואָרען אין א גרויסער רעאַליטעט.

מ ש ה פ ר י י ל י כ אָ ו.

וואשינגטאָן, ד. ק., סעפּטעמבער 1924.

...מיר זאָגען צו אונזערע אונטערדריקער: אונטערדריקט אָבער ציטערט. ווען דער רוימישער סענאַט האָט באפוילען צו פארברענען קרעמוטיוס קארדאס' היסטאָריע, איז דערביי געשטאַנען א רוימישער בירגער וועלכער האָט מוטיג אויסגעשריען, „וואַרפט מיך אויך אריין אין די פלאַמען, ווייל איך קאָן די דאָזיגע היסטאָריע אויף אויסווייניג".

עס וועט קומען א טאָג, ווען איראָפּא וועט געבען אַן ענליכען ענטפער אויף אייער בלינדער ברוטאַליטעט. איר קאָנט טויטען מענשען, איר קאָנט אָבער נישט טויטען א גרויסע אידעע. אונזער אידעע איז אומשטערבליך. גיגאַנטיש הויבט זיך פון שטורעם ארויס. אזוי ווי אַ דימענט גלאַנצט זי אַלץ העלער נאָך יעדען פרישען קלאַפּ. זי ווערט פארקערפערט אין דער מענשהייט, און מעג אייער ברוטאַלע מאַכט און אייער גאַנצער כעס זיך אויסגיסען אויף יחידים, די טרעגער פון דער אידעע, — וועט זי נאָך אַלץ גיין פאָראויס מיט דעם אָקעאַנישען כח פון פאָלק. אירע כוואַליעס, די כוואַליעס פון דער צוקונפט וועלען צומאָל פארפלייצען דעם נאָמען און דעם אַנדענק פון אייער אַנטקעגענשטעלען זיך דעם פּראָגרעס פון די פעלקער..."

דזשוזעפּאַ מאַציני.

ד ז ש ו ז ע פ א מ א צ י נ י

ערשטער קאַפּיטעל

(1805—1830)

ערשטע יאָרען — פּריוואַטע טראַדיציעס אין הויז פון די מאַציניס — דער רעוואָלוציאָנער ר י נ י — אין אוניווערזיטעט — ערשטע ליטעראַרישע אַרבייט — די קאַרבאָנאַרי — מאַציני׳ס ערשטער אַרעסט — סאַוואָנער פעסטונג — מאַציני ווערט אַ פּאָליטישער עמיגראַנט.

ד ז ש ו ז ע פ א מ א צ י נ י איז געבאָרען געוואָרען דעם צוויי און צוואַנציגסטען יוני, אין דעם יאָר 1805 אין ג ע נ ו א, א י ט א ל י ע ן.

זיין פאָטער, דאָקטאָר ז ש א ק א מ י מ א צ י נ י, א ליבעראַלער און פרייהייטס ליבענדער מענש, איז געוועזן אַ פּראָמינענטער מעדיקער און פּראָפעסאָר פון מעדיצין אין גענוא׳ר אוניווערזיטעט.

די מוטער, מ א ר י א מ א צ י נ י, איז געוועזן אַ מערקווירדיגע פרוי: העכסט אינטעליגענט, הויך געבילדעט און שאַרפזיניג. יונגערהייט איז זי אויך בארימט געוואָרען פאַר איר זעלטענער שיינקייט. אָבער מער פון איר בילדונג האָט זי אויסגעצייכענט איר צאַרטע און ערעלע נשמה. מאַריא דראַגאָ *) איז אַלעמאָל געווען דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון הויכען מאָראַל און הומאַניטאַריזם. עמפּפינדליך צו די ליידען פון אַנדערע, און אימער גרייט צו העלפען וואו און מיט וואָס און וועמען זי האָט נאָר געקאָנט. זי

*) דער מיידעלשער נאָמען פון מאַציני׳ס מוטער.

איז געווען א הייסע רעפובליקאנערין און האָט געהאסט יעדע אונ־טערדריקונג.

פון איר האָט דזשוזעפּא גע'ירשנ'ט פילע פון די נאָבעלע שטריכען אין זיין כאראקטער. מאציני'ס מוטער, צו וועמען ער איז געווען איבערגעגעבען, האָט געשפּילט א באדייטענדיגע ראָלע אין זיין לעבען. זי האָט איר זון פיל מיטגעהאָלפען אין זיין לעבענס לאנגען קאמף.

דער דעמאָקראטישער גייסט פון זיינע עלטערען, וועמען עס האָט מער אינטערעסירט דער כאראקטער פון א מענשען, איידער זיין פינאנציעלער שטאנד, — האָט דעם יונגען מאציני שטאַרק באאיינפלוסט.

א דאנק אָט די דאָזיגע ערשטע איינדרוקען פון די קינדער יאָ־רען, האָבען זיך ביי אים פרי אנטוויקעלט יענע הייסע ליבע צו פרייהייט, און יענער טיפער גלויבען אין גלייכהייט, וועלכע האָבען כאראקטעריזירט זיין גאנצען לעבען.

קינדווייז איז דזשוזעפּא געווען שוואך און קרענקליך. ער האָט ניט געקאָנט אומגיין ביז זיין זעקסטען יאָר. אָבער גייסטיג האָט זיך דאָס קינד שנעל אנטוויקעלט, און עס האָבען זיך ביי אים ארויס־געוויזען סמנים פון אויסערגעוויינליכער גייסטיגער פעאיגקייט. גאנץ פרי האָט ער אָנגעהויבען לייענען פארשידענע ביכער מיט א מערק־ווירדיגער זשעדנעקייט. כמעט גלייכצייטיג מיט זיין מוטערשפּראך האָט ער זיך אויסגעלערענט פראנצויזיש.

א שיינער אינצידענט וואָס קאָן כאראקטעריזירען דעם צו־קונפטיגען מאציני, איז מיט אים פאָרגעקומען אויף זיין ערשטער שפּאציר.

אויפ'ן גאס האָט ער צום ערשטען מאָל דערזען א בעטלער, אן אַלטען מאן מיט א לאנגער ווייסער באָרד. דאָס קינד איז א פּאָר מינוטען געשטאַנען ווי פארגליווערט. די מוטער, וועלכע האָט גע־

מיינט, אז איר קינד האָט זיך פאַר'ן אַלטען בעטלער דערשראָקען, האָט דעם קליינינקען דזשוזעפּאַ'ן צוגעדריקט צו זיך. פּלוצים האָט זיך דאָס אינגעלע אָפּגעריסען פון דער מאַמען, איז צוגעלאָפען צום בעטלער, אים אָנגעכאַפּט פאַר'ן האַנט, און עס אָנגעהויבען צו קו־שען.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו דער מאַמען: „גיב אים עפּעס, מאַמאַ, גיב אים עפּעס!"

„ליבט אים שטאַרק, מאַדאַם", האָט דער בעטלער אויסגערו־פען, „ער איז איינער, וועלכער וועט ליבען דאָס פאָלק".

די דאָזיגע פריע נייגונג זיך צו אידענטיפיצירען מיט דעם ליי־דענדען פאָלק, איז פיל פארשטאַרקט געוואָרען אין דער צאַרטער און עמפּפינדליכער נשמה פון דעם קליינעם מאַציני, דורך די אָפטע גע־שפּרעכען, וועלכע אים איז אויסגעקומען בייצואוואוינען ביי זיינע עלטערן אין הויז.

די דאָזיגע געשפּרעכען צווישען זיין פאָטער און זיינע פילע באַזוכער, האָבען זיך הויפּטזעכליך געדרייט אַרום דער פ ר י י־ה י י ט, און גאַנץ אָפט, אויך בנוגע דעם דאַמאָלסדיגען נייעם רעפּובליקאַנישען רעזשים אין פראַנקרייך, פון נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אין מאַציני'ס פאָטער געהאַט אַ באַגייסטערטען אָנהייגגער.

איינמאָל, נישטערענדיג אין זיין פאָטער'ס ביבליאָטעק, האָט מאַציני געפונען, פאַרשטעקט צווישען די דיקע מעדיצינישע ביכער, אַ פּעקעל אַלטע פראַנצויזישע צייטונגען. צווישען זיי זיינען אויך געווען אייניגע נומערען פון דער ז ש י ר אָ נ ד י ס ט י ש ע ר*) צייטשריפט "Chronique Du Mois" (מאָנאַטליכע כראָניק).

---

*) די זשיראָנדיסטען זיינען געווען מעסיגע רעפּובליקאַנער. אַ בירגערליכע אָבער הויך אידעאַליסטישע פּאַרטיי אין דער גרויסער פראַנ־

מיר קאָנען זיך לייכט פאָרשטעלען מיט וואָס פאר א באגייס־טערונג און יראת הכבוד דער צאַרטער, ערעלער איננעל, האָט די דאָזיגע אָפּגעהיטע נומערען איבערגעלייענט.

דעם ערשטען שטויס צו דער איטאַליענישער נ אַ צ י אָ נ אַ ־ ל ע ר באוועגונג האָט מאַציני געקראָגען אין זיין ג ט שטאָט, גענוא. דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1821, ווען ער איז אַלט געווען פופצען יאָר.

אין יענעם יאָר, האָט די עסטרייכישע רעגירונג דערשטיקט דעם רעוואָלוציאָנערען אויפשטאנד פון די „קארבאָנארי" אין דעם פראָווינץ פ י ד מ אָ נ ט. פילע פידמאָנטער רעוואָלוציאָנערען האָבען דאמאָלסט געזוכט זיך צו רעטען איבער'ן ים, און זיינען אָנ־געקומען אין גענוא, ווייל פון איר פּאָרט האָבען זיי געהאָפט אָפּצור־פאָרען קיין שפּאניען, וואו עס איז צו יענער צייט אויך אָנגעגאנגען א רעוואָלוציע, אָבער מיט מער ערפאָלג ווי אין איטאַליען. דער אנבליק פון די דאָזיגע אויסגעהונגערטע, האלב־נאַקעטע פליכטלינגע, האָט געמאכט א טיפען רושם אויף דער באפעלקערונג פון גענוא. עס האָט זיך תיכף אָנגעהויבען א באוועגונג פאר א רעוואָלוציאָנע־רען אויפשטאנד אויפ'ן אָרט; אָבער אויף דער עצה פון די מער ערפארענע רעוואָלוציאָנערען, האָט מען עס ניט אונטערגענומען,

---

צוויזישער רעוואָלוציע. זייער הויפּט שטיצע האָבען זיי געקראָגען פון די פּראָווינצען, וועלכע האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפען צו די יאַקאָבינער. מיט'ן טריאומף פון די עקסטרעמערע רעוואָלוציאָנערען אין יאָר 1793, איז געקומען דער סוף פון דער זשיראָנדיסטישער מאכט, און פילע פון זייערע אינטעלעקטועלע אָנפירער, צווישען זיי די בארימ־טע מ א ד א ם ר אָ ל אַ ן, זיינען דעם זעלבען יאָר הינגעריכטעט געוואָרען אויף דער גילאָטינע אין פאריז.

ווייל עס האָט געפעלט די נויטיגע געווער און אמוניציע פאַר א מעגליכען פאַרטיידיגונג'ס קאמף.

אין א געוויסען זונטאָג אין אפּריל, דערציילט מאַציני, שפּאַ־צירענדיג מיט זיין מוטער אויף דער „סטראַדאַ נואָוואַ". (די נייע גאַס), האָט זיי א הויכער, פעסט געבויטער מאַן אָפּגעשטעלט. דער מאַן האָט געהאַט א שוואַרצע באָרד. זיין ערנסטער פּנים האָט גלייך אויף זיך געצויגען אויפמערקזאמקייט, און אין זיינע אויגען איז געווען א פייערדיגער בליק. וועלכען דזשוזעפּע מאַציני האָט געדענקט זיין לעבענלאַנג.

דער פרעמדער האָט צו זיי אויסגעשטרעקט א ווייסען טאַשען־טיכעל, און געזאָגט, „פאַר די איטאַליענישע פליכטלינגע". מאַצי־ני'ס מוטער האָט אין יינגעלייגט עטליכע מטבעות, און דער פרעמ־דער איז פון זיי אוועק פאַרזעצען זיין זאמלונג.

מאַציני איז שפּעטער דערגאַנגען, אז דער דאָזיגער זאמלער איז געווען ניט קיין אנדערע ווי דער איטאַליענישער רעוואָלוציאָ־נער ר י נ י, א קאַפּיטאַן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וועל־כער איז, באַלד נאָך דעם דערמאָנטען אינצידענט, אָפּגעפאָרען קיין שפּאַניען מיט א גרופּע איטאַליענישע רעוואָלוציאָנערע קאמעראַ־דען, און איז שפּעטער געפאַלען אין דער שפּאַנישער רעוואָלוציע.

יענעם זונטאָג, אונטער דעם פרישען, פיינליכען איינדרוק פון די אנטלאָפענע פּידמאָנטער רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטען, איז ביים יונגען מאַציני צייטיג געוואָרען דער געדאַנק, דאָס איטאַליען מוז באַפרייט ווערען פון פרעמדען יאָך. ווי אזוי דער דאָזיגער ציל קאָן דערגרייכט ווערען, איז אים נאָך ניט קלאָר געווען, אָבער זיין גאַנצער וועזען איז באַהערשט געוואָרען פון דעם באַוואוסטזיין, אז דאָס איטאַליענישע פאָלק בכלל, ווי אויך ער אליין „קאָנען און זיי־נען דאַריבער מחויב צו קעמפען פאַר דער באַפרייאונג פון זייער לאַנד".

אין אוניווערזיטעט איז ער אַנגעקומען אויסערגעוויינליך יונג. ער האָט אָנפאַנגס בדעה געהאַט לערנען זיין פאָטער׳ס פּראָפעסיע. אָבער ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט באַהערשען זיין ווידערווי־לען צו דער אַנאַטאָמישער פּראַקטיק אין דער קליניקע, און ער האָט דאַריבער באַשלאָסען צו שטודירען יוריספּרודענץ. (1826).

דער איידעלער כאַראַקטער פון דעם יונגען סטודענט, ווי אויך זיין מערקווירדיגע גוטסקייט האָבען אים שנעל באַליבט און פּאָפּו־לער געמאַכט צווישען זיינע חברים, סטודענטען.

אין אוניווערזיטעט האָט ער צום ערשטען מאָל געטראָפען און אינטים זיך באַפריינדעט מיט די באַגאַבטע ברידער **רופּיני**, און דורך זיי, האָט ער זיך אויך באַקענט מיט זייער מוטער, די מאַר־קיזע, עלענאָרא רופּיני, — א נאָבעלע, זעלטען אינטעליגענטע, און ליבענסווירדיגע פרוי.

פילע אנגענעמע שטונדען האָט ער פאַרבראַכט אין דעם דאָזיגען קרייז פון וואַרימער פריינדשאַפט, דיסקוטירענדיג וועגען ליטעראַ־טור, וועגען פילאָזאָפיש רעליגיעזע פראַגען, און וועגען דער גייס־טיגער ווידעראויפלעבונג פון איטאַליען.

די דאָזיגע גרופּע האָט זיך ביסלאַכווייז פאַרגרעסערט, און מיט דער צייט איז דער יונגער דזשוזעפּאָ מאַציני געוואָרען דער גייסטי־גער אָנפירער פון דעם דאָזיגען קרייז, פון וועלכען עס זיינען ארויס פילע פון די מוטיגסטע קעמפער, וועלכע האָבען שפּעטער געשפּילט א גרויסע ראָליע אין דעם דראַמאַטישען קאַמף פאַר דער באַפריי־אונג פון איטאַליענישען פאָלק. צו יענער צייט האָט זיך מאַציני אויך אָנגעשלאָסען אָן די פריימויערער.

מאַציני, וועלכער האָט מיט ערפאָלג געענדיגט זיין שטודיום און באַקומען זיין דיפּלאָם אין יאָר 1827, איז אָבער קיין יוריסט ניט געוואָרען. זיין נאַטירליכע נייגונג איז פון אָנהויב אָן געווען פאַר דער ליטעראַטור. און אין לויף פון דעם פיר־יאָריגען אוני־

ווערזיטעט קורס, האָט ער אָנגעשריבען פילע ערענסטע אָפּהאַנד־לונגען.

זיין ערשטע עסיי איז געווען אויף דער טעמא „דאַנטע'ס ליבע צום פאָטערלאַנד". אין דער דאָזיגער עסיי איבער ד א נ ־ ט ע, דריקט מאַציני אויס זיין הויכע פארערונג פאר דעם גרויסען מיטעלאַלטערליכען איטאַליענישען דיכטער, ניט נאָר פאר זיין פּאָע־טישער הויך, נאָר אויך פאר זיין טיפער ליבע צום איטאַליענישען פאָלק.

אין יאָר 1826, האָט ער די דאָזיגע אָפּהאַנדלונג אריינגעשיקט אין דער צייטשריפט "Antologia Fiorentina" אין פ ל אָ ־ ר ע נ ץ, אָבער דער רעדאַקטאָר האָט זיך אנטזאגט זי אָפּצודרו־קען, צוליב דעם שטארק נאַציאָנאַלען טאָן, וועלכען מאַציני האָט דערין אַנגעשלאָגען. מיט איינינע יאָר שפּעטער איז דיזעלבע עסיי פארעפענטליכט געוואָרען אין דער צייטשריפט „סובאַלפּינאָ".

פון שטאַנדפּונקט פון דער איטאַליענישער ליטעראַטור גע־שיכטע, איז די דאָזיגע עסיי וויכטיג דערמיט, וואָס מאַציני שליסט זיך דאָ אָן אָן דער מחנה פון די „יונגע", די איטאַליענישע „ראָמאַנ־טיציסטען", אין זייער דאמאָלסדיגען קאַמף קעגען די אזוי אָנגערו־פענע „קלאַסיציסטען".

די ליידען פון די פאָלקס־מאַסען, די טיראַניי פון דעם פרעמדען אויבער־הערשער, דער דראַנג פון די מאַסען צו א בעסערען לעבען, דאָס אַלץ האָט צווישען די „קלאַסיציס־טען" קיין שום אָפּקלאַנג ניט געפונען. זיי האָבען געלעבט אין דער פארגאַנגענהייט, און זייערע ווערק האָבען אָפּגעשפּיגעלט בלויז די גרויסקייטען פון דאָס לאַנג שוין פארשוואונדענעס. מיט'ן רעאַלען לעבען און מיט די אַקטועלע נויטען האָבען זיי זיך ניט גערעכענט.

די „ראָמאַנטיציסטען" האָבען זיך אונטערגענומען צו שטירצען די הערשאפט און אונטערגראָבען דעם גרויסען איינפלוס פון די

„קלאסיציסטען” אין דער איטאַליענישער ליטעראַטור פון דער עפּאָכע. מאַציני'ס אָנשלוס האָט געשטאַרקט און דערמוטיגט די יונגע ליטעראַרישע רעבעלען. ער האָט פאַר זיי אוועקגעשטעלט אַלס פאָרבילד און באַגייסטערער, דעם גרויסען דיכטער און דראַ־מאַטורג פון סוף אכצענטען יאָרהונדערט ווי ט אָר י א אַ ל־פ י ע ר י (1749—1803), וועלכער האָט אין זיינע דראַמען גע־פּרעדיגט ניט געהאָרכזאַמקייט, נאָר שטאַרקען ווידערשטאַנד, צו דער עסטרייכישער טיראַניי.

דער דאָזיגער ליטעראַרישער שטרייט איז אַלזאָ געווען געצילט צו באַפרייען די איטאַליענישע ליטעראַטור פון דער טיראַניי פון אירע אַלטע אָפּגעלעבטע פאָרמען, בלינדע פאַרגעטערונג פון פאַר־גאַנגענער גרויסקייט, און הכנעה'דיגע געהאָרכזאַמקייט צו דער טראַדיציע. אין איינינע קלאָרע ווערטער דריקט מאַציני אויס די פאַרלאַנגען פון די ראָמאַנטיציסטען, זיי האָבען ערצילט, שרייבט ער: „צו געבען די איטאַליענער אַן אייגענאַרטיגע נאַציאָנאַלע ליטע־ראַטור, ניט אַזאַ, וועלכע איז ענליך צו די קלאַנגען פון פאַרביישווע־בענדע מוזיק, וועלכע גיט אַ קיצעל דעם אויער און שטאַרבט אָפּ, נאָר אַזאַ, וועלכע זאָל פאַר'ן פאָלק אויסטייטשען זיינע שטרעבונ־גען, זיינע אידעען, זיינע נויטען, און זיין סאָציאַלע באַוועגונג”.

אָבער די אויפלעבונג פון קונסט און ליטעראַטור, איז אין אי־טאַליען, ווי איבעראַל, געווען ענג פאַרקניפּט און אָפּהענגיג אָן דעם לעבען פון די פאָלקס־מאַסען, און דער דאָזיגער לעבען איז דאָרטען, לויט מאַציני'ן, געווען זייט הונדערטע יאָרען, אַ שקלאַפישער לע־בען; אַן עקזיסטענץ פון אונטערטעניגע קנעכט, וועמעס לע־בענס באַגריפען זיינען ארויפגעצוואונגען געווען פון דעם פרעמדען הערשער.

„דאָס ספּעציעלע שטרעבען פון דעם יחיד און זיינע אַספּיראַציעס ווערען גענערט פון די קאָלעקטיווע שטרעבונ־

גען פון גאנצען איטאליענישען פּאָלק. אַט ווי די בלומען די פּאָעזיע פון דער ערד, קריגען זייער באזונדערען קאָלאָ־ריט און שיינקייט פון א געמיינזאמען באָדען.*)

אָבער די פּאָליטישע לאגע אין איטאליען איז געווען אומגינ־סטיג. דער „קאָלעקטיווער לעבען פון איטאליען איז דאמאָלסט געווען אומזיכער, עס האָט געפעלט א געמיינשאפטליכער אידעאַל, עס איז ניט געווען קיין צענטער, די איטאליענישע קונסט האָט זיך דאמאָלסט נאָר ארויסגעוויזען אין „איזאָלירטע און אין וואולקאני־שע אויסברוכען”. די איטאליענישע קונסט

> „האָט נישט געקאָנט אננעמען די פאָרמע פון א רעגעלמעסי־גער און פּראָגרעסיווער אנטוויקלונג. עס איז נאָך ניט גע־קומען די צייט פאר אן אנטוויקלונג ווי אין דער וועלט פון פלאנצען, *וואו די באזונדערע בוימער מישען צונויף זייערע צווייגען און שטעלען מיט זיך פאָר די גיגאנטי־שע איינינקייט פון גרויסען וואַלד.*

— — — — — — — — — — — — — — — — —

....אָן א לאנד, און אָן פרייהייט קאָנען מיר העכסטענס נאָר פון צייט צו צייט ארויסגעבען אייניגע גרויסע יחידים, נביאים פון קונסט; אָבער ניט קיין *לעבעדיגע קונסט*. און דערפאר איז פאר אונז בעסער צו ווידמען אונזערע לעבענס צו דער לעזונג פון פּראָבלעם: „וועלען מיר האָבען א לאנד”?, און זיך גלייך נעמען צו דער פּאָליטישער פראגע און פּאָליטישען קאמף. און וועלען מיר דאָ ערפאָלג־

*) פון מאַציני'ס „אויטאָביאָגראפישע און פּאָליטישע נאָטיצען” (1864) באנד 1. זייט 8.

רייך זיין, וועט די איטאַליענישע קונסט גערייען און זיך פאַנאַנדערבליִען אויף אונזערע קברים".*)

און דער יונגער סטודענט דזשוזעפּאַ מאַציני, באַשליסט זיך אין גאַנצען ווידמען צו פּאָליטישער אַקטיוויטעט. אויפ'ן מזבח פון זיין פאָלקס באַפרייאונג ברייננגט ער זיין „ערשטען גרויסען קרבן" — זיין פיל פאַרשפּרעכענדע ליטעראַרישע קאַריערע.

זיינע ערשטע אַרטיקלען זיינען ערשינען אין דער צייטשריפט „אינדיקאַטאָר" פון גענואַ.

די דאָזיגע צייטונג איז אָנפאַנגס געווען אַ ריין־קאָמערציעלע בלאַט. מיט פיל מי האָט מען ביים רעדאַקטאָר גע'פּועל'ט ער זאָל אַריינגעמען אויך רעצענזיעס איבער נייע ביכער, און בכלל געבען פּלאַץ פאַר ליטעראַרישע עסייען.

צווישען אַנדערעס, האָט אין איר מאַציני פאַרעפענט־ליכט אַן איבערבליק איבער דער היסטאָרישער נאָוועלע און דער היסטאָרישער דראַמע, ווי אויך אַ רעצענזיע איבער שלעגעל'ס „היס־טאָריע פון ליטעראַטור".

ביסלאַכווייז האָט די צייטשריפט אָנגענומען אַ ליטעראַריש געשטאַלט, און איז פּאָפּולער געוואָרען אין די ליטעראַרישע און לי־בעראַלע קרייזען אין גאַנצען לאַנד. מאַציני האָט דאָן אין זיינע אַר־טיקלען אָנגעהויבען אַריינשמוגלען זיינע פּאָליטישע אַנשויאונגען. די דאָזיגע אַרטיקלען זיינען געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ מער דורכ־געדרונגען (פאַרשטעלטערהייט) מיט ליבעראַלע, פּראָגרעסיווע און דערנאָך גאַנץ רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען, וואָס ווייטער שוין אָפע־נער און דרייסטער, און האָבען שליסליך געפירט צו דער פּראָצע־

*) פון די אויבענדערמאָנטע „אויטאָביאָגראַפישע און פּאָליטישע נאָטיצען", לאָנדאָן 1864. באַנד 1. זייט 8.

סירונג און אונטערדריקונג מצד דער רעגירונג פון דעם „אינדיקאַ־טאָר גענאָוועז.“

מאַציני׳ן האָט מען פאַר א געוויסע צייט אויסגעוויזען פון גע־נוא, און ער איז אוועק קיין ל ע ג ה אָ ר ן, וואו ער האָט צו־זאמען מיט זיינע חברים ק א ר ל אָ ב י נ י און ד אָ מ י נ י ־ ק א ג ו ע ר אַ צ י, געגרינדעט דעם „אינדיקאטאָרע ליוואָר־נעזי“, א צייטונג וועלכע האָט אויסערליך פיגורירט אלס בכבוד׳י־גע קאָנסערוואטיווע האנדעלסבלאַט, און אלס אָרגאַן פאר קאָמער־ציעלע אנאָנסען. אין תוך איז דאָס געווען א רעוואָלוציאָנערע צייטשריפט מיט מאציני אלס הויפּט מיטארבייטער און טאָן־געבער, — און די אָרטיגע רעגירונג האָט שנעל געפונען פאר נויטיג אויך דאָס דאָזיגע „האנדעלסבלאט“ צו אונטערדריקען.

דאמאָלסט האָט זיך מאציני אָנגעשלאָסען אָן דער געהיימער רעוואָלוציאָנערע ליגע „ד י ק א ר ב אָ נ אַ ר י“, אן אָרגאניזא־ציע וועמעס מיטגלידער האָבען זיך וויניג געקימערט וועגען א וואַ־טיקאנישען חרם אָדער א טויט אורטייל מצד דער רעגירונג.

דער דאָזיגער געהיים־בונד האָט דערגרייכט א גרויסען איינ־פלוס אין אָנפאנג פון דעם ניינצענטען יאָרהונדערט. איר מיטגלי־דערשאַפט האָט זיך ריזיג פאנאנדערגעוואקסען מיט׳ן צופלוס פון מאסען פריי־מויערער, נאָך דעם פאלען פון נ א פּ אָ ל ע א ן ב אָ־נ א פּ א ר ט ע. ווען די רעסטאווירטע רעאקציע אין איטאליען האָט אָנגעפאנגען ברוטאל אונטערצודריקען די פּראָגרעסיווע עלעמענטען איבער׳ן גאנצען לאנד.

אין די פּאפּסטליכע שטאאטען האָבען די דאָזיגע רעפּרעסיעס אָנגענומען א מערדערליך גרויליכע פאָרמע. עס האָט בלויז גע־דארפט פאלען א ח ש ד אויף א מענשען, דאָס ער באלאנגט צו די פריי־מויערער, און דאָס איז שוין גענוג געווען צו פאר׳משפט׳ן און פארשיקען דעם אומגליקליכען אויף צען יאָר צוואנג־ארבייט.

די דאָזיגע פּאַרפּאַלגונגען האָבען שליסליך געפירט צו דער אויפלעזונג פון די אָרטיגע „לאָדזשען", און מאַסען פריימויערער האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער „ק א ר ב אָ נ א ר י", וועלכע איז, מיט אַלע חסרונות אירע, פאַרבליבען די איינציגע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד, וואָס האָט מוטיג געקעמפּט פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט.

די ערשטע רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדען פון דעם נייַנצענטען יאָרהונדערט אין איטאַליען, זיינען דורכגעפירט געוואָרען פון דער קארבאָנארי. אין ס י צ י ל י ע ן האָט זי געציילט א הונדערט טויזענט מיטגלידער, און אין נ ע א פּ ע ל אַליין האָט די צאָל קאַרבאָנאַרי מיטגלידער אריבערגעשטייגט א האַלבען מיליאָן.*)

אין דער קארבאָנארי איז מאַציני גאַנץ שנעל געשטיגען. ער איז באַלד געוואָרען איינער פון די לייטענדע גייסטער אין דער אָרגאניזאציע, וועמען מען האָט אָנפאַרטרויט די וויכטיגסטע אויפגאַבען. צווישען אַנדערעס, האָט מען אים געשיקט אויף א קאָנספּיראַטיווער מיסיע קיין ט אָ ס ק אַ נ אַ. אין לויף פון דער דאָזיגער רייזע, האָט ער אָרגאַניזירט נייע גרופּען אין לעגהאָרן און אין נאָך איינינע שטעט.

קורץ נאָך דער יולי־רעוואָלוציע אין פראַנקרייך, אין דעם יאָר 1830, האָט מען מאַציני'ן גע'מסר'ט צו דער פּידמאָנטער רעגירונג. אים האָט פאַרראַטען א רעגירונג'ס שפּיאָן מיט'ן נאָמען ק אָ ט י ן, וועלכער האָט געניסטערט צווישען די מיטגלידער פון דער קאַרבאָנארי.

מאַציני איז אריינגעפאַלען אין די הענט פון דער פּאָליציי אין

*) זעט: „איטאַליען פרימויסאָנרי", אין דעם „ניו ענגלאנד פרימויסאָן", 1875 באָסטאָן, באַנד עלף, זייט 230.

גענוא, וואוהין ער איז צוריקגעקומען פון לעגהאָרן, ווען דער טער־מין פון זיין אויסווייזונג האָט זיך געענדיגט. מען האָט אים ארעס־טירט בשעת ער איז איין אָוונט ארויסגעגאנגען פון זיין וואוינונג. (ביי זיינע עלטערען אין הויז). דער יונגער רעוואָלוציאָנער האָט גראדע דאמאָלסט געהאט מיט זיך גענוג מאטעריאל פאר וועלכע מען האָט געקאָנט פאר׳משפט׳ן; — שיס־קוגלען, אייניגע שיפרירטע בריוו, און די פאָרמולע פון דער קארבאָנארי „שבועה". עס איז אים אָבער געלונגען פון אלץ פטור ווערען באצייטענס.

א לאנגע שטרענגע הויז־זוכונג ביי מאציני׳ס עלטערען, האָט דער פאָליציי קיין שום נוצען נישט געבראכט.

אייניגע טעג האָט מען דזשוזעפּא׳ן געהאלטען פארשפארט אין דער שטאָטישער קאזארמע. אין לויף פון דיזע פאָר טעג איז אים געלונגען ארויסצושיקען ווארנונגען צו זיינע חברים זיי זאָלען פאר־ניכטען געוויסע דאָקומענטען*). נאָך אייניגע קרייץ־פארהערען האָט מען דעם ארעסטירטען אָפּגעשיקט קיין ס א ו ו אָ נ א, און אים פארשפארט אין דער דאָרטיגער פעסטונג.

ווען מאציני׳ס פאָטער איז געקומען צום גובערנאטאָר פון גע־נוא, זיך באקלאָגען וואָס מען האָט זיין עדעלען מענשענליבענדען זון פארשפארט אין תפיסה, וואו מען באהאנדעלט אים ווי א קרימינא־לען פארברעכער, האָט דער גובערנאטאָר געמאכט די פאָלגענדע ער־קלערונג:

„אייער זון איז א טאלאנטפולער יונגערמאן, וועלכער האָט ליב ארומשפאצירען ביינאכט איינער אליין, און טראכטען איבער

---

*) מאַציני האָט באַנוצט א בליי־פעדערל, וועלכען ער האָט געפונען פארשטעקט אין א לאבען ברויט, וואָס מען האָט אים צוגעשיקט פון דער היים. ער האָט געמאכט געוויסע אָנצייכענונגען אויף זיינע וועש, וועלכע מען האָט אים ערלויבט אָפּשיקען צו זיין מוטער.

זאכען וועלכע ער האלט אין געהיים; און די רעגירונג האָט נישט ליב טאלאנטפולע יונגע לייט. ווען איר איז אומבאקאנט דער אינ־האלט פון זייערע מחשבות".

זעקס מאָנאטען איז מאציני פארשפארט געווען אין דער סא־וואָנער פעסטונג, אָפגעזונדערט און אָפגעריסען פון דער אויסער־ליכער וועלט. דורך די אייזערנע גראטעס פון דעם קליינעם פענ־סטער אין זיין תפיסה קאמערל, האָט ער בלויז געקאָנט זען א שטי־קעל בלויען הימעל, און הערען דאָס רוישען פון דעם ים.

איינמאָל, דערציילט מאציני, איז צו אים, דורך די אייזערנע גראטעס, אריינגעפלויגען פון דער דרויסענדיגער פרייער וועלט א קליינינקע פייגעלע — א לוטשערינא. די פייגעלע האָט זיך צו אים צוגעטוליעט און אזוי צוגעוואוינט געוואָרען, דאָס זי האָט אים ניט געוואָלט פארלאָזען. זי איז מיט אים דאָרט פארבליבען די גאנצע צייט פון זיין געפאנגשאפט.

מאציני'ס לאנגע פארהאפטונג האָט אָבער ניט געפירט צו קיין פראָצעס. מען האָט קעגען אים ניט געקאָנט אויסגראָבען גענוי־גענדע באווייזע, און מען האָט אים באפרייט, אים שטעלענדיג אונ־טער פאָליצייאישער און מיליטערישער אויפזיכט. מען האָט אים אויך געגעבען די ברירה: זיך צוריקציען אין א קליין פארוואָרפען דערפעל, אָדער אין גאנצען פארלאָזען דאָס פאָטערלאנד.

מאציני האָט בעסער אויסגעקליבען פ ר י י ה י י ט אין דער פרעמד, איידער געפאנגענשאפט און באגרענעצונג אין דער היים.

אין אָנפאנג פון דעם יאָר 1831 איז ער אוועק קיין פ ר א נ ק ר י י ך.

אין ל י אָ ן האָט ער געטראָפען ק א ר ל אָ ב י א נ ־ ק א, ו ו א ר י נ א, ט ע ד ע ס ק י, און פילע אנדערע איטאל־

יענישע פּאָליטישע עמיגראַנטען, וועלכע האָבען אים אויפגענומען מיט אמת'ע חבר'שאפט און מיט אָפענע אָרעמס.

צו יענער צייט איז אויף דעם אינזעל ק א ר ס י ק א אָנגע־נאַנגען א רעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד. די רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך געפונען אין א געדריקטער לאַגע צוליב גרויס מאַנגעל אין געווער און אַמוניציע. מאַציני, צוזאמען מיט א קליינער גרופּע חברים, האָבען זיך אונטערגענומען אריבערשמוגלען קיין קאָרסיקא די נויטיגע וואפען. די דאָזיגע ריזיקאַלע אויפגאַבע האָבען זיי מיט ערפאָלג דורכגעפירט, אָבער ניט קוקענדיג אויף דער דאָזיגער הילף, זיינען די קאָרסיקאַנער רעבעלען לסוף איבערוועלטיגט געוואָרען.

אויסמיידענדיג די שפּיאָנען וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען אים פארכאפּן אין זייער נעץ, איז מאַציני'ן געלונגען צוריקקומען קיין ל י אָ ן. אין ליאָן האָט ער לאַנג ניט פארווייַלט און איז פון דאָרט אוועק קיין מ א ר ס י ל, וועלכע איז פון דער דאָ־זיגער צייט אָן, געוואָרען איינע פון די וויכטיגסטע אויסלאַנדישע צענטערן פון די איטאַליענישע רעוואָלוציאָנערען.

צווייטער קאַפּיטעל

(1831—1836)

אין מאַרסייל — „יונג איטאַליען" — מאַציני'ס אָפענער בריוו צום קעניג שאַרל אַלבערט — פאַרשפּרייטונג פון רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע — מאַציני'ס אויסווייזונג פון פראַנקרייך — אין דער שווייץ — דער אויפשטאַנד אין דער סאַרדיניער אַרמיי — טויט אורטייל קעגען דזשוזעפּע מאַציני — די סאַוואָיער עקספּעדיציע — די אויסווייזונג פון דער שווייץ.

ליגענדיג פאַרשפּאַרט אין דער סאַוואָנער פעסטונג, אָהן ביכער*) אָדער זשורנאַלען, וועלכע מען האָט אים פאַרבאָטען, האָט זיך מאַציני אין גאַנצען אָפּגעגעבען צו נאָכדענקען. נאָך אַזאַ חשבון הנפש פון זעקס חדשים, איז פאַר אים קלאָר געוואָרען זיין לעבענס אויפגאַבע.

ער איז געקומען צו דער פולשטענדיגער איבערצייגונג, דאָס כדי אָנצופירען אַן ערפאָלגרייכען קאַמף פאַר דער באַפרייאונג און פאַראייניגונג פון איטאַליען, איז נויטיג א נייע און מער ווירקזאַמע אָרגאַניזאַציע איידער די אַלטע קאַרבאָנאַרי מיט אירע מיסטישע, און צו דער דאָזיגער צייט שוין אָפּגעלעבטע צערעמאָניעס.

---

*) מיט דער אויסנאַמע פון דעם תנ"ך און א באַנד לאָרד בייראָנ'ס לידער. בייראָן האָט מאַציני'ן שטאַרק באַאיינפלוסט. און דער גרויסער רעוואָלוציאָנער האָט זיין פאַרערונג און דאַנקבאַרקייט צום ענגלישען קעמפער־פּאָעט אויסגעדריקט אין זיין גלענצענדער עסיי „בייראָן און געטהע", אָפּגעדרוקט אין דעם צוזאַץ צום איצטיגען ווערק. זייטען 245־280.

תיכף נאָך דעם ווי ער איז באפרייט געוואָרען פון טורמע, האָט מאַציני זיינע פּאָליטישע אנשויאונגען פארקערפּערט אין דער פון אים געגרינדעטער אָרגאניזאציע „לאַ זשאָוויני איטאליא" (יונג איטאליען). די דאָזיגע אנשויאונגען און צילען זיינען אין לויף פון אַ גאַנץ קורצער צייט בארימט און פּאָפּולער געוואָרען איבער גאַנץ אייראָפּא.

קירצליך נאָך דעם ווי מאציני האָט זיך באזעצט אין מ א ר־ ס י י ל, האָבען אהינצו אָנגעהויבען קומען מאסען איטאליענישע רעוואָלוציאָנערע פּליכטלינגע. זיי זיינען געקומען פון מ אָ ד ע־ נ אָ, פּ א ר מ א, און פון אנדערע שטעט וואו די טריאומפירענ־ דע רעאקציע האָט אויף דאָס ניי אויפגעהויבען איר קאָפּ.

אין משך פון א גאנץ קורצער צייט, האָט די צאָל פון די דאָ־ זיגע עמיגראנטען אריבערגעשטייגט א טויזענט נפשות.

אין לויף פון דעם ערשטען יאָר אין מארסייל, האָט מאציני זיך באקענט און איז אינטים באפריינדעט געוואָרען מיט פילע פון די בראווסטע און ערעלסטע קעמפער, וועלכע האָבען שפּעטער אים פיל מיטגעהאָלפען אין זיינע פּלענער און אונטערנעמונגען. צווישען זיי האָבען זיך געפונען נ י ק אָ ל א פּ א ב ר י צ י, מ ע־ נ אָ ט י, מ ע ל א נ ר י, ל א מ ב ע ר ט י, און די כאראקטער־ פעסטע און נאָבעלע פרוי ז ש י א ו ד י ט א ס י ד אָ ל י, וועלכע האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין מאציני'ס לעבען אין מארסייל, און וועלכע איז געוואָרען די העלדין פון זיין איינציגע און אומגליקליכע ליבע.*)

די מיטגלידער פון דער דאָזיגער גרופּע, וועמען עס האָט פאר־ אייניגט א געמיינשאפטליכער גלויבען און אן אלטרואיסטישער אידעאליזם, האָבען אָנגעפאנגען די גרויסע און שווערע ארבייט

*) זעט קאפּיטעל זיבען, זייט 200.

אויפבויען און פארשפרייטען מאציני'ס נייע רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציע. דער ערפאָלג פון זייערע באמיאונגען האָט איבערשטייגט זייערע אייגענע ערוואַרטונגען.

יונג איטאליען" איז שנעל געוואָרען דער זאמעלפונקט ארום וועלכען עס האָט זיך קאָנצענטרירט די איטאליענישע יוגענד. פאר א לאנגער צייט האָט די דאָזיגע רעוואָלוציאָנערע ארגאניזאציע שטארק באאיינפלוסט דעם גאנג פון די פאסירונגען אין לאנד. מיט איר דרייסטען פראָגראם און אגרעסיווער טאַקטיק, האָט „יונג איטאליען" גאנץ שנעל פארנומען יענעם אָרט אין צענטער פון דער רעוואָלוציאָנערער אקטיוויטעט, וועלכע האָט פריער געהערט דער „קארבאָנארי". אין איטאליען זיינען באזונדערס אקטיוו געווען אין דער נייער באוועגונג, מאציני'ס אינטימע פריינד און חברים די ברידער רופיני אין גענוא, און קארלא ביני, גועראצי, און ע נ ד ר י ק אָ מ א י ע ר אין ליוואָרן.

„יונג איטאליען" האָט אוועקגעשטעלט פאר איר ציל, די פולשטענדיגע באפרייאונג פון איטאליען פון אויסערליכער און איננערליכער טיראניי, און אויך די פאראייניגונג פון אלע איטאליענישע שטאאטען און פראָווינצען אונטער איין ר ע פּ ו ב ל י ק א נ י ש ע ר רעגירונג.

דעם דאָזיגען ציל האָט זי גערעכענט צו דערגרייכען, ערשטענס, — דורך אויפקלערונג, דורך דער מאָראלער און גייסטיגער דערציאונג און צוגרייטונג פון פאָלק פאר דער גרויסער אויפגאבע; און צווייטענס, — דורך רעוואָלוציאָנערע אויפשטאנדען דאָרטען וואו זיי וועלען נויטיג זיין.

אלס אָרגאן פאר פּראָפּאגאנדא און אויפקלערונג האָט מאציני דאן געגרינדעט דעם זשורנאל „יונג איטאליען", וועלכער איז געוואָרען די אָפיציעלע צייטשריפט פון דער אָרגאניזאציע.

דער באנער פון יונג איטאליען האָט געהאט די נאציאָנאלע

פארבען פון איטאליענישען פאָלק, — ווייס, רויט און גרין, אויף איין זייט די ווערטער: „פרייהייט, גלייכהייט און מענשהייט״, — און אויף דער צווייטער זייט: „איינינקייט און אומאָפּהענגיגקייט״.

ניט קוקענדיג אויף מאציני׳ס לעבענסלאנגליכען קאמף קעגען דער קירכע, און אויף דעם אומבאשרייבליכען האס מיט וועלכען די לעצטע האָט דעם גרויסען פרייהייטס קעמפער אומאויפהערליך פארפאָלגט, איז ער אָבער, זיין גאנצען לעבען, אין עצם פארבליבען א טיף רעליגיעזער מענש. מאציני׳ס רעליגיע איז אבער ישוועץ די רעליגיע פון הארצען, די רעליגיע פון דער מענשהייט, וועלכע איז ביי אים געשטאנען העכער פון אלץ. א נייע רעליגיע באזירט אויף פליכט און דיענסט צו די פאָלקס מאסען, א גלויבען, וואָס געפינט זיין אויסדרוק אין נאציאָנאלער דערוואכונג און באפריי־אונג.

דאָס צייגט אָן די מאָטאָ פון „יונג איטאליען״, וועלכע, פאר אינערליכע באציאונגען, האָט געלויטעט: „דיאָ ע איל פּאָפּאָלאָ״ (גאָט און דאָס פאָלק), און פאר אויסערליכע, צווישענפעלקערליכע באציאונגען: „גאָט און די מענשהייט״.

מאציני׳ס פּראָגראם איז געווען מער ווי א פּאָליטישער. די באוועגונג פון יונג איטאליען איז געווען אן עטישער קרייץ־צוג, וועלכער האָט אויף זיינע נאָכפאָלגער ארויפגעלייגט דעם חוב פון זעלבסט־אָפּפער און פון א נייעם אלטרואיסטישען לעבען. די באַ־וועגונג האָט זיך אויך אויסגעצייכענט מיט א זעלטענער גייסטיגער דערהויבונג. ווי מיט רעליגיעזען עקסטאז און התלהבות, האָבען די אָנהענגער פון „יונג איטאליען״ געארבייט פאר׳ן עטיש־הומאני־סטישען ענד־ציל, וועלכען מאציני האָט אָנגעצייכענט פאר׳ן אי־טאליענישען פאָלק. א נאציאָנאליזם פריי פון שאָוויניזם, א נאַ־ציאָנאליזם,וועלכער האָט גלייכצייטיג מיט איבערגעבענהייט צום אייגענעם פאָלק, געפּרעדיגט אויפריכטיגע ליבע צו דער גאנצער

מענשהייט אלס די געמיינזאמע מוטער, און ברידערליכע באציאונ־
גען מיט אלע אנדערע אונטערדריקטע און צו פרייהייט שטרעבענדע
פעלקער.

אין אפריל, פון דעם יאר 1831, איז דער פרינץ ש א ר ל
א ל ב ע ר ט (וועלכער איז מיט א יאר צוויי פאר דעם, אליין גע־
ווען א קארבאנארי־מיטגליד) ארויפגעשטיגען אויפ'ן טראן פון
ס א ר ד י נ י ע ן. פארנעמענדיג דעם ארט פון זיין אנקעל דער
קעניג קארל פעליקס, וועלכער איז אין יענעם יאר געשטארבען.

פון פריערדיגער באאבאכטונג, האט זיך מאציני שוין לאנג
געהאט איבערצייגט, אז שארל אלבערט'ס פארבינדונג מיט דער
קארבאנארי, איז געווען דיקטירט מער פון דיין עגאאיסטישע אב־
זיכטען איידער פון אידעאליסטישע מאטיווען.

אבער א גרויסער טייל פון פאלק האט געגלויבט, אז דער גע־
וועזענער „רעוואלוציאנער„ און קאנספיראטאר שארל אלבערט,
וועט איצט, אלס קעניג, פארווירקליכען זיינע פריערדיגע אידעען.
מאציני האט דערפאר געפונען פאר נויטיג אויפצוקלערען דאס
פאלק, און אזוי ווייט ווי מעגליך, צעשטערען די דאזיגע נארישע
און שעדליכע אילוזיע.

ער האט דאריבער אנגעשריבען אן אפענעם בריוו צו דעם נייעם
קעניג, אין וועלכען ער פאדערט אים אויף זיך צו שטעלען אן דער
שפיץ פון אן אגרעסיווען קאמף פאר דער אומאפהענגיגקייט פון
איטאליען. ער דערמאנט שארל אלבערט'ן די גרויסע האפנונגען,
וועלכע באדייטענדע טיילען פון פאלק פארבינדען מיט זיין בא־
שטייגען דעם טראן, און ווארענט אים לסוף, דאס פון זיין ענטפער
אויף די דאזיגע האפנונגען הייננט אפ, צי ער זאל ווערען א גרויסער
פאלקס־העלד אדער דער ל ע צ ט ע ר פון איטאליענ'ס טיראנען.

מאציני'ס בריוו האט מען געהיימערהייט אפגעדרוקט, און
ווייט און ברייט פארשפרייט איבער'ן גאנצען לאנד. די מוטיגע,

געוואגטע ווערטער, און דרייסטע געדאנקען אין דעם דאָזיגען בריוו, האָבען געמאכט גרויס אויפזען, און האָבען פיל געהאָלפען אין דער פארשפרייטונג פון דעם רעוואָלוציאָנערען געדאנק צווישען די מאַסען פון פאָלק.

דער אָנגריף אויפ'ן נייעם קעניג איז געווען אזוי שארף און בייסענד, דאָס די סארדינישע רעגירונג האָט אויפ'ן פארלאנג פון איר הערשער, תיכף ארויסגעגעבען א שטרענגען באפעל מען זאָל מאציני'ן ארעסטירען און אים פארשפארען אין פעסטונג, אזוי שנעל ווי ער וועט אריבערטרעטען דעם גרענעץ.

דער אָפענער בריוו צו שארל אַלבערט, ווי אויך פילע פון די וויכטיגסטע רעוואָלוציאָנערע שריפטען און פּאָפּולערע אגיטאציאָנ'ס ליטעראטור אין דער דאָזיגער צייט, זיינען פון מאציני'ן געשריבען געוואָרען אין דער שטאָט מארסייל, וועלכע איז, א דאנק זיין אָנוועזענהייט, געוואָרען דער אויסלאנדישער צענטער פון דער איטאַליענישער באוועגונג. אין מארסייל האָט זיך אויך געפונען די דרוקעריי פון די רעבעלען, וועלכע איז געווען אונטער זיין פערזענליכען אויפזיכט.

צום סוף פון זעלבען יאָר איז דערשינען דער היסטאָריש געוואָרענער „מאניפעסט" פון יונג איטאליען, אין דעם דאָזיגען מאַניפעסט, אונטער'ן פסעוודאָנים „אַן איטאַליענער", — ברענגט דזשוזעפּא מאציני קלאָר און שארף ארויס די צילען און די אויפגאבען פון דער אָרגאניזאציע.

איטאליען, (לעזט זיך דאָרט), זאָל באזירט ווערען אויף די דריי אומאָפּטיילבארע יסודות פון א ו מ א ָ פ ה ע נ ג י ג ק י י ט, א י י נ י ג ק י י ט און פ ר י י ה י י ט. ניט נאָר מוז דער אויסערליכער הערשער פארטריבען ווערען, אויך די אינערליכע טיראנען מוז מען אומשעדליך מאכען, און א דעמאָקראטישע רעגי־

רונג, באזירט אויף פ ו ל ש ט ע נ ד י ג ע ר מ י י נ ו נ ג ס־פ ר י י ה י י ט, זאָל עטאבלירט ווערען.

„ג ר ו י ס ע ר ע װ ו אָ ל ו צ י ע ס ז י י נ ע ן ג י־כ ע ר ד אָ ס װ ע ר ק פ ו ן פ ר י נ צ י פ ע ן א י י ד ע ר פ ו ן ב אַ י אָ נ ע ט ע ן, און זיי ווערען דורכגעפירט צוערשט אין דער מ אָ ר א ל ע ר און דער־נאָך אין דער מ אַ ט ע ר י ע ל ע ר ספערע. באיאָנעטען זיינען באמת מעכטיג נאָר דאן, ווען זיי ווערען באנוצט צו באהויפטען אָדער צו באשיצען מענשען־רעכט; די רעכט און פליכטען פון א געזעלשאפט שטאמען פון א טיפער מאָראלי־שער באוואוסטזיין, וואָס וואָרצעלט זיך איין אין דער מאיאָ־ריטעט. בלינדע, ברוטאלע מאכט קאָן באשאפען זיגער, קרבנות און מארטירער; אָבער פון דעם טריאומף פון דער דאָזיגער בלינדער מאכט קומט בלויז ארויס ט י ר א נ י י. — אלץ איינס צי דאָס באצירט דעם קאָפּ פון א פּרינץ אָדער פון א טריבון, ווען דער דאָזיגער נצחון ווערט דערגרייכט קעגען דעם ווילען פון דער מערהייט פון די פּאָלקס־מאסען."

דער מאניפעסט שילדערט אויך דעם העלדענמוט און די לייס־טונגען פון די יונגע רעוואָלוציאָנערע מארטירער פון מ אָ ד ע נ אָ, פאר דעם פרייהייטליכען אידעאַל.

„עס איז דאָ א גאנצע רעליגיע אין יענע בלוט; קיין מאכט אין דער וועלט קאָן נישט אויסראָטען די זאמען פון פרייהייט, ווען די דאָזיגע זאמען שפּראָצען ארויס און הויבען זיך אָן אנטוויקלען אין דאָס פארגאָסענע בלוט פון מוטיגע מענשען...... אונזער רעליגיע פון היינט איז נאָך דערווייל א רעליגיע פון מארטירערטום; מאָרגען וועט זי ווערען די רע־ליגיע פון נצחון".

קורץ דערנאָך, האָט אָנגעפאַנגען רעגעלמעסיג ערשיינען דער פאַרטיי זשורנאַל, וועלכען מען האָט אויף א געהיימען אופן אריינגעשמוגעלט אין לאַנד, און די דרייסטע געדאַנקען וועגען איטאַליענישער איינהייט, דעמאָקראַטיע און סאָציאַלער רעפאָרם, האָבען זיך אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען צווישען פאָלק.

דערמוטיגט פון די דאָזיגע שריפטען, האָבען זיך אין פילע איטאַליענישע שטעט אָרגאַניזירט רעוואָלוציאָנערע גרופּען, באַשטייענדיג פון מוטיגע און אנטשלאָסענע מענשען, וועלכע זיינען געוואָרען די טרעגער פון דעם פרייהייטס אידעאַל. צווישע זיי איז אויך געווען דער שפּעטער בארימט געוואָרענער ד ז ש ו־ז ע פּ א ג א ר י ב א ל ד י (1807—1882). אין דעם יאָר 1832 איז גאַריבאַלדי געקומען קיין מאַרסייל און האָט זיך צום ערשטען מאָל געטראָפען מיט מאַציני'ן. פון זייער ערשטער באַגעגעניש, ביז'ן סוף פון מאַציני'ס לעבען, האָט צווישען די דאָזיגע צוויי גרויסע פרייהייטס־קעמפער אָנגעהאַלטען א לאַיאַלע פריינדשאַפט און חבר'שאַפט. ניט קוקענדיג אויף די אייניגע פאַלען ווען זיי זיינען זיך צעגאַנגען אין טאַקטישע פראַגען. און שפּעטער אויך דאַן, ווען זיי זיינען זיך צעגאַנגען אין דער פראַגע פון אנערקענען די איטאַליענישע מאָנאַרכיע.

צוליב זיין פּראָמינענטען אנטייל אין פילע רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדען, האָט גאַריבאַלדי אין יאָר 1834 געמוזט אנטלויפען פון איטאַליען. ער איז אוועק קיין זיד אמעריקא, און איז צוריקגעקומען אין זיין פאָטערלאַנד ערשט אין דעם יאָר 1848, ווען איבער'ן גאַנצען לאַנד האָבען אויסגעבראָכען די פייערען פון דער רעוואָלוציע.*)

דער שליסליכער ערפאָלג פון דער איטאַליענישער רעוואָלוציע

---

*) זעט קאַפּיטעל פיר.

מוז אין א גרויסער מאָס צוגעשריבען ווערען, צו דעם ענטוזיאזם און איבערגעבענהייט מיט וועלכען די דאָזיגע בראווע רעוואָלוציאָנערען האָבען געאַרבייט אין די דרייסיגער און פערציגער יאָרען. זיי זיינען געווען אומדערשראָקענע אפּאָסטאָלען פון אמת און גערעכטיגקייט.

די פארשפרייאונג פון דעם רעוואָלוציאָנערען געדאנק און פון דער נאציאָנאלער פרייהייטס באוועגונג איבער'ן גאנצען לאנד, איז אין אַ קורצער צייט געוואָרען גאנץ אינטענסיוו. אזוי דראָהענד, דאָס די סארדינישע רעגירונג האָט זיך דירעקט געווענדעט צו פראנקרייך מיט א ביטע זי זאָל מאציני'ן ארויסשיקען פון מארסייל.

אין פראנקרייך האָט דאמאָלסט געהערשט די רעסטאוורירטע מאָנארכי מיט לואי־פיליפ אלס קעניג. די פראנצויזישע רעגירונג האָט, צו יענער צייט, אָקאָרשט געהאט אונטערדריקט א רעפּובליקאניש־רעוואָלוציאָנערען אויפשטאנד אין פאריז. אָבער די ברוטאַלע מיליטערישע מאכט, וועלכע האָט, מיט איר קאנאָנען־פייער, אומגעשטירצט און פארניכטעט די פאָלקס־באריקאדען אין דעם קווארטאַל סאן־מערי*), און דאָרט פארגאָסען דאָס בלוט פון די בראווע פארטיידיגער, האָט נאָך מער פארשטארקט דעם האס צו דער מאָנארכי אין הארצען פון פראנצויזישען פאָלק. און די פראנצויזישע רעגירונג, פאר וועמען מאציני'ס אָנוועזענהייט אין לאנד איז געווען ווי א דאָרן אין זייט, האָט זיך איצט געשראָקען פאר זיין פארבינדונג מיט די פראנצויזישע רעפּובליקאנער. און

---

*) דער דאָזיגער העלדישער באריקאדען־קאמף אין סאן־מערי'ער קווארטאל, ווערט געשילדערט פון ו ו י ק ט אָ ר ה ו ג אָ אין זיין אומשטערבליכען ראָמאן „לע מיזעראבל".

דערפאר האָט זי אזוי גערן באווויליגט דעם פארלאנג פאר מאציני'ס אויסווייזונג פון פראנקרייך.

אין אויגוסט פון יאָר 1832, האָט די רעגירונג ארויסגעגעבען דעם באפעל, לויט וועלכען מאַציני איז אויסגעוויזען געוואָרען ניט בלויז פון מארסייל, נאָר אויך פון גאנצען לאנד.

אין די אינטערעסען פון „יונג איטאליען” פאר וועמען מאר־סייל אלס אויסלאנדישער צענטער איז געוועזען אזוי ניצליך און באקוועם, איז מאציני, פארשטעלטערהייט און פארבאָרגען, נאָך פארבליבען א גאנצען יאָר אין מארסייל, אויסמיידענדיג די פראנ־צויזישע פּאָליציי און די איטאליענישע שפּיאָנען.

אין לויף פון דעם דאָזיגען יאָר, איז מאציני אין זיין באהעל־טעניש אָרט, זעהר שטארק באשעפטיגט געווען. ער האָט געשרי־בען, קאָרעגירט דרוק־בויגענס, אָנגעפירט א ברייטע און געהיימע קאָרעספּאָנדענץ, און אָנגעהאלטען נאכט־קאָנפערענצען מיט קוריע־רען פון איטאליען און מיט די אָנפירער פון די פראנצויזישע רע־פּובליקאנער.

מאציני איז פארמישט געווען אין דעם אויפשטאנד פון די פראנצויזישע זיידענוועבער אין ל י אָ ן אין דעם יאָר 1832.

געטריבען פון אומערטרעגליכע ארבייטס־צושטאנדען, און פון א הונגער־לוין אונטער וועלכען זיי האָבען קוים דערוויזען אויפצו־האלטען די נשמה אין זייערע אויסגעמאטערטע קערפּערס, האָבען פערציג טויזענט פון די אָרטיגע ארבייטער, אונטער דער רויטער פאָן, זיך דערהויבען אין רעוואָלט קעגען זייערע אונטערדריקער. נאָך א שווערען צוויי טאָגיגען קאמף איז די שטאָט צייטווייליג אריבער אין באזיץ פון די זיגרייכע ארבייטער.

מיט דער הילף פון דער פאריזער רעגירונג, האָט די בורזשואַ־זי דעם דאָזיגען אויפשטאנד אומ'ברחמנות'דיג דערטרונקען אין בלוט. אָבער פון יענע טעג אָן, האָבען די סאָציאליסטישע אידייען

פון פוריע און פון סאן־סימאָן זיך אָנגעפאנגען פארשפרייטען אין דעם פראנצויזישען ארבייטער פאָלק.*)

נאָך דעם ליאָנ׳ער אויפשטאנד האָט מען זיך אויף דאָס ניי גענומען צו מאציני׳ן. דערצו האָט זיך שוין דערנענטערט די צייט פאר רעוואָלוציאָנערער אקציאָן אין איטאליען, און מאציני איז אוועק אין דער שווייץ, דאָרט צוגרייטען דעם אויפשטאנד אין סאוואָיען.

אין דעם יאָר 1833 איז מאציני פארמישט געווען אין דעם נישט־געלונגענעם אויפשטאנד אין דער סארדינישער ארמיי.

פילע פון די הויפט אָנפירער פון דעם דאָזיגען רעוואָלוציאָנערען פארזוך, ווי טאמבוראלי, גאוואָטא, ביגליא, פעראַרי, מענארדי, ריגאַסא, קאסטא, מארינ׳, וואטשיערי, און אנדערע, האָט מען הינגעריכטעט. א גרויסע צאָל זיינען אויף לעבען־לאנג פארשפארט געוואָרען אין די פארשיידענע פעסטונגען, און קעגען דזשוזעפא מאציני איז ארויסגעטראָגען געוואָרען א טויט־אורטייל. (אונטער די אויגען).

דורך אירע הענקער, האָט די רעגירונג מיט קאניבאלישער רציחה געפייניגט די ארעסטירטע אין די טורמעס. אין געוויסע פאלען וואָלטען די דאָזיגע תלינים נישט פארשעמט די שפאנישע אינקוויזיטאָרען.....

די סארדינישע רעגירונג האָט באשיצט און באלוינט אירע בלוט דורשטיגע סאטראפען. אויף די ברוטאלסטע הענקער האָט דער קעניג שאַרל אַלבערט פערזענליך אָנגעהאנגען מעדאלען פאר אויסצייכענונג.

*) זעט: גוסטאוו הערוועס
Histoire de la France et de L'Europe.

אויף ווי ווייט די בלוטדורשט האָט פאַרלאָשען יעדען פונק פון מענשליכקייט און מיטגעפיל אין די דינער פון דער רעגירונג, צייגט דער פאָלגענדער גרויליכער פאַקט.

ווען מען האָט געפירט וואַטשיערי׳ן צו זיין הינ־ריכטונג, האָט ער געבעטען מען זאָל בייטען דעם מארשרוט צו דער תליה, כדי ניט פארבייגיין די הויז וואו עס האָבען געוואוינט זיין פרוי (וועלכע האָט דאמאָלסט באדארפט מוטער ווערען), זיינע צוויי קינדער און זיין שוועסטער. דעם דאָזיגען לעצ־טען פארלאנג האָט מען ברוטאַל אנט־זאגט. וואטשיערי׳ס שוועסטער האָט זיך פון דער סצענע גע־רירט פון זינען.....

מאציני׳ס אינטימסטער חבר און פריינד, דער יונגער ענטו־זיאסט דאָקטאָר זשאקאָפּא רופיני, איז באגאנגען זעלבסטמאָרד אין זיין תפיסה־קאמערל, מורא האָבענדיג, טאָמער וועט ער אין א מאָמענט פון שוואכקייט, אויף איינע פון די פייני־גענדע אויספאָרשונגען, ארויסגעבען זיינע חברים. איין נאכט האָט ער ארויסגעריסען א טשוואָק פון קאמער טיר, און האָט דער־מיט זיך אויפגעעפענט א בלוט־אָדער אין האַלז. דאָס איז געווען זיין לעצטער גרויליכער פראָטעסט קעגען דער טיראַניי.....

„שארל אַלבערט האָט געפּאָדערט בלוט", האָט מאַציני געשריבען, „און מען האָט עס אים געגעבען אין א פולער מאָס"...... אָבער..... „אידעען ווערען שנעלער צייטיג ווען זיי ווערען גענערט דורך בלוט פון מארטירער".

דער טראגישער סוף פון זיין אינטימסטען חבר און די אנדע־רע רעוואָלוציאָנערע מארטירער, האָט אויף אים אזא טיפען און שרעקליכען רושם געמאכט, דאָס מאציני׳ס נאָענטסטע פריינד

האָבען פאר א קורצער צייט זיך געשראָקען דאָס ער וועט זיך רירען פון זינען.

אזוי שנעל ווי ער איז אביסעל געקומען צו זיך, האָט מאציני זיך ווידער ארייגעוואָרפען אין זיין ארבייט. אין דעם זעלבען יאָר האָט ער אין זשענעווא געגרינדעט די צייטונג „ל'אייראָפּע צענטראלע", וועלכע האָט זיך הויפּטזאכליך אָפּגעגעבען מיט פּראָפּאגאנדא פאר דער באפרייאונג פון דער איטאליענישער פּראָווינץ ס א ו ו א י ע ן.

מאציני האָט זיך אָבער מיט בלויזע פּראָפּאגאנדא ניט באנו־גענט. ער האָט צוזאמענגעשטעלט אַן אָרגאניזאציע, וועלכע איז באשטאנען פון פּאָליטישע עמיגראנטען, פארטריבענע פון פארשיי־דענע אייראָפּעאישע לענדער, וועלכע האָבען אזוי ווי ער, „אָפּגעריכט גלות" אין דער שווייץ. אין דער דאָזיגער קערפּערשאפט האָבען זיך געפונען דייטשען, פּאָליאקען, איטאליענער און פראנצויזען.

א באוואפנעטע עקספּעדיציע אין וועלכע מאציני און ל א מ־ ב ע ר ט י האָבען זיך אקטיוו באטייליגט, איז פון דער שווייץ אריבער דעם גרעניץ. זיי האָבען געזוכט אָנשלוס אָן א רעוואָלוציאָ־נערע מחנה אין סאוואָיען וועמעס אויפגאבע איז געווען די באַ־פרייאונג פון דער פּראָווינץ, פון סארדינישער הערשאפט. די נויטיגע וואפען פאר זיין עקספּעדיציע, האָט מאציני באקומען אין סאַן־עטיען און אין בעלגיום.

די לעצטע וואָך פאר דער סאוואָיער אקציאָן, איז מאציני גע־לעגען ערנסט קראנק צו בעט מיט א הויכען פיבער. אָבער ניט קו־קענדיג אויף זיין פיזישען צושטאנד, האָט ער, איגנאָרירט די בקשות פון זיינע קאמעראדען, זיך מיט דער גרעסטער אָנשטריינ־גונג אויפגעהויבען, און האָט זיך אין דער עקספּעדיציע פערזענליך באטייליגט.

די גאנצע אונטערנעמונג איז אָבער קלעגליך דורכגעפאלען.

מאציני האָט דעם דורכפאַל צוגעשריבען צו די צאַנקערייען צווישען די מיליטערישע אָנפירער און סטראַטעגיקער, וועלכע האָבען דיקטירט און דירעקטירט די עקספּעדיציע, זיצענדיג באַקוועם אין פּאַריז.

איגנאָרירענדיג דעם פאַקט, דאָס די דאַמאָלסדיגע סיטואַציע האָט געפאָדערט ב אַ ל ד י ג ע אַקציאָן, האָבען די דאָזיגע פּאַריזער סטראַטעגיקער ניט נאָר צוריקגעהאַלטען נויטיגע מיטלען, נאָר זיי האָבען אויך געשטעלט די אולטימאַטיווע פאָדערונג, מען זאָל אַקצעפּטירען אַלס דעם הויפּט קאָמאַנדיר פון דער סאַוואָיער עקספּעדיציע דעם גענעראַל ר א מ אָ ר י נ אָ, א לאַמבאַרדיער, וועלכער האָט אַלס שליח פון די פּאַריזער „פריינד פון פּוילען", זיך געהאַט באַטייליגט אין דעם פּוילישען מיאַטעזש פון יענער צייט.

קעגען זיין ווילען, איז מאַציני געצוואונגען געווען נאָכצוגעבען די דאָזיגע פאָדערונג. דער נייער אויבערקאָמאַנדיר האָט די עקספּעדיציע פאַרפירט אין א בלאָטע, און איז אליין, אין דעם ענטשיידענדען מאָמענט, אַנטלאָפען פון פעלד. די גאַנצע אונטערנעמונג האָט זיך דורכדעם געענדיגט אין א פיאַסקאָ.

דער דורכפאַל פון דער סאַוואָיער אונטערנעמונג, ווי מען האָט געקאָנט ערוואַרטען, האָט געגעבען א גרויסען שטויס אויף צוריק דער באַוועגונג פון יונג איטאַליען, און די רעאַקציע האָט ווידער אויפגעהויבען איר קאָפּ.

אין אַפּריל פון יאָר 1834 אָרגאַניזירט מאַציני די „י ו נ ג א י י ר אָ פּ א א ס אָ צ י א צ י ע". א קערפּערשאַפט צונויפגעשטעלט פון מענשען פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטען, וועמען עס האָט פאַראייניגט דער געמיינשאַפטליכער גלויבען אין א צוקונפט פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, און וועלכע זיינען געווען גרייט און וויליג צו ווידמען זייערע קרעפטען און

פעאיגקייטען אין דינסט פון דער באוועגונג צו דערגרייכען דעם דאָזיגען ציל.

קורץ נאָך דעם איז געקומען די אָרגאַניזירונג פון „יונג שווייצאריען" מיט איר אָרגאַן „לאַ זשען סואיס", וועלכער איז שפּעטער פון דער שווייצארישער רעגירונג אונטערדריקט געוואָרען.

אין די דאָזיגע פארשיידענע אסאָציאציאָנען האָט דזשוזעפּאַ מאַציני געפּרעדיגט זיין ליבלינגס געדאנק, — אַ ר ע פּ ו ב ל י ק א נ י ש ע קאָנפעדעראציאָן פון אַלע אייראָפּעאישע דעמאָקראַטיען. אַ פרייע פאראייניגונג פון גלייכבארעכטיגטע נאציאָנאליטעטען, פון די פעלקער מאסען, קעגען די קעניגע און די קאפּיטאליסטישע רעגירונגען מיט זייערע ארמייען, קירכען, מיניסטאָרען און דיפּלאָמאטישע „אַפּמאכען".

„די דיפּלאָמאטיע וועט מוזען גיין"..... שרייבט ער אין איינע פון זיינע פּאמפלעטען פון יענער צייט, — „דער שארפסטער פּראָבלעם און קאמף וועט ניט געלייזט ווערען אין די ענגע קאבינעטען פון די אויסלאנדישע מיניסטעריומס. עס האָט שוין אריינגעדרונגען צווישען פאָלק און האָט באַשטיגען די גרויסע ארענא, עס איז שוין פארקערפּערט אין די מאסען, און עס שטייגט אויף פון די מאסען און אין זייער נאָמען; פון די מאסען ערווארטעט זי איר לייזונג.

———————————————

אויף איין זייט דאָס פאָלק, — אויף דער אנדערער, די פּריווילעגירטע לייט, די קעניגע, ארעליגע און די אנדערע; אויף איין זייט די גערעכטיגקייט, די גלייכהייט, די פרייע אנטוויקלונג, די מענשליכע פּארברידערונג, דער פּראָגרעס, — אויף דער אנדער זייט, די רויע געוואלט, די אומגלייכהייט, דער עגאָאיסטישער אינדיווידואליזם, די אומבאוועגזאמקייט; אָט דאָס איז די פּראָבלעמע, און אָט דאָ איז דער קאמפּס־

פלאץ, און ניט אין די פּראַקטאַקאַלען פון דיפּלאָמאַטישע אָפּ־מאכען וועט דאָס געלעזט ווערען....

..... ס'איז אַ ריזיגע און אַן אַלטע מחלוקה. אַלט ווי די וועלט, ניי איז בלויז די פאָרמע אין וועלכער מיר שטעלען אַוועק די פּראָבלעם פאַר די אויגען פון דער וועלט. ס'האָט זיך געוויזען אין דער פאַרגאַנגענהייט אונטער פילע פאַרשיי־דענע פאָרמען; זי האָט דורכגעמאַכט פילע ענדערונגען און גלגולים; זי איז דורכגעגאַנגען אַלע שיכטען און גרופּען און האָט זיך געשטעלט איינע אַנטקעגען די אַנדערע אין קריגע־רישע צדדים. אין איר רייע האָט די גלחים־שטאַנד באַ־קעמפט דאָס קעניגטום, די קעניגע האָבען באַקעמפט דעם אַדעל; און שפּעטער, ווען די דאָזיגע מאַכטען האָבען איינע די אַנדערע אָפּגעשוואַכט, האָט זיך די פּראָבלעמע אַראָפּגע־לאָזט אַביסעל נידעריגער, און האָט אַרויסגעפירט אין קאַמף דעם „דריטען שטאַנד", דעם מיטעל־קלאַס, דאָס פּשוט'ע פאָלק, די בורזשואַזי, די געלט אַריסטאָקראַטי, און די אַריס־טאָקראַטי פון בלוט. ביסלאַכווייז, גראַדענסווייז, האָט ער אַרומגענומען דעם גאַנצען סאָציאַלען לייטער: — היינט האָט עס שוין דערגרייכט דעם סאַמע דעק, דעם יסוד. עס כאַפּט שוין אַרום אַלעמען. עס איז, גאָר איינפאַך, דער קאַמף פון דער ד ע מ אָ ק ר א ט י קעגען דער א ר י ס ט אָ ־ ק ר א ט י, פון א ו נ י ו ו ע ר ס א ל י ט ע ט קעגען פּ ר אַ ק צ י ע ס, פון דער סואַווערעניטעט פון כ ל ל קעגען דער סואַווראַניטעט פון איינציגע י ח י ד י ם".*)

---

*) פון מאַציני'ס „איל פּאָפּאָלאָ ע אי פּאַטריאָטי" (דאָס פאָלק און די פּאַטריאָטען) ערשינען אין יאָר 1835. זעט „סקריטי עדיטי ע אינעדיטי די דזשוזעפּא מאַציני" — אימאָלא 1908. באַנד 4, זייטען 310, 311 און 312.

אונטער דעם דרוק פון די דעספּאָטישע רעגירונגען פון רוס־לאַנד, דייטשלאַנד און איטאַליען, האָט זיך צו יענער צייט, אין די פאַרשיידענע קאַנטאָנען פון שווייצאַריען, אָנגעהויבען א גאַנצע רייע פאַרפאָלגונגען קעגען די פּאָליטישע עמיגראַנטען פון די דער־מאָנטע לענדער. און מער פון אַנדערע האָט מען געצילט פּטור צו ווערען פון דזשוזעפּא מאַציני'ן.

מען האָט אים אָנגעהויבען ענג מאַכען און פאַרפאָלגען. ער איז אָפּטמאָל געצוואונגען געווען צו בייטען זיין וואוין־אָרט פון איין קאַנטאָן צום צווייטען. דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער אַזוי געליטען. געטריבען און געיאָגט ווי א הונט, פון לוזאַן קיין בערן, און פון בערן קיין ביען, און אַזוי פון איין שטאָט אין דער אַנדערער.

טראָץ די אַלע פאַרפאָלגונגען, האָט ער ניט געוואָלט פאַרלאָזען שווייצאַריען, צוליב איר נאָענטקייט צו איטאַליען. ווען ניט די ליבע פון די פּאָלקס מאַסען וועלכע איז אים בייגעשטאַנען, וואָלט דער גרויסער פרייהייטס קעמפּער זיכער אַריינגעפאַלען אין די הענט פון זיינע שונאים. אין די אָרעמסטע און פאַרוואָרפענסטע כאַטקעס פלעגט ער געפינען אָפענע סימפּאַטיע און שוץ.

אָבער כל זמן מען האָט געוואוסט, אַז מאַציני געפינט זיך ער־גענץ וואו אין דער שווייץ, האָבען ניט אויפגעהערט די אויסלאַנדישע פּראָטעסטען ביי דער שווייצארישער רעגירונג, פאַר ערלויבען דעם דאָזיגען „געפערליכען” רעוואָלוציאָנער און קאָנספּיראַטאָר זיך אויפצוהאַלטען אויף איר טעריטאָריע. דיזע פּראָטעסטען און די־פּלאָמאַטישע קאָרעספּאָנדענץ האָבען געהאַלטען אין פאַרמערען זיך אין צאָל און אויך אין שאַרפקייט פון טאָן, פאַרלאַנגענדיג פון שווייי־צארישען פאַרלאַמענט א ספּעציעלען דעקרעט פאַר מאַציני'ס אויס־ווייזונג פון לאַנד.

מיט דער צייט זיינען די דאָזיגע פּראָטעסטען געוואָרען אַזוי

שארף און צודרינגליך, דאָס דער שווייצארישער פּארלאמענט האָט, — ניט קוקענדיג אויף דער אויבען דערמאנטע אָפענע סימפּאטיען, וועלכע די פאָלקס מאסען האָבען ארויסגעוויזען מאציני'ן, — סוף כל סוף קאפּיטולירט, און צום ענדע פון יאָר 1836, איז באוויליגט געוואָרען דער דעקרעט לויט וועלכען דזשוזעפּא מאציני איז אויך פון דער שווייץ אויסגעוויזען געוואָרען.

* * *

גלייכצייטיג האָט מען פון דער שווייץ ארויסגעשיקט איינינע הונדערט פּאָליטישע עמיגראנטען פון די פארשיידענע לענדער.

אין א פּאמפּלעט, וואָס איז פארעפענטליכט געוואָרען אין לאָר Ils sont partis „זיי זיינען אוועק", (געשריבען אונטער'ן פּסעוודאָנים „אין זשען סואיס", אן יונגער שווייצאריער), שילדערט מאציני די פארפאָלגונגען און די צרות, וועלכע די דאָזיגע עדעלע פרייהייטס קעמפער זיינען אויסגעשטא־נען.

איך ציטיר איינינע קורצע פאראגראפען.

ענטפערענדיג די אטאקעס אין געוויסע זשורנאלען אויף „די דאָזינע יונגע פארפירטע קינדער, ערשט פריש פון דער שולע, פאר־שיכור'טע בעלי־חלומות", — שרייבט מאציני:

„יאָ, זיי זיינען געווען זעהר יונג, הגם זייערע שטערענס זיינען שוין געראנצעלט דורך טרויעריגע ערענסטע געדאנקען און איבערלעבונגען. אָפּגעריסען פון מוטערליכע אויפפּאַ־סונג, היימישע פּפלעגע, און פון א פריידיגער אומגעבונג, זיי־נען זיי דאָך די קינדער פון א נייער וועלט, די קינדער פון א נייעם גלויבען; ווייל אין אָנפאנג פון זייער עולה לרגל זיין, האָט דער מלאך פון אויסווייזונג (גלות), דערזעענדיג זיי ריין פון עגאָאיזם, און גרייט אויף זעלבסטאָפּפער ווי יוגענד איז,

אריינגערוימט אין זייערע אויערען איך ווייס ניט וועלכע הייליגע ווערטער פון אוניווערסאלע פארברידערונג און ליבע, און פון דער רעליגיע פון הארצען, וואָס האָט זיי הויך דערהויבען איבער די מענשען פון זייער טאָג.

„בארירט פון דעם מלאך'ס פליגלען, האָבען זייערע אויגען דערזען זאכען, וועלכע זיינען פאר פיל עלטערע מענשען אומזיכטבאר און פרעמד; זיי האָבען אינסטינקטיוו פאָראויסגעפילט, ווי דאָס נייע וואָרט רודערט אויף די חורבות פון דער פעאָדאלער אייראָפּא, און האָבען געזען נייגעריגע מאסען, נייגעריג און געשפאנט אין זייער ערוואַרטונג צו דערבליקען דאָס דאָזיגע וואָרט, זיך ארויסרייסענדיג פון אונטער יענע רואינען אין דעם פולען הערליכען ליכט פון נצחון.

„זיי האָבען געזען ווי פעלקער שטייען אויף און ווערען ניי באלעבט; און ראסען, וועלכע זיינען יאָרהונדערטע געווען צעריסען און צעטיילט, מארשירען איצט פאָראויס אין ברידערליכער הארמאָני, פארטרויליכקייט און פרייד; בעת דער מלאך פון פרייהייט, גלייכהייט און מענשהייט שפרייט אויס איבער זיי זיינע ווייסע פליגלען.

„באגייסטערט, און אָנגעפילט מיט אומבאגרענעצטער ליבע פון דעם וואונדערליכען שפעקטאקל, האָבען זיי זיך געווענדעט צום מלאך פון גלות און אים געפרעגט: „און וואָס דארפען מיר טאָן כדי דאָס צו דערגרייכען?" האָט זיי דער מלאך געענטפערט:

„גייט מיר נאָך; איך וועל אייך פירען דורך שלאָפענדע פעלקער; דורך ווירדיגען ביישפיל זאָלט איר צו זיי פרעדיגען די לערע, וועלכע איך האָב אייך געוויזען. איר זאָלט מונטערען די אומגליקליכע און די אונטערדריקטע. פאר

אייער באקוועמליכקייט וועט קיינער זיך ניט זארגען. איר וועט אפגעווארפען ווערען דורך גלייכגילטיגקייט און פאר־פאלגט ווערען דורך פארלוימדונג. אבער איך וועל אייך באַ־לויינען אויף יענעם זייט קבר״.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

„און איצט זיינען זיי שוין אלע אוועק. די לעצטע גרוי־פע, איינינגע יונגע דייטשען, — וועמעס איינציגער חטא איז באשטאנען אין דעם וואס זיי האבען פארעפענטליכט אייניגע ערענסטע ווערטער צו זייער פאלק, — זיינען מיט עטליכע טעג צוריק איבערגעגעבען געווארען פון די שווייצארישע זשאנדארמען אין די הענט פון די פראנצויזישע, און מען האט זיי אפגעשיקט קיין קאלעי. זיי זיינען אוועק, ווארפענדיג א לעצטען אפשיידס־בליק, פול מיט טרויער און פארוואורף, אויף דיזען העלוועציען־לאנד, וואס האט געגעבען אזעלכע ערנסטע און פייערליכע פארשפרעכונגען צו די פאליטישע עמיגראנטען פון איירָאפּא, און האט דערנאך די דאזיגע פאר־שפרעכונגען געבראכען צוליב מורא, — אן אפשיידס־בליק אויף די דאזיגע בערג, וועלכע גאט האט אויפגעשטעלט אלס די היימאט פון פרייהייט, און וועלכע דיפּלאמאטישע מאטע־ריאליסטען האבען פארוואנדעלט אין א פוס־שטול פאר אוי־סערליכע טיראנען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

„..... און קיין איין איינציגע שטימע האט זיך דא אין די אלפען ניט דערהויבען, צווישען די אזוי־אנגערופענע רע־פובליקאנער, קיין איין מוטיגע שטימע וואס זאל וואגען ענט־

פערען די שרייבער פון די דאָזיגע דיפּלאָמאַטישע נאָטען און זיי זאָגען:

„ניין, מיר וועלען די הייליגקייט פון אומגליק נישט פאַר־לעצען; מיר וועלען די דאָזיגע אין גלות פאַרטריבענע עמי־גראַנטען פון דאַנען ניט אַרויסטרייבען. און וועט איר אַ פאַר־זוך מאַכען זיי מיט גוואַלד צו נעמען, וועלען גאָט, די אַל־פּען בערג, און אונזערע ביקסען אונז פאַרטיידיגען קעגען אייך.״

„.... זיי זיינען שוין אַוועק! זאָל גאָט זיי באַוואַכען און זייערע הערצער אָנפילען מיט זיין פרידען, אין דעם לאַנגען וואַנדער־וועג צו וועלכען די אומגאַסטפריינדליכע אייראָפּא האָט זיי פאַרדאַמט. פאַרצווייפעלט ניט, יונגע אויסגעווי־זענע! ניט פאַרצווייפעלט און ווערט ניט אָן דעם בטחון אין דער צוקונפט, דעם בטחון, וועלכען איר טראָגט אין אייע־רע הערצער. דערהויבט אייער עולה־לרגל צו דער הויך פון אַ רעליגיעזער מיסיע. דער נייער גלויבען פון וועלכען איר זייט אַפּאָסטאָלען, נויטיגט זיך אין מאַרטירערטום כדי צו פאַרזיכערען איר ענדגילטיגען טריאומף. און לײדען, וואָס ווערט בראַוו און נאָבעל געטראָגען, איז דער שענסטער דיי־מענט אין דער קרוין מיט וועלכער דער מלאך פון אייראָפּע־אישען שיקזאַל באַצירט דעם קאָפּ פון זיינע סאָלדאַטען.

„די טעג, וועלכע איר האָט פאָראויסגעזען וועלען זיכער אָנקומען. הויך איבער אונז איז אָנגעשריבען אזעלכעס, וואָס אַלע באַשליסע פון מיניסטעריומס און אַלע אוקאַזען פון צאַרען זיינען פּונקט אַזוי מאַכטלאָז אויסצומעקען, ווי די שטורעם־ווינטען אויסצומעקען די ליכטיגע זון פון דעם הי־מעל געוועלב, — דער אוניווערסאַלער מאָראַלער געזעץ, דער פּראָגרעס פון יעדען דורך אַלע. און דאָ אויף דער ערד גע־

פינט זיך דאָס וואָס קיין שום טיראַנישע מאַכט קאָן לאַנג ניט האַלטען אונטערדריקט, — ד י פ ע ל ק ע ר, — די קראַפט און די צוקונפט פון די פעלקער. זייער מיסיע וועט דורכ־געפירט ווערען, און דער טאָג וועט זיכער קומען, אפילו דאַן ווען זייערע שונאים און אונטערדריקער וועלען אַם שטאַרק־סטען גלויבען, אַז זיי (די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטען) זיינען בלינד, געשמידט אין קייטען, און אויף אייביג צע־קוועטשט, — ווען די פעלקער, — דער שמשון הגבור פון דער מענשהייט, — וועלען אויפהויבען זייערע אויגען צום הימעל, און מיט איין קלאַפּ פון דעם מעכטיגען אָרעם דורך וועלכען טראָגען ווערען צעשמעטערט, וועלען זיי צעברעכען יעדען שקלאַפּען־צובונד, צערייסען יעדע קייט, אומוואַרפען יעדען באַריער, און זיך דערהויבען אין פרייהייט, בעלי בתים איבער זיך אליין."

דריטער קאַפּיטעל

(1837—1847)

לאָנדאָן. — מאַציני׳ס ליידען. — נייע פריינד. — די אַשהורסטס. — קאַרלייל. — דער קאמף קעגען קינדער שקלאַפעריי. — מאַציני׳ס פרייע איטאַליענישע שולע. — די ענגלישע פּאָסט העלפט איטאַליענישע טיראנען. — די טראגישע געשיכטע פון די העלדישע ברידער באַנדיערא.

אין יאנואר פון דעם יאָר 1837 איז דזשוזעפּא מאַציני צוזאַמען מיט די צוויי ברידער ר ו פּ י נ י *) אָנגעקומען אין ל אָ נ ־ ד אָ ן, וואו ער האָט אָנפאנגס פיל געליטען פון הונגער און קעלט. דער גייסטיגער קריזיס, וועלכען ער האָט דורכגעלעבט אין דער שווייץ איז איצט נאָכגעפאָלגט געוואָרען פון אַ קריזיס פון שרעק־

*) ז ש י אָ ו ו א נ י און א ג אָ ס ט י נ י ר ו פּ י נ י, ברידער פון דעם מאַרטירער זשאקאָפּא רופּיני, (זעט זייט 67), צוליב מיספארשטענדענישען זיינען זיי שפּעטער מיט מאַציני׳ן זיך פאנאנדער־געגאַנגען. אויף מאַציני׳ס אָפטע הילף און טובות האָבען ביידע אָפט־מאָל באַצאָלט מיט אומדאנקבארקייט. זשיאָוואַני רופּיני איז דער מחבר פון אַ היסטאָרישער נאָוועלע „לאָרענצאָ בענאָני״, אין וועלבען אַ בילד פון מאַציני איז פארקערפּערט אין איינעם פון די העלדען. דעם נאָמען פון בוך האָט מאַציני, וועלכער האָט געקענט העברעאיש, פאָרגעשלאָגען די העברעאישע ווערטער „ב ן ־ ע נ י״—„בענאָני״ (דער זון פון מיינע ליידען). — אויף דער עלטער איז זשיאָוואַני רופּיני געווען איטאַליעני־שער אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז.

ליבער ארמוט. עס איז שווער צו שילדערען מאציני'ס ליידען אין דער דאָזיגער העכסט טרויעריגער צייט.

בּיסלאכווייז איז ער געצוואונגען געווען צו פאר'משכנ'ען כמעט אלץ וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראכט פון דער שווייץ. ביכער, קליידער און אייניגע פּערזענליכע מתנות פון זיין מוטער, וועלכע זיינען ביי אים טייער געווען, און פון וועלכע ער האָט זיך פריער קיין מאָל ניט געשיידט.

די געלד שטיצע וועלכע ער פלעגט, זייענדיג אין דער שווייץ, באקומען צוגעשיקט פון זיינע עלטערען פאר זיינע פּערזענליכע נויטען, האָט מאציני כמעט אין גאנצען אוועקגעגעבען פאר די צוועקען פון דער באוועגונג. און ער האָט איצט פון לאָנדאָן ניט געוואָלט שרייבען צו די עלטערען און זיי באקענט מאכען מיט זיין קלעגליך טרויעריגען צושטאנד.

ער האָט איין שבת געמוזט פאר'משכנ'ען זיין איינציגען ראָק און זיינע שיך, צו קאָנען קויפען ברויט פאר די רופיני'ס, פאר נאָך אייניגע הונגער־ליידענדע איטאליענישע פּליכטלינגע און פאר זיך...

ער איז געווען עלענד און שטום, ניט קאָנענדיג די לאנד שפּראך. אָבער מער פון אלץ האָט ער געליטען פון גייסטיגער איינזאמקייט, און פון דעם געפיל פון פרעמדקייט מיט דעם לעבען וואָס האָט אים איצט ארומגערינגעלט.

דער פּלוצלונגער אומבייט פון די קלאָרע שנייען, פון די וואונדערשיינע רייכפארביגע הימלען, און פון דער אנגענעמער שטילקייט פון דער שווייצארישער לאנדשאפט, צו דעם שמוץ און טומעל פון א לאָנדאָנער הינטערגעסעל, — האָט פיל צוגעגעבען צו זיינע ליידען.

אומגעקרייזט פון א ברייטען אומענדליכען ים מיט ברודנע חושכ'דיגע הייזער, מיד פון דעם אייביגען טומעל, האָט דער עמפינדליכער מאציני געבייגקט נאָך דעם פרידען פון די שניי בא־

דעקטע אַלפּען, וואו די וואונדערשיינע אומגעבונג פּלעגט אויך אים, דעם אומרואיגען פאַרפאָלגטען נע ונד'ניק ברענגען מאָמענטען פון רו.

„מיר האָבען אָנגעוואָרען דעם אָנזיכט פון דעם שיינעם קלאָרען הימעל", האָט ער געשריבען אין יענער צייט, „דעם קלאָרען הימעל, אויף וועלכען דער עלענדסטער אויסוואורף אויף דעם אייראָפּעאישען קאָנטינענט, קאָן בליקען ניט געשטערטערהייט."

מאציני האָט ערלערענט די ענגלישע שפּראַך, און אָנגעפאנגען מיטארבייטען אין פארשיידענע ענגלישע זשורנאלען. דער האָנאָראר איז געווען א קליינער, אָבער מאציני איז געוואוינט געווען צו אן אָרימען און באשיידענעם לעבען. פילע פון זיינע בעסטע ליטערארישע עסייען געהערען צו דער דאָזיגער פעריאָדע.

די דאָזיגע ליטערארישע ארבייט האָט אים אין קאָנטאקט געבראכט מיט די לאָנדאָנער אינטעלעקטועלע און ליבעראלע קרייזען. ער האָט זיך ערוואָרבען נייע פריינד, און די פעריאָדע פון דחקות און איזאָלירונג האָט זיך פאר מאציני'ן געענדיגט.

אין די אינטעלעקטועלע קרייזען פון ענגלאנד האָבען זיך צו אלע צייטען געפונען אייניגע הויך אידעאליסטישע מענשען מיט מוטיגע נאטורען, וועלכע זיינען גרייט און וויליג געווען צו ווידמען זייער צייט, מי און ווען נויטיג איז, אויך אָפּגעבען זייערע לעבענס אין קאַמף פאר דער באפרייאונג פון אונטערדריקטע פרעמדע פעלקער.*)

---

*) דער פאַל מיט דעם באַרימטען ענגלישען דיכטער ל אָ ר ד ב י י ר אָ ן איז אַ קלאַסישערביישפּיל. דער גרויסער פּאָעט האָט זיך אָנגעשלאָסען אַלס פרייוויליגער אָן דער גריכישער נאַציאָנאל־רעוואָלוציאָנערע אַרמיי, און איז געשטאָרבען אין דינסט אין גריכענלאנד אין דעם יאָר 1824.

מיט איינגע אזעלכע פרייהייטס־גייסטער האָט זיך מאציני באקענט אין לאָנדאָן. ער האָט זיי פאראינטערעסירט אין דער איטאליענישער נאציאָנאלער באוועגונג, און זיי האָבען אים שפּע־טער געהאָלפען אין זיין גרויסער ארבייט. צווישען די דאָזיגע אי־דעאַליסטען פארנעמט דעם אויבען־אָן די ענגלישע פאמיליע אַ ש־ה ו י ר ס ט.

ו ו י ל י א ם ה ע נ ר י אַ ש ה ו י ר ס ט, וועלכער איז אין זיין צייט געווען איינער פון די בארימטעסטע לאָנדאָנער אד־וואָקאטען, און זיין פרוי, זיינען געווען מאציני׳ס בעסטע פריינד אין ענגלאנד. מאציני איז געוואָרען אָן אָפטער באזוכער און א ווילקאָמענער גאסט אין זייער הויז אין מאָזוועל היל, (א פאָרשטאָט פון לאָנדאָן.) און די אינגערע אשהוירסטס, — א זון און דריי טעכ־טער — זיינען אויפגעוואקסען באטראכטענדיג דזשוזעפּא מאציני׳ן ווי אן עלטערען ברודער.

נאָך דעם טויט פון וויליאם אשהוירסט און זיין פרוי, איז די דאָזיגע פריינדשאפט צווישען מאציני׳ן און די יונגע אשהוירסטס נאָך מער פארשטארקט געוואָרען.

די עלטסטע טאָכטער ק א ר אָ ל י ין, וועלכע האָט געהיי־ראט דעם ליבעראלען פארלאמענט מיטגליד ד ז ש י י מ ס ס ט א נ ס פ ע ל ד, איז געווען איינע פון די טעטיגסטע טוערינס אין לאָנדאָן פאר דער איטאליענישער פרייהייטס באוועגונג.

אָבער די וויכטיגסטע, אַם מערסט באגאבטע מיטגלידערין פון דער פאמיליע אשהוירסט, איז בלי ספק געווען די אינגסטע טאָכ־טער ע מ י ל י. עמילי אשהוירסט איז געווען א טאלאנטפולע מאָלערין*) און שריפטשטעלערין. א באגייסטערטע אידעאַליסטקע

*) עמילי אשהוירסט האָט געמאָלען איינגע בילדער פון מאַ־ציני, פאר וועלכע ער האָט פּאָזירט. (איינע פון די דאָזיגע בילדער

פול מיט ענערגיע און ווילען. זי איז געוואָרען מאַציני'ס איבער־געבענסטע און געטרייסטע מיטהעלפערין. ער פלעגט איר אָפט אָנ־פאַרטרויען זיינע פּלענער און אונטערנעמונגען. זי איז אויך געווען די איבערזעצערין פון זיינע שריפטען.

אויף עמילי אשהוירסט איז אין יאָר 1852 אויסגעפאַלען די טרויעריגע פליכט צו ברענגען צו מאַציני'ן אין זיין אָרימען לאָנ־דאָנער קוואַרטיר. די ערשיטערענדע נאַכריכט פון דעם טויט פון זיין געליבטער מוטער אין גענוא. אין דעם יאָר 1861 האָט עמילי

איז דאָ רעפּראָדוציצירט אין דיזען בוך אויף זייט.....) אין יאָר 1849 האָט זי געשיקט איינע פון די דאָזיגע בילדער אלס מתנה צו מאַציני'ס מוטער אין גענוא, באַקומענדיג אלס ענטפער דעם פאָלגענדען בריוו פון יענער באַבעלער פרוי.

„מיין וואונדערבאַרע פריינדין.

איך ווייס גאָר ניט ווי אַזוי אויסצודריקען אין ווערטער די דאַנק־באַרקייט וואָס איך פיל אין הארצען פאַר אייער מתנה פונ'ם פּאָרטרעט פון מיין זון. אַחוץ דעם וואָס עס איז אַזוי ענליך צו אים אין אויס־זען, אַנטהאלט עס עטוואָס, וואָס איך האָב ביז איצט ניט געפונען אין די פילע בילדער, וועלכע איך האָב געזען, און דאָס איז, — דער אויסדרוק פון זיין נשמה, אַ שווערע זאַך, גלויב איך, אַנצוכאַפּען זאָגאָר פאַר די וועלכע זיינען באַגאַבט מיט הויכען טאַלאַנט; אין אייך אָבער האָט די דאָזיגע שוועריגקייט ניט מנצח געווען, ווייל אייער פּענזעל איז געפירט געווען פון דעם סענטימענט פון יענער פריינדשאַפט מיט וועלכען איר באַערט מיין זון, און וועלכע איר האָט אַריינגעגאָסען אין אייער ארבייט אויף זיין פּאָרטרעט. וואָס אָנבאַלאַנגט די פינף און צוואַנציג קאָפּיעס וועט אייער גוטהאַרציגער אבזיכט לטובת אונזערע אָרימע פליכטלינגע דורכגעפירט ווערען, און עס וועט אייך ברענגען די ברכות פון די אָרימע, וועלכע איז אויך די ברכה פון גאָט. עס פרייט מיך זעהר, וואָס דער איצ־

געהייראט דעם איטאליענישען פרייהייטס קעמפער ק א ר ל אָ ו ו ע נ ט ו ר י, וועלכער איז אין א קורצער צייט ארום פלוצלונג געשטאָרבען. עמילי אשהווירסט ווענטורי איז געשטאָרבען אין יאָר 1893.

מ א צ י נ י האָט זיך אויך אינטים באפריינדעט מיט דעם בארימטען ענגלישען עסייאיסט און ליטעראט ט ה אָ מ א ס ק א ר ל י י ל, און מיט זיין באגאבטע פרוי ד ז ש ע י ן ו ו ע ל ש ק א ר ל י י ל, מיט ו ו י ל י א ם ש ע י ן, און מיט אנדערע, וועלכע פלעגען אים מיט הארציגער פריינדשאפט אויפנעמען אין זיינע פילע שפעטערדיגע אנטרינונגען קיין ענג־

טיגער אומשטאַנד האָט מיר געבראַכט די געלעגענהייט צו קאָנען אויס־דריקען צו אייך די געפילען פון ליבע און דאַנקבאַרקייט מיט וועלכע מיר איז אַזוי אנגענעם אָפּצוצאָלען אייך און אייער פאמיליע פאַר דער ליבע מיט וועלכער איר רינגעלט תמיד אַרום מיין זון, ווען ער געפינט זיך נאָענט צו אייך; און דאָס, מיין טייערע, איז באמת געווען אַ גרויסע טרייסט צו מיין אָנגעווייטאָגטער האַרץ אין לויף פון מיין טרויער. זאָלט איר אויך אויף ווייטער קאָנען, ווי איך האָף, פאָרזעצען די דאָזיגע פריינדשאַפט מצד אייך און אייער פאַמיליע, צו וועלכע איך בעט אייך איבערגעבען אין מיין נאָמען מיינע סענטימענטען פון טיפער אויפריכ־טיגער ליבע. און איר, מיין טייערע, אַקצעפּטירט זיי, צוזאמען מיט אַ צאַרטע אומאַרמונג, וועלכע איך גיב אייך פון מיין גאנצען הארצען, עס איז מיר אנגענעם, וואָס איך האָב די געלעגענהייט צו זאָגען דאָס איך בין איינס מיט אייך.

אייער אויפריכטיגע פריינדין

מאַריא מאַציני.

זעט: „מאציני׳ס לעטערס טו אן אינגליש פעמילי״. רעדאגירט פון ע. פ. ריטשארדס, לאָנדאָן, 1920. באַנד 1. זייט 136.

לאנד, נאָך די פארשיידענע טריאומפען פון דער איטאליענישער רעאקציע, אין לויף פון שווערען און לאנגען קאמף פאר פרייהייט.

איינער פון מאציני׳ס נאָענטסטע פריינט און מיטארבייטער אין לאָנדאָן, אין דער דאָזיגער צייט, איז געווען דער יונגער אידי־שער געלערענטער, דער שפעטערדיגער פאָרשטייער פון אמעריקא־נער אידענטום ס א ב א ט א מ אָ ר א א י ס.*) (געבוירען אין לעגהאָרן, איטאליען, אין יאָר 1823 און געשטאָרבען אין פילאדעל־פיע אין יאָר 1897).

אויף דער איינלאדונג פון דער לאָנדאָנער שפאניש־פאָרטוגע־זישער קהילה, איז ש ב ת י מ אָ ר א א י ס אָנגעקומען פון אי־טאליען קיין ענגלאנד אין אָנפאנג פון די פערציגער יאָרען, צו פאר־נעמען די שטעלע אלס העברייאישער לערער און מנהיג פון דעם בית יתומים. ער איז דאָרט פארבליבען ביז דעם יאָר 1851, ווען ער איז אָפגעפאָרען קיין אמעריקא צו דער ראבינער שטעלע פון דער „מקוה ישראל קאָנגרעגיישאָן" אין פילאדעלפיע. אין אמעריקא איז סאבאטא מאָראאיס שנעל געשטיגען, און איז געוואָרען איינער פון די גרעסטע גייסטער אין אמעריקאנער אידענטום. אין דעם יאָר 1886 האָט ער געהאָלפען גרינדען דעם „אידיש טעאָלאָגישען סע־מינאר". (דזשואיש טעאָלאָדזשיקעל סעמינערי). ער איז אויך גע־ווען דער ערשטער פרעזידענט פון פאקולטעט. זיין פאָטער, ר׳ ש מ ו א ל מ אָ ר א א י ס. איז געווען איינער פון די מוטיגסטע רעוואָלוציאָנערען אין איטאליען, ליידענדיג פארפאָלגונג און גע־פאנגענשאפט פאר זיין באטייליגען זיך אין דער נאציאָנאלער פריי־הייטס באוועגונג פון איטאליענישען פאָלק.

ר׳ שמואל מאָראאיס איז ניט געווען דער איינציגער אָנגע־זעענער איד אין דער באוועגונג. פילע איטאליענישע אידען האָבען

---

*) זעט: „דהי דזשואיש ענציקלאָפעדיע". באַנד 8, זייט 680.

זיך אקטיוו באטייליגט. פון די וועלכע זיינען געשטאנען נאָענט צו מאציני'ן איז ווערט צו פארצייכענען לע—אלפער, וועלכער איז שפעטער געווען רב אין טורין, און די פאמיליע נאטאן.

אין ווענעציע, האָט זיך אחוץ דניאל מאנין, אויך אויסגעצייכענט יצחק פעזארא מוראגאנעטא, אַן אַנגעזעענער מיטגליד פון דער אידישער געמיינדע, וועלכער איז געוואָרען דער פינאַנץ־מיניסטער פון דער רעוואָלוציאָנערער רע־פובליק.

אין דעם יאָר 1839 איז מאציני שוין געשטאנען אין נאָענטער פארבינדונג מיט די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטען אין מאלטא און פאריז.

דעם פאָלגענדען יאָר, (אין 1840) האָט ער אין לאָנדאָן אָרגא־ניזירט אַן ארבייטער אסאָציאציע, מיט א וועכענטליכען אָרגאַן, דעם „אפאָסטאָלאָ פאָפאָלארע", אין וועלכען ער האָט אָנגעפאנגען פארעפענטליכען אין פאָרזעצונגען, זיין מייסטער־ווערק „אי דאָ־ווערי דעל אואָמא" (די פליכטען פון'ם מענשען)—פון וואַ־נען עס וועלען שפעטער געבראכט ווערען אייניגע ציטאטען פון מאַ־ציני'ס אנשויאונגען איבער דעם נאציאָנאליזם. מאַ־ציני, וועלכער האָט ביז צו דער דאָזיגער צייט געארבייט פאר'ן פאָלק, האָט איצט אָנגעהויבען ארבייטען צוזאמען מיט'ן פאָלק.

זיין ענגער קאָנטאקט מיט די איטאליענישע ארבייטער אין לאָנדאָן, איז ארויסגעוואקסען פון זיין ענערגישען קאמף אָפצושטע־לען די שקלאפעריי און דעם קינדער האנדעל, א שקלאפען־סיסטעם אויף וועלכען ער האָט זיך אָנגעשטויסען זייענדיג אין לאָנדאָן.

דער דאָזיגער האנדעל מיט קליינע קינדער איז געווען פיל פארשפרייט אין זיך איטאליען און אין ענגלאנד.

אויסוואורפען פלעגען ביי אָרימע, הונגער ליידענדע עלטערען

אין איטאַליען אָפּקויפען זייערע קליינע אינגלעך, און זיי אוועקפיי־רען קיין לאָנדאָן און אין אנדערע ווייטע שטעט. די עלטערען פלעגט מען איינריידען, אז מען וועט די קינדער גוט באהאנדלען און אויס־לערנען נוצליכע מלאכות.

אין אויסלאנד האָט מען די אָרימע עלענדע קינדערלאך פאר־קויפט צו ברוטאלע בעלי־בתים, וועלכע פלעגען זיי, הונגעריגע, באָר־וויסע און האלב נאקעטע, צווינגען ארומגיין און בעטלען אין די גאסען, — שפּילענדיג אויף די קאטערינקעס, אָדער פארקויפען בי־ליגע גיפּסענע ביוסטען. די דאָזיגע קינדער זיינען אויסגעשטאנען א סך צרות און ענוים. וועה איז געווען דעם אומגליקליכען קליינעם שקלאַף, וועלכער האָט ביינאכט געבראכט ווייניגער פארדינסט ווי־פיל דער שקלאפען־טרייבער האָט ערווארטעט. ניט נאָר האָט מען אים קיין עסען ניט געגעבען, נאָר מען פלעגט אים פארקנוטעווען ביז עס האָט זיך געגאָסען בלוט.

מאציני פארצייכענט דעם פאטעטישען פאל פון איינעם פון די דאָזיגע אומשולדיגע קרבנות. א טויט־קראנקען, האָט מען דעם דאָזיגען קינד ארויסגעטריבען אויפ'ן גאס „ארבייטען"..... א פאר־בייגייענדיגער „פּאָליסמאַן" האָט באמערקט דעם בלאסען פּנים, אויף וועלכען דער טויט האָט שוין ארויפגעלייגט זיין שטעמפּעל, און ער האָט דעם אָרימען אינגעלע געבראכט אין האָספּיטאל וואו ער איז אין איניגע שטונדען ארום געשטאָרבען, ניט עפענענדיג זיינע ליפּען.

מאציני'ס אומערמידליכע באמיאונגען האָבען דעם דאָזיגען שענדליכען שקלאפען האנדעל אָפּגעשטעלט. צו די פארוואָגעלטע איטאַליענישע קינדער אין לאָנדאָן, איז ער געוואָרען א געטרייער פאָטער. אין יאָר 1841, האָט ער פאר זיינע קליינע לאנדסלייט געגרינדעט און געעפענט א פרייע שולע אין ה ע ט אָ ן ג א ר ־ ד ע ן, לאָ נ ד אָ ן. אין דער דאָזיגער שול האָט זיי מאציני גע־

לערנט לעזען און שרייבען ענגליש, פארטיפט זייער קענטנים פון זייער נאציאָנאלער שפּראך — איטאַליעניש, און אויך אנדערע נוצליכע געגענשטאנדען. איבערהויפּט האָט ער אין זייערע יונגע הערצער פארפלאנצט די ליבע צו פרייהייט, און זיי געלערענט שטרעבען צו הויכע אידעאַלען. די שולע איז פינאנסירט געוואָרען דורך קאָנצערטען און אנדערע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרען מיט דער הילף פון מאַציני׳ס ענגלישע פריינד.

די „פרייע איטאַליענישע שולע" איז ביטער באקעמפט געוואָרען פון די גלחים פון די איטאַליענישע קירכען אין לאָנדאָן, צוליב דעם פרייען און נאציאָנאלען גייסט, וואָס האָט דאָרט פארנומען דעם אויבען־אָן.

זייער קאמף האָט זיי אָבער קנאפּ וואָס געהאָלפען. און שלימליך האָבען זיי אויפגעעפענט אן אָפּאָזיציאָנס שולע אויף דער זעלבער גאַס, מיט׳ן צוועק אוועקצורייסען די קינדער פון מאַציני׳ס „שעדליכען" איינפלוס.

צו יענער צייט האָט די ענגלישע רעגירונג אָפּגעטאָן א מיאוס שטיקעל ארבייט קעגען דזשוזעפּא מאַציני׳ן.

די לאָנדאָנער „דזשענעראל פּאָסט אָפיס" פלעגט עפענען און פאַר זיך קאָפּירען אלע בריוו, וועלכע זיינען געווען צו אים אדרעסירט.

מאַציני האָט אין דער ענגלישער פּרעסע שארף פּראָטעסטירט קעגען דער דאָזיגער פארלעצונג פון זיינע עלעמענטארע פּערזענליכע רעכט, און קעגען דער באגרענצונג פון פּאָליטישער אזיל פרייהייט אין דער דעמאָקראטישער ענגלאנד.

זיין פּראָטעסט האָט געפירט צו אן אינטערפּעלאציע אין פּארלאמענט וועגען דעם דאָזיגען סקאנדאל.*)

*) אַ בריוו אָפּגעדרוקט אין לאָנדאָנער „מאָרנינג קראָניקל" פון

אין לויף פון דעם עפענטליכען ויכוח, וועלכען די דאָזיגע אויפדעקונג האָט ארויסגערופען, האָט מען אין פּארלאמענט און אין דער ענגלישער פּרעסע, מאציני'ן איינינגע מאָל ביטער אטאקירט, און אים געמאָלען אין שווארצע פארבען ווי א שרעקליכער און געפערליכער קאָנספּיראטאָר, וועמעס אָנוועזענהייט אין לאָנדאָן קאָן אַמאָל ווערען א סכנה פאר גרויס בריטאניען.

אויף די דאָזיגע אטאקעס האָט געענטפערט ט ה אָ מ א ס

7טען אויגוסט 1844. איבערגעדרוקט אין באַנד 26, זייטען 285—286. פון די „סקריטי עדיטי ע אינעדיטי".

To the Editor of the "Morning Chronicle."

Sir:

Being just now engaged in writing a little treatise on the "Morality of Living Statesmen," with the motto; "La parole nous a ete donnee pour mentir," by one of the best specimens of the *Genus,* Talleyrand, I would feel extremely obliged if you could help me to the solution of a puzzling doubt which started in my mind on glancing over the "Report from the secret committee appointed by the Lords to inquire about the Post Office Espionage."

In the report of the House of Lords, July 4th, I find that the following conversation took place:—

The Marquis of Normandy: Have Mr. Mazzini's letters been communicated to any foreign power?

The Duke of Wellington: I have no knowledge of it.

The Earl of Aberdeen: I can more readily answer the question, and *I can assure* the noble Lord that *not one syllable* of the correspondence has been communicated to *anybody* whatever. (Hear, Hear.)

And the "Hear, Hear" of the Noble Lords was loudly re-echoed, next day, by all the ministerial press! The declaration of Lord Aberdeen was to be trumpeted forth all over Europe: and both friends and foes to be apprised "that the English Ministry had, during four months, opened and

ק א ר ל י י ל אין א בריוו, וואָס איז פאַרעפענטליכט געוואָרען אין
דער „לאָנדאָן טיימז", וואו ער וואַרפט אָפּ די גרונדלאָזע אטאַקעס
און פאַרליימדונגען אויף מאַציני'ס כאַראַקטער. אויך אין
פּאַרלאַמענט, האָט מאַציני געפונען א מוטיגען פאַרטיידיגער אין
דעם פריער דערמאָנטען דעפּוטאַט סטאַנדספעלד. (דער שפּעטערדי־
גער ענגלישער מיניסטער סער דזשיימס סטאַנספעלד).

מאַציני האָט באַוויזען, דאָס מיט דער הילף פון דער
אינפאָרמאַציע, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט אויף דעם דאָזיגען
שענדליכען אופן באַקומען פון די איבערגענומענע בריוו, ז י י ־
נ ע ן פ י ל ע א י ט א ל י ע נ י ש ע ר ע וו אָ ל ו צ י אָ ־
נ ע ר ע ן, צ וו י ש ע ן ז י י ד י ה ע ל ד י ש ע ב ר י ־

---

read my correspondence; they had during many years opened and read that of foreign ministers, till the Postmaster General having in June, (just at the time of my petitioning) felt the immorality of the practice and discontinued it altogether; but they have done it only for their private comfort, not on suggestion of any foreign accomplice.

In the report of the Secret Committee, as printed yesterday in your columns, I find that "certain parts"—the only interesting parts, I suppose — "of the *information* contained in Mr. Mazzini's correspondence *were communicated* to a foreign government."

The declaration of the honorable Lords of the secret committee being so entirely at variance with that of the honorable Lord the Secretary for the Foreign Affairs, I should really like to know (so as to be enabled to arrange this new specimen of morality under its proper head) on which side, according to your valuable opinion, is the *truth,* and on which the — can you find a parliamentary word for it?

Yours most obedient,

JOSEPH MAZZINI,

47 Devonshire Street, Qucens Square.

ד ע ר ב א נ ד י ע ר א, א י ב ע ר ג ע ג ע ב ע ן ג ע װ ו אָ־ ר ע ן א י ן ד י ה ע נ ט פ ו ן ד ע ם ב ו ר ב אָ נ י ש ע ן ק ע נ י ג פ ו ן נ ע אַ פּ ע ל.

דער פאַל מיט די באנדיערא ברידער איז געװעזען באַזונדערס פּאַטעטיש.

די ברידער אָ ט י ל אָ און ע מ י ל אָ ב אַ נ ד י ע ר א זײַנען געװען זין פון דעם עסטרײַכישען אַדמיראַל באַראָן באַנדיע־רא, און געבױרענע אין װ ע נ ע צ י ע, איטאַליען.

די פאַמיליע באנדיערא איז אַן אַלט איטאַליענישע, אָבער זײַער פאָטער דער אַדמיראַל, איז פון אַ גאַנץ לאַנגער צײַט געשטאַ־נען אין לאָיאַלען דינסט פון דער עסטרײַכישער רעגירונג.

אַ ט י ל אָ און ע מ י ל אָ האָבען בײדע נאָכגעפאָלגט זײַער פאָטער׳ס פּראָפעסיע, און זײַנען געװאָרען אָפיצערען אין דער עסטרײַכישער פלאָטע. זײַער כונה איז אָבער געװען אַ גאַנץ אַנדערע.

פון זײַער פריער יוגענד, האָט זײ געפאַנגען דער הױכער אי־דעאַל פון איטאַליענישער פרײַהײט. און מיט דער דערװאַכונג פון נאַציאָנאַלען באַװאוסטזײַן איז אױך געקומען זײַער באַשלוס, אַן אַקטיװען אַנטײל צו נעמען אין דער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג.

מאַציני׳ס אַגיטאַציע און די שריפטען פון „יונג איטאַליען”, האָבען אױסגעאיבט אַ שטאַרקען אײַנפלוס אױף זײַערע עמפּפינד־ליכע צאַרטע נשמות, און אױף די באַזונדערע שיפען, אױף װעלכע זײ האָבען געדינט, האָבען זײ אָנגעפירט אַ געהײמע רעװאָלוציאָנע־רע אַגיטאַציע צװישען די איטאַליענישע מאַטראָזען אין דער עסט־רײַכישער פלאָטע.

שפּעטער, האָבען די ברידער דעזערטירט; אין גאַנצען איבער־געריסען זײַערע פאַרבינדונגען מיט דער אַריסטאָקראַטיע, און זײַ־נען אַװעק זיך מקריב זײַן פאַר דעם אידעאַל פון נאַציאָנאַלע פרײַ־

ד׳ מארטירער

הייט, וואָס איז ביי זיי געשטאַנען פיל העכער פון זייער אייגענעם לעבען.

אין דעם יאָר 1842 האָט אַטילאָ (דער עלטערער ברודער), גע־שריבען אַ בריוו צו דזשוזעפּע מאַציני אין לאָנדאָן. אין דעם דאָ־זיגען בריוו דריקט ער אויס קודם כל, זיין גרויסע ליבע און פאַר־ערונג צו דעם גייסטיגען פאָטער פון דער איטאַליענישער רעוואָלו־ציע. דערנאָך וויקעלט ער דאָרט פאַנאַנדער זיינע פּלענער פאַר רע־וואָלוציאָנערער אַקציאָן, אויסדריקענדיג די האָפענונג, דאָס די דאָ־זיגע פּלענער וועלען באַקומען מאַציני׳ס צושטימונג.

די ברידער באַנדיעראָ האָבען זיך אַקטיוו באַטייליגט אין פילע רעוואָלוציאָנערע אונטערנעמונגען. זיי האָבען אויך געפּלאַנט אַ גרויסען אויפשטאַנד אין נעאַפּעל. מען האָט זיי אָבער פאַרראַטען. אַטילאָ און עמילאָ זיינען ביידע אַרעסטירט געוואָרען, און מען האָט זיי פאַרשפּאַרט אין טורמע, וואו מען האָט זיך קעגען זיי גאַנץ ברו־טאַל באַגאַנגען.

דער עלטערער ברודער, אַטילאָ, איז געווען פאַרהייראַט און האָט געהאַט אַ קליין קינד. ווען ער האָט היים און צערטליך גע־ליבט. פון גרויס צרות איז זיין יונגע פרוי געשטאָרבען קורץ נאָך זיין אַרעסט. דער טויט איז אין איר פאַל געווען באַרמהערציג. איר איז געשווינט געוואָרען די שרעקליכע אַגאָניע פון דורכלעבען די הינריכטונג פון איר געליבטען מאַן.

דעם אינגערע ברודער עמילאָ, האָט זיך איינגעגעבע צו אַנט־לויפען קיין קאָרפו, וואו אים איז באַלד אויסגעקומען דורכצומאַכען אַ שרעקליכען נסיון.

די דעזערטירונג פון די ביידע אָפיצערען באַנדיעראָ, האָט דער עסטרייכישער רעגירונג געבראַכט אין גרויס פאַרלעגענהייט. זי האָט זיך געשראָקען פאַר דעם רושם, וואָס די דאָזיגע האַנדלונג האָט גע־מאַכט אין דעם פּערזאָנאַל פון איר פלאָטע. איר האָט אויך באַ־

אומרואיגט די מעגליכע ווירקונג וואָס דער זעלבער אקט קאָן האָ־בען אויף די איטאַליענישע פאָלקס מאסען, וועלכע וועלען דערזען, אַז אויך אין שונא׳ס לאגער האָבען זיך בולט באוויזען סימפּטאָמען פון רעוואָלוציע.

די רעגירונג האָט נאָך א ישוב הדעת באשלאָסען אויספּרובירען ווייכערע מעטאָדען.

אין א בריוו צו מאציני פון קאָרפו, שרייבט עמילא באנדיערא, דאָס דער עסטרייכישער וויצע־קעניג פון די לאמבארדיען־וועניע־ציע׳ר פּראָווינץ, האָט געשיקט אַן אגענט צו באנדיערא׳ס מוטער די באראָנעסע, און איר פאָרגעשלאָגען, דאָס אויב זי וועט פערזענ־ליך באוועגען איר זון ער זאָל זיך מודה זיין און עפענטליך אויס־דריקען חרטה אויף זיינע פּאָליטישע טעות׳ן, און צוריקקומען קיין איטאַליען, — וועט מען אים ניט בלויז באגנאדיגען, נאָר מען וועט אים צוריקגעבען זיין פריערדיגען אמט אלס פלאָטען אָפיצער.

„מיין מוטער — פול מיט האָפענונג און גלויבען — איז באלד אהער געפאָרען; און איך לאָז איבער צו אייער איי־גענער פאָרשטעלונג די גייסטיגע קאמפען און די פּיינליכע סצענעס, וועלכע איך האָב געמוזט דורכמאכען.״

„..... אומזיסט האָב איך איר ערקלערט, דאָס מיין פליכט באַפעלט מיר דאָ צו פארבלייבען. און הגם איך בייגק מיט מיין גאנצער נשמה צוריקצוקומען אין מיין לאנד, וועל איך אָבער קומען אהין ניט צו לעבען ווי א שקלאַף, נאָר צו שטארבען ווי א העלד; דאָס דער איינציגער „פּאספּאָרט״ מיט וועלכען איך קאָן צוריקקומען קיין איטאַליען, ליגט אויפ׳ן שפּיץ פון מיין שווערד; און דאָס קיינע פאמיליען־צובונדען וועלען מיר נישט קאָנען באוועגען צו פארלאָזען דעם אידעאַל צו וועלכען איך האָב זיך איבערגעגעבען. דאָס

דעם פלאג פון א קעניג קאָן מען אמאָל פארלאָזען, אָבער דעם פרייהייטס־באנער פון אונזער לאנד קיין מאָל ניט".

„..... מיין מוטער, געפייניגט, בלינד פון פארצווייפלונג, קאָן מיר ניט פארשטיין; זי ווארפט מיר פאָר, אז איך בין אומנאטירליך, ניט פרום, א מערדער. אירע טרערען צעריי־סען מיין הארץ; — אירע פאָרוואורפען, הגם נישט פאר־דינטע, זיינען צו מיר ווי וואונדען פון א קינזשאל; אָבער מיין אומגליק קאָן מיר בשום אופן ניט בארויבען פון מיין פארשטאנד. איך וויים, דאָס די פאראנטוואָרטליכקייט פאר אירע טרערען פאלט אויף די טיראנען, און אויב מיר האָט ביז אהער באזעעלט בלויז די ליבע צום פאָלק און לאנד, בין איך איצט פונקט אזוי שטארק דורכגעדרונגען מיט האס קעגען די דעספאָטען, וועמעס שענדליכע אמביציעס ברענגען אראָפ גאנצע פאמיליעס צו אזוינע ליידען." — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

..... „שיקט מיר א וואָרט פון טריעסט. אייער צושטימונג און גוטהייסונג וועט מיר פארגיטיגען פאר די טויזענדע וויל־דע אומבארעכטיגטע באשולדיגונגען, וועלכע פארפירטע נאַ־רען און טרוסען ווארפען אויף מיר...."

* * *

אויך אטילאָ באנדיערא'ן, איז געלונגען צו אנטלויפען פון אי־טאַליען, און ער האָט זיך אין גיכען צוזאמענגעטראָפען מיט זיין אינגערען ברודער אין קאָרפו.

אין א קורצער צייט ארום, איז צו זיי געקומען זיך אָנשליסען אלס פ ר י י וו י ל י ג ע ר מיטקעמפער, דער יונגער ווענעציאַ־נער פלאָטען־לייטענאנט ד אָ מ י נ י ק אָ מ אָ ר אָ. מאָראָ האָט געדינט אויף דער קריגס שיף „אדריאַ", אויף וועלכער ער האָט אָנ־

געפירט א רעוואָלוציאָנערע אגיטאציע, נאָכפאָלגענדיג דעם ביישפּיל פון די ברידער באנדיערא. צו דער דאָזיגער צייט איז מאָראָ אלט געווען בלויז צוויי און צוואנציג יאָר.

מאציני שילדערט דאָמיניקאָ מאָראָ'ן אין די פאָלגענדע ווערטער:

„זיין פערזענליכער אויסזען האָט אונז דערמאָנט ד א נ ט ע ' ס ווערטער:

"Biondo era, e bello, e di gentile aspetti."

(ער איז געווען א בלאָנדער, זעלטען שיין, און מיט א צארטע פערזענליכקייט).

„ער האָטווירקליך פארמאָגט א מלאך'שען כאראקטער, וואָס האָט אין זיך פאראייניגט די צארטקייט פון א מיידעל מיט דעם קוראזש פון א לייב..."

די דאָזיגע דריי חברים האָבען אויסגעארבייט פּלענער, ווי אזוי אם בעסטען אויסצונוצען די וואקסענדע אומרואיגקייט פון די איטאליענישע מאסען אין יענער צייט, פאר א גרויסען רעוואָלוציאָנערען אויפשטאנד. זיי האָבען פעסט געגלויבט, אז א וואגענדער מוטיגער ארויסטריט פון א קליין הייפעלע אנטשלאָסענע מענשען, וועט געבען דעם סיגנאל פאר אן אלגעמיינעם אויפשטאנד.

אין דער דאָזיגער איבערצייגונג און פעסטען גלויבען האָבען זיי אויסגעארבייט זייער געוואגטע און ריזיקאלע אונטערנעמונג.

מיט בלויז צ וו א נ צ י ג מוטיגע, באוואפענטע מענער, האָבען זיי זיך ארויסגעלאָזען אין א קליין שיפעל פון קארפו אויף דער געפערליכער נסיעה קיין נעאפעל. זיי האָבען ניט געצווייפעלט, אז זיי וועט געלינגען צו באוועגען די פויערים פון דעם לאנדברעג אומגעגענד, צושטיין צו זיי אין אָפענעם קאמף קעגען דער רעגירונג.

מען האָט זיי אָבער פארראטען, און רעגירונגס־סאָלדאטען האָבען זיי אָפּגעוואַרט ביים לאנדען.

דעם עלפטען יוני 1844, דעם לעצטען טאָג פאַר זייער אָפּפאָרען פון קאָרפו, האָבען זיי געשיקט מאַציני'ן אַן אָפּשיידס־בריוו. אין בריוו איז געווען איינגעשלאָסען א ליסטע פון אַלע מיטגלידער פון דער עקספּעדיציע. „אויב אונז וועט געלינגען, וועלען מיר טאָן אונזער פליכט..... אויב מיר פאַלען דורך, וועט עס זיין די שולד פון דעם שיקזאַל און ניט פון אונז".

פון אונטען, צום סוף פון דעם דאָזיגען בריוו, האָט עמיליא באַנדיערא אייגענהענדיג צוגעשריבען די פאָלגענדע ווערטער:

'מיין ברודער, — א פּאָר ווערטער אויך פון מיר, וויל דיזע וועלען פיליכט זיין די לעצטע וועלכע איר וועט פון אונז באַקומען. זאָל אייך גאָט בענשען פאַר די גרויסע לייסטונגען, וועלכע איר האָט געגעבען אונזער לאַנד. איצט, ערב אונזער גרויסער סכנה, דערקלער איך, דאָס יעדער איטאַליענער איז אייך שולדיג א חוב פון פאַרערונג, און פון דאַנקבארקייט. אונזערע פּרינציפּען זיינען אייערע פּרינציפּען. איך שטאָלציר און פריי זיך דערין; און ווען איך וועל זיך ענדליך געפינען אין מיין אייגען לאַנד מיט וואפען אין די הענט, וועט מיין אויסגעשריי זיין דער זעלבער אויסרוף מיט וועלכען איר האָט צו אונזער פאָלק גערופען און צו אונז אַלעמען זיך געווענדעט. אדיאָ, אדיאָ! מיר, וועלכע זיינען אָרים אין אַלץ, דערוויילען אייך איצט אונזער אפּטרופּוס, כדי מיר זאָלען ניט אָפּשטאַרבען אין דעם אָנדענק פון אונזערע מיטבירגער.

עמיליא.

דער דאָזיגער בריוו איז געווען איינער פון פילע אנדערע צו מאַציני, וועלכע די ענגלישע רעגירונגס לייט האָבען געעפענט איידער עס האָט אים דערגרייכט...

אָנקומענדיג אין אָנגעזיכט פון דעם איטאַליענישען לאַנד־ ברעג, האָט עמיליא באַנדיערא מיט פּאַטאָס אויסגערופען:

"Ecco la patria nostra! Tu hai data la vita, e noi la spenderemo per te."

(קוקט אָן אונזער פאַטערלאַנד! דו האָסט אונז געגעבען דעם לע־ בען און מיר גיבען עס איצט אָפּ פאַר דיר!).

די עקספּעדיציע האָט געלאַנדעט אין איטאַליען. אין ק אַ ־ ס ע נ ז אַ, איז פאָרגעקומען א באוואָפענטער צוזאַמענשטויס מיט די רעגירונג'ס סאָלדאַטען. מען האָט די רעוואָלוציאָנערען לייכט איבערוועלטיגט, א ו ן ג אַ ר אָ ה ן צ ע ר ע מ אָ נ י ע ס אַ ל ע מ ע ן פ אַ ר א ו ר ט י י ל ט צ ו ם ט ו י ט.

דעם פינף און צוואנציגסטען יולי, האָט מען די ברידער באַנ־ דיערא, דעם יונגען דאָמיניקא מאָרא, צוזאַמען מיט נאָך זעקס חברים, ארויסגעפירט צו זייער ע פ ע נ ט ל י כ ע ר הינריכטונג.

א גלח מיט א קרייץ אין האנט, איז צוגעקומען צו די מארטי־ רער, וועלכע האָבען אים העפליך אָבער דרייסט אָפּגעשטויסען פון זיך. אים זאָגענדיג דאָס זיי נויטיגען זיך ניט אין זיינע דינסטע, ווייל זיי האָבען אין לעבען געזוכט צו פ ר אַ ק ט י צ י ר ע ן גאָט'ס וואָרט, און עס פּראָפּאַגאַנדירען אפילו מיט'ן קאָסט פון זייער בלוט.

רואיג און געלאַסען זיינען זיי געגאַנגען צו דעם הינריכטונג'ס פּלאַץ, און האָבען קאַלטבלוטיג געשמועסט צווישען זיך, ווי זיי וואָלטען געגאַנגען אויף א געוויינליכען שפּאַציר.

די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען באַדאַרפט אויספירען דעם טויט־ אורטייל האָבען נישט געקאָנט אין גאַנצען אונטערדריקען זייערע איינענע געפילען און האָבען זיך צעוויינט... „טוט אייער פליכט", האָט צו זיי אויסגערופען איינער פון די פאַר'משפּט'ע, „מיר זיינען אויך סאָלדאַטען!"

אויף די ארומיגע בערג זיינען געווען פארזאמעלט גרויסע מאַסען פון פאָלק, מענער און פרויען, וועלכע האָבן פארגאָסען ביטערע טרערען, און מיט פארקריצטע ציינער און האַס־אָנגעפילטע הערצער, געשאָלטען די בלוט־דורשטיגע טיראַנען.

„ש י ס ט!" — האָט אויסגעשריען איינער פון די ברידער באַנדיערא, „שיסט, אָבער צילט ניט אין די פּנים'ער, זיי זיינען דאָך באַשאַפען בצלם אלהים, עס לעבע איטאַליען!"

אַלע ביקסען האָבן אויסגעשאָסען מיט איין מאָל. די אומוויליגע סאָלדאַטען האָבן אָבער שלעכט געצילט, און האָבן בלויז איינציגע פארוואונדעט.

ביים צווייטען זאַלפּ, זיינען אייניגע געפאַלען טויט, און אַטילאַ באַנדיערא איז שרעקליך פארוואונדעט געוואָרען. ער איז אָבער נאָך געבליבען לעבען.

מען האָט געמוזט אויסשיסען אַ ד ר י ט ע ן מאָל — ...אין אַ קורצע צייט ארום, זיינען שוין אַלע נייען מארטירער געווען טויט.

* * *

די ברידער באַנדיערא האָבן זיך „פארלאָזען אויף דער באַוואוסטער ערליכקייט פון דער ענגלישער פּאָסט", ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט אין אַ פארטרוייליכען בריף צו מאַציני. אָבער די ענגלישע רעגירונג האָט זיי פארראַטען, און דער דאָזיגער אַקט האָט געפירט צו זייער שרעקליכען סוף.

קירצליך נאָך דער דאָזיגער הינריכטונג, האָט דזשוזעפּא מאַציני פארעפענטליכט אַ פּאַמפלעט איבער די ברידער באַנדיערא און זייער עקספּעדיציע. *)

---

*) (1844) „ריקאָרדי דעי פראַטעללי באַנדיעראַ"

זיין שילדערונג פון די מ א ר ט י ר ע ר פ ו ן ק אָ־ ס ע נ ז אָ" האָט געמאכט גרויס אויפזען, און האָט ארויסגערופען אין דער גאנצער וועלט, א כוואַליע פון אנטריסטונג קעגען די אונ־ טערדריקער פון דעם איטאַליענישען פאָלק. די דאָזיגע שריפט האָט אויך געוואונען פילע נייע אָנהענגער פאר דער איטאַליענישער באַ־ וועגונג.

פון דעם דאָזיגען פאמפלעט שטאַמט די ציטאַטע וואָס דינט דעם פאָרליגענדען בוך אַלס מאָטאָ.

פערטער קאַפּיטעל

.1848—1850

צוריק אין איטאַליען. — אויפשטאַנדען אין מ י ל א ן און אין ו ו ע נ ע צ י ע. — דער פּאָפּסט אַנטלויפט פון ר ו י ם. — די רוי־מישע ר ע פּ ו ב ל י ק. — מאַציני אַלס רוימישער טריאומוויר. — די פראַנצויזישע עקספּעדיציע קיין רוים. — רוים באַלאַ־גערט. — מאַציני רעזיגנירט. — די קאַמפּען ארום רוים. — בריוו צו די פראַנצויזישע מיניסטאָרען. — צוריק אין לאָנדאָן. — דער העלדישער קאַמף פון ווענעציע און דניאל מאַנין.

אין אָנפאַנג פון דעם יאָר 1848 זיינען פאָרגעקומען רעוואָ־לוציאָנערע אויפשטאַנדען אין מ י ל א ן און אין מ ע ס י נ א. די פירער פון די דאָזיגע אויפשטאַנדען זיינען פון א לענגערע צייט געשטאַנען אין געהיימע פארבינדונג מיט מאַציני׳ן אין לאָנדאָן.

זייער אַקציאָן, צוזאַמען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון יענער צייט, האָבען פרי אין יאָר 1848, (דעם בארימטען יאָר פון די פילע רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדען איבער גאַנץ אייראָפּא) — דזשוזעפּא מאַציני׳ן צוריקגעבראַכט אין זיין פאָטערלאַנד. אין מ י ל א ן האָבען די פאָלקס מאַסען אים אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג. מיט ריזיגע גאַסען דעמאָנסטראַציעס, און מיט אויסרופען „עס לעבע איטאַליען! עס לעבע מאַציני!"

מ א צ י נ י האָט זיך באַטייליגט אין די שטורמישע פּאַסי־רונגען פון יענער צייט. ניט בלויז ווי איינער פון די הויפּט אָנפי־רער, — און דער גרעסטער אייפלוסרייכסטער אינספּיראַטאָר, — נאָר אויך ווי אַן איינפאַכער סאָלדאַט אין די קעמפענדע רייען פון

די רעפּובליקאַנישע פּריווילעגיע. איס איז אָפט אויסגעקומען צו מאַרשירען צוויי און צוואַנציג מייל אַ טאָג, מיט אַ ביקס אויף'ן אַקסעל. אַ גרויסער טייל פון די דאָזיגע פּריווילעגיע זיינען געווען אונטער דער גלענצענדער פירערשאַפט פון ד ז ש ו ז ע פּ אַ ג אַ־ ר י ב אַ ל ד י, וועלכער האָט זיך דאַן געהאַט אומגעקערט פון זיין גלות אין מאָנטעווידעאָ, זיד אַמעריקאַ, וואו ער האָט מיט זיין העלדען לעגיאָן, אָנגעפירט אַן אַגרעסיוועןקאַמף קעגען די שפּאַנישע טיראַנען, די דאָרטיגע אונטערדריקער פון פאָלק.

מאַציני האָט אין יענער צייט, אויך געגרינדעט און רעדאַגירט אַן אַגרעסיוו־רעוואָלוציאָנערען זשורנאַל, דעם „איטאַליאַ דעל פּאָ־ פּאָלאָ" (איטאַליען פון פאָלק). דער ערשטער נומער איז ערשינען דעם 20־טען מאַי, 1848.

אונטער דער אויפזיכט און אויף דער איינלאַדונג פון דעם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן ק אָ מ י ט ע ט, האָט מאַציני דעם פינף און צוואַנציגסטען יולי געהאַלטען אַ מערקווירדיגע רעדע*) אין מ י ל אַ ן.

די דאָזיגע רעדע, וועלכע איז אַדרעסירט געוואָרען ספּעציעל צו דער איטאַליענישער יוגענד, איז געהאַלטען געוואָרען ביי דער גע־ לעגענהייט פון דעם פערטען יאָרצייט פייערונג נאָך די „מאַרטירער פון קאָסענזאַ", די העלדישע ברידער באַנדיעראַ מיט זייערע חברים. וועמעס טראַגישע געשיכטע איז געשילדערט געוואָרען אין דעם פאָ־ ריגען קאַפּיטעל.

„איר זייט פינף און צוואַנציג מיליאָן אין צאָל, באַגאַבט מיט אַקטיווע הערליכע אייגענשאַפטען; איר פאַרמאָגט אַ טראַדיציע פון אַ גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע די

*) דער פולער טעקסט פון דער דאָזיגער היסטאָרישער רעדע איז אָפּגעדרוקט אין צוזאַץ צום איצטיגען בוך, זייטען 292־304.

אנדערע פעלקער פון אייראָפּא זיינען אייך מקנא, — אייך ערוואַרט א גרויסע צוקונפט; איר קאָנט אויפהויבען אייערע אויגען צום שענסטען הימעל, און ארום אייך שמייכעלט די שענסטע לאַנדשאַפט אין אייראָפּא; איר זייט ארומגערינגעלט פון די אַלפּען בערג און פון דעם ים, — גרענעצען וועלכע גאָט'ס פינגער האָט אָנגעצייכענט פאַר א ראַסע פון ריזען...

„זאָל קיין איינציגער פון יענע פינף און צוואַנציג מיליאָן פאַרבלייבען אויסערהאַלב דעם ברידערליכען בונד, וועלכער איז פון שיקזאַל באַשטימט אייך צו פאַראייניגען; זאָל קיין איין בליק ניט אויפגעהויבען ווערען צו יענעם הימעל, וועלכער איז ניט דער בליק פון א פרייען מענשען".

אָבער גלייכצייטיג מיט זיין לערע פון הויכען פּאַטריאָטיזם פּרעדיגט מאַציני אויך דעם אמת'ן אינטערנאַציאָנאַליזם, די ליבע צו דער מענשהייט, די ברידערליכע באַציאונג צו אנדערע פעלקער.

און ער זאָגט ווייטער אין דער זעלבער היסטאָרישער רעדע:

„ליבט די מענשהייט. אייער אייגענע מיסיע קאָנט איר אויסגעפינען בלויז פון דעם ציל, וועלכען גאָט האָט אוועקגעשטעלט פאַר דער גאַנצער מענשליכער ראַסע. גאָט האָט אייך געגעבען אייער לאַנד אלס אייער וויגעל, און די מענשהייט אלס מוטער. איר קאָנט ניט ווי געהעריג ליבען אייערע ברידער פון וויגעל, אויב איר ליבט ניט די געמיינשאַפטליכע מוטער.

„אויף יענער זייט פון די אַלפּען בערג, אריבער דעם ים, זיינען פאַראַן אנדערע פעלקער, וועלכע קעמפען איצט, אָדער גרייטען זיך צו — צו קעמפען דעם הייליגען קאַמף פאַר אומאָפּהענגיגקייט, נאַציאָנאַליטעט און פרייהייט. אנדערע

פעלקער, וועלכע שטערבען דורך פארשיידענארטיגע וועגען צו דערגרייכען דעם זעלבען ציל.

„פאראייניגט אייך מיט זיי! זיי וועלען זיך פאראייניגען מיט אייך! אפעלירט ניט נאך זייער הילף ווען אייערע אייגענע כחות וועלען גענוגען צום זיג; אבער זאגט זיי, דאס די שעה וועט קירצליך שלאגען פאר א שרעקליכען און ריזיגען קאמף צווישען גערעכטיגקייט און בלינדער מאכט, און דאס אין יענער שעה וועט איר זיך געפינען מיט די, וועלכע האבען דערהויבען דעם זעלבען באנער ווי אייערער".

* * *

מאציני׳ס שיינע און קרעפטיגע רעדע האט געמאכט א קאלאסאלען רושם אויף דער איטאליענישער יוגענד. עס האט געשאפען באגייסטערונג פאר דעם גרויסען קאמף פאר פרייהייט, וואס האט זיך דאמאלסט צעפלאקערט איבער׳ן גאנצען לאנד.

רזשוזעפא מאציני האט זיך פאר קיין זאך ניט געשראקען. ער האט ניט געוואוסט וואס עס הייסט מורא האבען. יעדען מאל, ווען ער האט זיך געפונען אין איטאליען, איז זיין אנוועזענהייט פאר אים פערזענליך געווען פארבונדען מיט לעבענס־געפאר; ווייל איבער זיין קאפ איז נאך געהאנגען, אזוי ווי דאמאקלעסעס שווערד, דער ניט אויסגעפירטער טויט־אורטייל פון דעם יאר 1833.

דעם אכצענטען מערץ 1848, האט דאס פאלק אין מ י ל א ן, אונטער די פירערשאפט פון דעם באליבטען, פון אלעמען רעספעקטירטען געלערענטען ק א ר ל א ק א ט א נ ע א, און פון דעם העלדישען ל ו ש י א נ א מ ע נ א ר א*) זיך דערהויבען אין אפענעם קאמף קעגען די פארהאסטע עסטרייכישע טיראנען.

---

*) מענערא איז שפעטער געפאלען אין קאמף אין פארטיידיגונג פון דער רוימישער רעפובליק.

דערשראָקען פאר'ן צאָרן פון פאָלק, האָט זיך דער עסטרייכי־שער קאמאנדיר גענעראל ר אַ ד ע צ ק י צוריקגעצויגען אין מילא־נער ציטאַדעל, צו ווארטען פאר דעם אָנקומען פון פרישע טרופען, מיט וועמעס הילף ער האָט געהאָפט צו קאָנען אונטערדריקען דעם אויפשטאַנד. די נייַ אָנגעקומענע טרופען האָבען אויך ניט געהאָל־פען. דער פייער פון רעוואָלט האָט ארומגעכאפט די גאַנצע באַ־פעלקערונג. איבעראל זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען באַריקאַדען. פרויען און קינדער האָבען מיט'ן גרעסטען ענטוזיאזם געהאָלפען זייערע פאָטערס, ברידער און מענער אין דעם אויפבוי און פארפעס־טיגונג פון די דאָזיגע פאָזיציעס פון פאָלק.

נאָך א שווערען פינף טאָגיגען קאמף, האָבען די רעוואָלוציאָ־נערען געזיגט, און גענעראל ראַדעצקי מיט די רעשט פון זיין ארמיי פון 18 טויזענד מאַן, איז געצוואונגען געווען צו פארלאָזען דעם גאַנצען געגענד.

נאָך דעם דאָזיגען גרויסען ערפאָלג אין מילאַן, האָט די רעוואָ־לוציע טריאומפירט אויך אין ו ו ע נ ע צ י ע. דער זיג אין ווענע־ציע איז געקומען א דאַנק דער גלענצענדער אָנפירערשאפט פון דעם באַליבטען אידישען ארוואָקאַט און אָראַטאָר, ד נ י א ל מ א נ י ן. און אזוי איז מיט ערפאָלג אָנגעגאַנגען דער פאָלקס אויפשטאַנד אויך אין אנדערע שטעט.

פילע איטאַליענישע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געדינט אין דער עסטרייכישער ארמיי האָבען דעזערטירט, און זיך אָנגעשלאָסען אָן די רעוואָלוציאָנערען. ענליכעס האָט פאסירט אין דער פלאָטע פון שונא. אייניגע עסטרייכישע שיפען האָבען ארויפגעצויגען דעם איטאַליענישען נאַציאָנאַלען פלאַג, און האָבען זיך געשטעלט אין דינסט פון דער ווענעציאַנער רעפּובליק.

די דאָזיגע פאסירונגען האָבען דערמונטערט און דערוועקט

נייעם ענטוזיאזם אין די ברייטע מאסען פון פאָלק, וועלכע האָבען זיך פריידיג דערהויבען אין רעוואָלט.

די ערפאָלגען פון די איטאַליענישע רעוואָלוציאָנערען האָט אָנגעוואָרפען אַן אמת־מות אויף די אינערליכע און אויסערליכע אונטערדריקער פון פאָלק, און דער קירכליכער אויטאָקראַט אין דעם וואַטיקאַן האָט, ווי בלשאצר, דערזען די דראָענדע האַנטשריפט אויפ׳ן וואַנט.

אין יענע טעג האָט מאַציני מיט פרייד געשריבען: „דער אויפשטאַנד אין מילאַן האָט געגעבען דעם סיגנאַל פאַר דער רעוואָלוציע אין גאַנץ איטאַליען".

פון מילאַן איז מאַציני אוועק קיין ל ע ג ה א ר ן, וואו עס האָט זיך צווישען די פירער געהאַט פאַרשפרייט א סעפּעראַטיסטישע שטימונג. דער אַפּאָסטאָל פון נאַציאָנאַלע איינהייט, האָט זיך געמיט מיט אַלע זיינע כחות ניט צו דערלאָזען די אָפּרייסונג פון לעגהאָרן פון טאַסקאַנאַ, און זי פּראָקלאַמירען אלס אומאָפּהענגיגע רעפּובליק.

די פאָלקס מאַסען אין לעגהאָרן, ווי זייערע ברידער אין מילאַן, האָבען אויפגענומען דזשוזעפּאַ מאַציני׳ן מיט ענטוזיאַסטישע דעמאָנסטראַציעס און מיט באַגייסטערטע אויסרופען פון פרייד און פון צוטרוי.

מאַציני איז אַוועק צום וואוינונג פון דעם רעוואָלוציאָנערען גובערנאַטאָר ג ו ע ר א צ י, (זיין יוגענד חבר), און ארויסקומענדיג אויף דער טעראַסע, האָט ער אונטער דער באַגריסונג פון א לאַנג אָנגעהאַלטענעם אַפּלאָוז, געהאַלטען א לענגערע רעדע, וועלכע ער האָט אָנגעהויבען מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„אין דעם יאָר 1830 בין איך אַהער אָנגעקומען אין לעגהאָרן, — אַן אויסגעוויזענער פון מיין געבורטסשטאָט, און האָב זיך דאַמאָלסט דאָ באַפריינדעט מיט דעם מאַן וועל־

מען איר האָט איצט דערהויבען צו דער העכסטער מאַכט, (גווראַצי). דאָ אין לעגהאָרן האָב איך אויך מיטגעאַרבייט מיט דעם איידעלען און גלענצענדען פרייהייטס קעמפּער קאַרלאָ ביני, וועלכער האָט ליידער נישט דערלעבט די איצטיגע גרויסע טעג פאַר וועלכע ער האָט געאַרבייט.

„לעגהאָרן איז מיר אַלע מאָל געווען ליב און טייער. זי איז מיר תמיד געלעגען אין זינען, און איך בין גליקליך זי צו באַגריסען היינט ווי די פּאַטריאָטישטע שטאָט אין גאַנץ איטאַליען. זאָלען די ערע און די אַפּלאָדיסמען מיט וועלכע איר האָט מיר באַגריסט, געריכטעט ווערען צו דעם פרייהייטליכען פּרינציפּ וועלכען איך פאַרטרעט, און ניט צו מיין פּערזאָן..."

פון לעגהאָרן איז מאַציני אַוועק קיין פלאָרענץ וואוהין ער איז געקומען מיט דער ספּעציעלער מיסיע צו באַאיינפלוסען די פאַראייניגונג פון טאָסקאַנא מיט רוים, וואו די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג.

אין פלאָרענץ האָט מאַציני דעם 9־טען פעברואַר, 1849, דערהאַלטען פון זיין יונגען פריינד און נאָכפאָלגער, דעם פּאָעט — סאָלדאַט אַלפרעדאָ מאַמעלי, דעם פאָלגענדען לאַקאָנישען רוף:

„ראָמאַ־רעפּובליקאַ־וועניטע!" (רוים־רעפּובליק־קום!)

דער יונגער אַלפרעדאָ מאַמעלי, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גבורה און העלדישקייט אונטער דעם קאַנאָנען פייער פון שונא, איז געווען דער דיכטער פון דער איטאַליענישער רעוואָלוציע. זיינע שטורמישע פערזען וועגען די מאַרטירער באַנדיערא, וועגען דעם קאַמף פאַר פרייהייט און גערעכטיגקייט, האָבן פיל מיטגעהאָלפען אין דער פאַרשפּרייטונג און דערהויבונג פון דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג צווישען די מאַסען פון פאָלק. אין 1847,

האָט ער אָנגעשריבען די קריגס־ליד „פראַטעללי ד'איטאַליא", וועלכע איז געוואָרען די איטאַליענישע „מארסעליעזע". די דאָזיגע נייע רעוואָלוציאָנער הימנע איז מיט גרויס באַגייסטערונג געזונגען געוואָרען פון די רעפּובליקאנישע סאָלדאַטען, און האָט, ווי רוזש דע־ליל'ס באַרימטע הימנע אין פראַנקרייך, דערמוטיגט די פריי־הייטס קעמפער אין שלאַכט. אין ווייניגער ווי פיר מאָנאַטען צייט נאָך זיין רוף צו מאַציני'ן, איז דער בראַווער אלפרעדאָ מאַמעלי גע־פאַלען אין שלאַכט, קעמפענדיג זייט ביי זייט מיט גאַריבאַלדי'ן פאַר דער פאַרטיידיגונג פון דער רוימישער רעפּובליק.

אַנטוישט פון דער אומווילינקייט פון די פאַרשידענע רעפּוב־ליקאַנישע ריכטונגען אין לאַנד זיך צו פאַראייניגען, ערביטערט פון דעם באַטרוג פון די רעפּובליקאַנער אָנפירער אין טאָסקאַנאַ, געפירט פון זיין יוגענד פריינד גועראַצי, וועלכער האָט ניט דערלאָזען צו־שטאַנד קומען די דאָזיגע נויטיגע פאַראייניגונג, — איז דזשוזעפּאַ מאַציני אָפּגעפאָרען קיין ר ו י ם, וואו די פליכט האָט אים איצט גערופען.

און ניט קוקענדיג אויף די אַלע אַנטוישונגען, וועלכע ער האָט דורכגעלעבט, שרייבט ער, דאָס בשעת ער איז אָנגעקומען אין דער אייביגער שטאָט, — די קרוין פון זיינע יוגענד חלומות, — און איז דורכגעגאַנגען דעם פּאָרטאָ דעל פּאָפּאָלאָ, (דעם פאָלקס טויער), האָט ער זיך געפילט... „דורכגעדרונגען פון אַן עלעקטרישען ציטער — א דערוואכונג פון נייעם לעבען..."

מיט אייניגע יאָר שפּעטער, ווען ער איז ווידער געווען אין אויס־לאַנד, א פאַרטריבענער פון זיין לאַנד, האָט מאַציני, וועלכער האָט פאַר איין איינציגער רגע נישט אָנגעוואָרען זיין טיפען גלויבען אין א קינפטיגע גלאָררייכע רוים, — „ד י ר ו י ם פ ו ן פ אָ ל ק..." געשריבען די פאָלגענדע ווערטער:

„איך וועל שוין די שטאָט רוים מער קיין מאָל ניט זען

אָבער איר אנדענק וועט זיך צונויפמישען מיט מיין שטאַר־בענדען געדאנק פון גאָט און פון הארצענ'ס געליבטע *), און אין דעם טאָג, ווען איבער'ן וואטיקאן און איבער דער הויפט־שטאָט, וועט אלס צייכען פון איטאַליענישער איינהייט, דער־הויבען ווערען דער פרייער רעפובליקאנישער באַנער, — אין יענעם טאָג, וואו דער שיקזאל זאָל ניט האָבען פארוואָרפען מיינע ביינער, וועל איך ווידער אמאָל דערפילען יענעם עלעק־טרישען ציטער".

דעם זיבעטען פעברואר, 1849 איז דער פאפסט „פיאָ נאָנא" (פיוס דער נייִנטער) אנטלאָפען פון רוים קיין גאַעטא.
פון דאָרטען האָט ער ארויסגעשיקט א הילפסרוף צו די קאַטוילישע שטאאטען, שפאניען, נעאפעל, עסטרייך און פראנקרייך, זיי זאָלען אים קומען צו הילף און העלפען רעסטאווירען זיין ממשלה אין רוים.

צוויי טעג נאָך דעם אַנטלויפען פון פאפסט, איז אין רוים פראָקלאמירט גע־וואָרען די רעפובליק, און דזשוזעפא מאציני איז ער־ווילט געוואָרען אלס מיטגליד פון דער גרינדונגס פארזאמלונג, וועלכע די פראָוויזאָרישע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט איינבא־רופען.

איינע פון די ערשטע אַקטען פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגי־רונג אין רוים, איז געוועזען די אָפשאַפונג פון אלע אויסנאַם געזעצען און באַגרענעצונגען קעגען די אידען.**)

---

*) באשריבען אין קאַפּיטעל זיבען: „די געשיכטע פון מאַציני'ס ליבע" זייט......

**) נאָך דעם פאַלען פון דער רעפובליק און דעם טריאומפירענדען צוריק קומען פון פאפסט, האָט מען דעם דאָזיגען געזעץ גלייך בטל געמאַכט.

ג א ר י ב א ל ד י האָט זיך געפונען אין צפון־איטאַליען, ווען די רעפּובליק איז אין רוים פּראָקלאַמירט געוואָרען. באַקומענדיג די דאָזיגע וויכטיגע נייעס, האָט ער זיך מיט זיין לעגיאָן ארויסגעלאָזען אויפ'ן דרום מאַרש קיין רוים, צו פאַרטיידיגען די שטאָט קעגען די פילע אינערליכע און אויסערליכע שונאים, — פאַר וועמען א פרייע רעפּובליקאַנישע רוים איז אַזוי פּראָוואָצירענד געווען, ווי א רויטע טוך פאַר א צעווילדעטען אָקס.

* * *

די זיכערהייט פון דער רוימישער רעפּובליק איז געווען פאַרבונדען און אָפּהענגיג אויף דעם אויסגאַנג דער ביטערער מלחמה צווישען פּידמאָנט און עסטרייך, וועלכע האָט זיך געצויגען פון דעם פרילינג פון פאָריגען יאָר (1848).

אין דער דאָזיגער מלחמה האָט איצט די פּידמאָנטער אַרמיי, אָנגעפירט פון דעם קעניג שאַרל אַלבערט, באַקומען איין קלאַפּ נאָכ'ן אַנדערען.

דער אָפענער ברוך מיט עסטרייך איז געקומען, ווען עס איז דעם זיבעטען מערץ, 1848, אין איטאַליען אָנגעקומען די ידיעה, דאָס אין ו ו י ן האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע. עס האָבען זיך אויך דערטראָגען קלאַנגען דאָס פירסט מ ע ט ע ר נ י ך איז אַנטלאָפען קיין אויסלאַנד, און דאָס דער יונגער עסטרייכישער קייזער פ ר א נ ץ י א ז ע ף האָט פאַרשפּראָכען די רעוואָלוציאָנערען, אַז ער וועט דאָס לאַנד געבען א קאָנסטיטוציע.

די באַפעלקערונג אין מילאַן האָט דאָ דערזען א גוטע געלעגענהייט צו פטור ווערען פון די פאַרהאַסטע עסטרייכישע טיראַנען; — און דאָס פאָלק האָט זיך פאַרזאַמעלט און אַטאַקירט דעם פּאַלאַץ פון דעם עסטרייכישען גובערנאַטאָר.

די איטאַליענער האָבען אָנפאַנגס געוואונען אייניגע נצחונות.

ק אָ מ א, ב ר ע ס י א, און אנדערע שטעט האָבען זיך באפרייט פון שונא׳ס הענט. די עסטרייכער האָבען זיך געמוזט צוריקציען, און איבער גאנץ איטאַליען האָבען זיך דאָן אָנגעהויבען די פריער דערמאָנטע רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדען.

דער פידמאָנטער נצחון האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. די עסטרייכישע רעגירונג אין דער היים האָט אין גיכען אָנגעפאנגען באהערשען די סיטואַציע. אין ווין האָט זיך דער פּאָליטישער רע־דעל א דרעה געטאָן אויף צוריק, און פּאָלגליך אויך אין איטאַליען.

אונטער דער גלענצענדער פירערשאפט פון דעם פעאיגען ר א ד ע צ ק י, האָבען די גוט־געשולטע עסטרייכישע ארמעען, איצט דערלאנגט איין קלאַפּ נאָך דעם אנדערען. און די פּידמאָנטער ארמעע האָט לסוף ערליטען איר טויט קלאַפּ אין דער היסטאָרישער שלאַכט ביי נ אָ ו ו אַ ר א.

אין דער דעמאָראַליזאציע פון דער פּידמאָנטער נידערלאגע, האָט דער געשלאָגענער שאַרל אלבערט אָפּגעדאנקט דעם טראָן פון סארדיניען, און האָט איבערגעגעבען די מלוכה צו זיין זון ו ו י ק־ ט אָ ר ע מ אַ נ ו ע ל, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען דער ערשטער קעניג פון א י ט אַ ל י ע ן, אליין האָט זיך שאַרל אַל־ בערט פון עפענטליכען לעבען צוריקגעצויגען, און איז אין אָ קורצער צייט ארום געשטאָרבען.

ווען די נייעס פון נאָווארא האָט דערגרייכט רוים, איז פאַר מאַציני׳ן קלאָר געוואָרען, דאָס די שאַנסען פאַר דער עקזיסטענץ פון דער רוימישער רעפּובליק זיינען באדייטענד פארקלענערט געוואָ־ רען.

ער האָט אינסטינקטיוו דערפילט, דאָס די זיגרייכע עסטרייך פון איין זייט, און מעגליך די פראנצויזישע טרופּען (וועלכע זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען אלס ענטפער צו דעם הילפסרוף פון פּאַפּסט) פון דער אנדער זייט, וועלען זיך איצט א לאָז טאָן צו דערשטיקען די פרייע רוים.

נאָך נאָוואַראַ'ר שלאַכט איז מאַציני ערוויילט געוואָרען איינער פון די דריי פאַרוואַלטער פון דער רעפובליק, און דעם דריי און צוואַנציגסטען מערץ, 1849, איז ער אריין אין אַמט אלס מיטגליד פון דעם נייעם רוימישען „ט ר י א ו מ ו י ר א ט" *)

די גרינדונגס פאַרזאַמלונג ווי אויך דער טריאומוויראַט זיינען ערוויילט געוואָרען דורך דער אַלגעמיינער אומבאַגרענעצטער שטימ־רעכט פון פאָלק. (פרויען איינגערעכענט).

אלס דער וויכטיגסטער און איינפלוסרייכסטער מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון דער נייער רעפובליק, האָט מאַציני, פון זיין ערשטען טאָג אין דעם היסטאָרישען „קווירינאַל", (דער קעניגליכער פּאַלאַץ אין רוים), געוואונען די ליבע און דעם צוטרוי פון דער באַ־פעלקערונג, באַזונדערס פון די ארבייטער מאַסען, דורך זיינע האַנד־לונגען און זיין אויפפירונג, וועלכע האָבען באַוויזען דער וועלט, דאָס מאַציני איז געווען אַן אויפריכטיגער דעמאָקראַט, ניט בלויז אלס אַגיטאַטאָר, נאָר אויך אלס פּאַקטישער הערשער.

ער האָט באַפוילען דאָס דער צימער פון די טריאומווירען זאָל בלייבען אָפען פאַר יעדען צו יעדער צייט... זיין אויפנאַמס צימער איז געווען איינפאַך און באַשיידען מעבלירט, און זיין איינציגער לוקסוס איז באַשטאַנען פון א שיינעם בוקעט בלומען, וועלכען אַן אומבאַקאַנטער פּערזאָן פלעגט אים יעדען טאָג צושיקען, צו באַצירען זיין ארבייטס טיש.

מיט געשפּאַנטער אומרו האָט מען אין רוים ערוואַרטעט דעם אָנקומען פון די פראַנצויזישע סאָלדאַטען. די דאָזיגע עקספּעדיציע, באַשטייענדיג פון צוויי און צוואַנציג טויזענד מאַן, אונטער דער

---

*) די אַנדערע צוויי מיטגלידער פון דעם "טריאומוויראַט" זיינען געווען א ר ע ל י אָ ס אַ פ י און אַ ר מ ע ל י נ י .

קאָמאַנדע פון גענעראַל אודינאָט איז געשיקט געוואָרען אונטער דער מאַסקע פון א פריינדליכען אַקט *)

עס האָט זיך אָבער גאַנץ שנעל ארויסגעוויזען, דאָס די פראַנ־צויזישע עקספּעדיציע איז געווען יד אחת מיט די אינערליכע שונאים פון די רעוואָלוציאָנערע רעפּובליקאַנער, און איז געשיקט געוואָרען קיין איטאַליען מיט דער איינציגער כונה אונטערשטיצען און ווידער אויפשטע־לען אין רוים דעם וואַקלענדען טראָן פון פּאַפּסט וועלכען מאַציני מיט זיינע חברים האָבען געדראָעט מיט פאַרניכטונג.

מאַציני האָט געהאָפט אויף א פאָלקס אויפשטאַנד אין פראַנק־רייך, אָדער וויינגסטענס אויף אן איבערוויגענדען דעמאָקראַטישען זיג אין די דאַמאָלסט פאָרשטייענדע פראַנצויזישע וואַלען. א נצחון וואָס זאָל מאַכען א סוף צו דער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון דער פראַנצויזישער רעגירונג.

זיינע האָפנונגען זיינען ניט פאַרווירקליכט געוואָרען. אין פּאַריז האָט טריאומפירט די קאַטוילישע רעאַקציע; און פּרינץ לואי־נאַפּאָלעאָן **) (שפּעטער, נאַפּאָלעאָן דער דריטער) איז געבליבען אין זאַטעל אַלס פּרעזידענט פון דער צווייטער רעפּובליק, און האָט שטילערהייט ווייטער געשפּונען זיינע פינסטערע אימפּעריאַליסטישע פּלענער.

*) דער אויסרייד איז געווען — צו באַשיצען די תּילפּלאָזע באַפעל־קערונג אין רוים געגען עקסצעסען, נאָך דעם ערוואַרטעטען פּאַלען פון דער רעפּובליק אין דעם טריאומפירענדען צוריקקומען פון פּאַפּסט. זעט אויך דעם נאָטיץ אויף זייט......

**) שאַרל לואי נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, באַ־קאַנט אַלס קייזער נאַפּאָלעאָן דער דריטער, איז געבאָרען געוואָרען אין

דורך דעם מעגליכקייט פון אן אויסערליכען מיליטערישען נצחון, האָט ער געזוכט די געלעגענהייט צו שטירצען די פראנצוי־

פּאריז אין יאָר 1808, און איז געשטאָרבען אין ענגלאַנד, אין יאָר 1873. ער איז געוועזן דער דריטער זון פון לואי נאַפּאָלעאָן (קעניג פון האָלאַנד דורך דעם איינפלוס פון זיין בארימטען ברודער נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט) און פון דער קעניגין האָרטענזע, אַ טאָכטער פון דעם גרויסען נאַפּאָלעאָנ׳ס ערשטע פרוי יאָזעפינע. — נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע׳ס באַציאונגען צו זיין שוינע שטיפטאָכטער און שוועגערין האָרטענזע, גיט איניגע היסטאָריקער, (צווישען זיי דעם באַראָן ד׳אַמב, אַן אינטימער פריינד פון קייזער נאַפּאָלעאָן דעם דריטען) גענוג גרונד צוגלויבען, אז נאַפּאָלעאָן דער ערשטער איז אין דער אמת׳ן געוועזן מער ווי אַן אָנקעל צו נאַפּאָלעאָן דעם דריטען... לכל הפחות, האָט דער גרויסער נאַפּאָלעאָן ארויסגעוויזען פיל ליבשאפט צו האָרטענזע׳ס זון, און האָט פאר אים פאָראויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט. — נאָך וואָטערלאָ, ווען מען האָט אַלע מיטגלידער פון דער פאמיליע באָנאַפּארט אויסגעוויזען פון פראַנקרייך, איז די קעניגין האָרטענזע (וועלכע האָט זיך נאָך אַ סקאַנדאַליעזען גט־פּראָצעס געשידען מיט איר מאַן) מיט איר זון לואי אַוועק קיין שווייצאַריען. זיי האָבען אויך פארבראכט אַ קורצע צייט אין איטאַליען, וואו דער יונגער פרינץ האָט ביסעל פלירטירט מיט׳ן ליבעראליזם. ער איז דאָרט זאָגאַר פארמישט געווען אין איניגע רעוואָלוציאָנערע אומרוען. זיין מוטער, האָרטענזע, האָט לסוף גע׳פועל׳ט ביי דעם פראנצויזישען קעניג לואי־פיליפ אַן ערלויבניש פאר׳ן יונגען פרינץ צוריקצוקומען קיין פאריז. מען האָט אים אָבער פון דאָרט אויסגעוויזען צוליב זיינע אינטריגעס מיט די רעפובליקאַנער. ער איז דאַן אַוועק קיין ענגלאַנד. — ער אָרגאניזירט אן אויפשטאַנד אין דער פראַנצויזישער ארמעע, קומט קיין בולאָן, וואו ער פאַלט אריין אין די הענט

זישע רעפּובליק, וועלכע ער האָט, באַטרעטענדיג דעם פּרעזידענטען
אַמט, געשוואָרען צו באשיצען ; און רעסטאווירען די נאפּאָלעאָ־

פון דער רעגירונג, וועלכע פארשפּאַרט אים אין דער פעסטונג פון ה אַ ם.
אין מאַי פון יאָר 1846 איז אים געלונגען צו אַנטלויפען, און ער איז
אָנגעקומען אין ל אָ נ ד אָ ן וואו מען האָט אים געגעבען אַ גרויסע
אויפנאַמע. נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848 האָט זיך אין פּאַריז אונטער
דער צווייטער רעפּובליק אַנטוויקעלט א ברייטע פּראָ־נאַפּאָלעאָנישע אַגי־
טאַציע. די דאָזיגע אַגיטאַציע איז געוואָרען אזוי שטאַרק, דאָס מען האָט
דעם פּרינץ לואי נאַפּאָלעאָן אונטער די אויגען ערווילט צום פראנצוי־
זישען פּאַרלאַמענט. ער קומט צוריק אין פּאַריז אין גרויס טריאומף,
און ער ווערט, אין דעצעמבער פון זעלבען יאָר, מיט אַן איבערוויגענדער
מאַיאָריטעט ערווילט אַלס פּ ר ע ז י ד ע נ ט פ ו ן ד ע ר ר ע־
פּ ו ב ל י ק. — אזוי שנעל ווי ער האָט באַקומען די מאַכט אין זיינע
הענט, פאַנגט ער אָן זיינע אינטריגעס. ער ווערט פאַרמישט אין דער בלו־
טיגער מעקסיקאַנער אַוואַנטיורע, און שיקט אויך אַ מיליטערישע עקס־
פּעדיציע קיין איטאַליען צו העלפען דעם פּאַפּסט צוריק באַקומען זיין
טראָן אין רוים, ——און העלפט דערשטיקען די רוימישע רעפּובליק.

אין דעצעמבער, 1851, פירט ער דורך זיין היסטאָרישען „שטאַט־
שטריך“, וואַרפט אום די רעפּובליק, רעסטאַווירט די אימפּעריע, און
פּראָקלאַמירט זיך אַלס ק י י ז ע ר מיט דעם טיטול נ אַ פּ אָ ל ע אָ ן
ד ע ר ד ר י ט ע ר. זיינע חלומות פון וועלט עראָבערונג, און זיינע
פּערזענליכע אמביציעס נאָכצופאָלגען אין די פוס טריט פון דעם גרויסען
נאַפּאָלעאָן, פירט אים אריין פון איין פלאָנטער אין צווייטען, און פירט
שליסליך צו דער אומגליקליכער מלחמה מיט דייטשלאַנד אין יאָר 1870,
אין וועלכער ער פאַרלירט זיין טראָן. נאָך דער פּאַריזער קאָמונע און
די פּראָקלאַמירונג דער עקזיסטירענדער דר י ט ע ר ר ע פּ ו ב ל י ק
— ציט ער זיך צוריק קיין ענגלאַנד, וואו ער שטאַרבט קירצליך נאָך דעם.

נישע אימפעריע, מיט זיך אליין אלס אימפעראטאר. מיט זיין מי־ליטערישער עקספעדיציע קיין רוים צו העלפען דעם פאפסט, האט דער „פרינץ־פרעזידענט", ווי ער האט זיך אנגערופען, געזוכט און געוואונען שטיצע פון די צאלרייכע פראנצויזישע קאטאליקען.

מיט דעם לאנדען פון די פראנצויזישע טרופען אין טשיוויטא וועקקיא, איז די ענטריסטונג קעגען פראנקרייך, שטארק געשטיגען צווישען דער באפעלקערונג אין רוים. און ווי עס פאסירט געוויינ־ליך אין אזעלכע פאלען, האבען אויך ניט געפעלט אויסברוכען פון האס געגען די פראנצויזישע איינוואוינער פון רוים. צו באשיצען די דאזיגע אומשולדיגע מענשען פון דער אויפרעגונג פון די רוימער, האט דער רוימישער טריאומוויראט, דעם אכט און צוואנציגסטען אפריל, 1849, ארויסגעגעבען דעם פאלגענדען אפיציעלען דעקרעט.

דער דאזיגער דעקרעט פון וועלכען מאציני איז דער מחבר, באווייזט באזונדערס בולט דעם נאבעלען כאראקטער פון דעם רוי־מישען טריאומוויר.

— „גלויבענדיג פעסט אין דער גרויסמוטיגקייט, ווי אויך אין דעם קוראזש פון רוימישען פאלק; זייענדיג אי־בערצייגט, דאס הגם פעסט אנטשלאסען צו פארטיידיגען ביז צום סוף די אומאפהענגיגקייט פון אייער לאנד קעגען אלע איינברעכער, — באטראכט איר דאך ניט דעם פראנצויזי־שען פ א ל ק ווי פאראנטווארטליך פאר די טעות'ן און די פארברעכענס פון זיין ר ע ג י ר ו נ ג. זיך שטיצענדיג פולשטענדיג אויפ'ן פאלק און אויף דער הייליגקייט פון דעם פרייען רעפובליקאנישען פרינציפ, דעקרעטירט דער טריאומ־וויראט: —

1) „אלע אויסלענדער, ב פ ר ט ד י פ ר א נ צ ו י ־ ז ע ן, וועלכע וואוינען פרידליך אין רוים, ווערען געשטעלט אונטער דער שוץ פון דער נאציע.

2) „ווער עס וועט וואגען קעגען זיי באגיין די מינדעסטע עולה, וועט באטראכט ווערען אלס שולדיגער אין א חטא קעגען דער ערע פון רוים.

3) „די רעגירונג וועט אכטונג געבען דאָס קיינער זאָל נישט פארלעצען די פליכטען פון גאסטפריינדשאפט".*)

דעם דרייסיגסטען אפּריל 1849, פּארטאָג, האָט א געקליבענע פראנצויזישע ארמיי פון צען טויזענט מאן, אונטער דער פּערזענליכער קאָמאנדע פון גענעראל אודינאָט, זיך ארויסגעלאָזען פון טשיוויטא וועקקיא אויף רוים, צו אטאקירען די סטראטעגישע פּאָזיציע ס א ן פּ אָ ק ר א צ י אָ.

די דאָזיגע פּאָזיציע איז פארטיידיגט געוואָרען פון אן ארמיי צונויפגעשטעלט, מייסטענטיילס, פון יונגע סטודענטען און אנדערע ציווילע פרייוויליגע, אונטער דער אָנפירערשאפט פון גענעראל גאַריבאלדי, וועלכער איז ערשט מיט צוויי טעג פריער אָנגעקומען אין רוים.

נאָך א שווערען און בלוטיגען קאמף האָבען די פארטיידיגער אָפּגעשטויסען די פראנצויזישע אטאקע. די פראנצויזען האָבען ערליטען גרויס פאַרלוסט.**)

---

*) וואָס פאַר אַ גוואלדיג גרויסער חילוק צווישען די דאָזיגע האנדלונג פון דזשוזעפּא מאַציני, ביז דער האנדלונג פון די שטרייטענדע מאַכטען פון אייראָפּא אין דער ניט לאַנג פארענדיגטער ג ר ו י ס ע ר ו ו ע ל ט מ ל ח מ ה „צוליב דעמאָקראטי און פרייהייט" מיט פינף און זעכציג יאָר שפּעטער.

מען דאַרף זיך בלויז דערמאָנען אָן די פארשוידענע קאָנצענטראַציאָנס לאגערן פאר פרעמדע „שונאים", און אויף די אומ'ברחמנות'דיגע פאַרפאָלגונגען, וועלכע האָבען אָפּגעקאָסט אַזוי פיל אומשולדיגע לעבענס.

**) ווען גענעראל א ו ד י נ אָ ט האָט די ביזעם וועגען רוימישען

די רוימער האָבען פארלוירען 214 מאן. גאריבאלדי, וועלכער איז געריטען אין פאראוים פון זיין מחנה אונטער א רעגען פון פייער, האט באקומען א לייכטע וואונד אין זייט. אָבער ניט קוקענדיג אויף די גרויסע שמערצען און בלוט פארלוסט, איז ער געבליבען אין זאָטעל דעם גאנצען טאָג, און האָט געפירט זיינע העלדען אין שטרייט. די דאָזיגע וואונד האָט אים פיל שמערצען פארשאפט אין לויף פון די נעקסטע צוויי חדשים פון אומאויפהערליכע אָנשטריינגונג און קאמף.

אין לויף פון דעם דאָזיגען שווערען קאמף, בשעת רוים איז געווען אונטער'ן פייער פון שונא, און אַלערליי אַלארמירענדע קלאַנגען האָבען אָנגעהויבען צירקולירען צווישען דער באפעלקערונג, האָט מאציני ארויסגעלאָזען די פאָלגענדע פּראָקלאַמאציע.

"L'onore e salvo. Dio e i nostri fucili farano il resto.
Energia ed ordine. Siate degni dei vostri padri.
Non una voce che gridi nuove allarmanti.

ווידערשטאנד טעלעגראפירט צו לואי־נאַפּאָלעאָן, האָט דער פראנצויזישער פּרעזידענט געענטפערט מיט דער פאָלגענדער דעפּעשע.

„די נייעס אַנאָנסירענדיג דעם אומערוואַרטעטען ווידערשטאַנד, וועלכען איר האָט באַגעגענט אונטער די ווענט פון רוים, האָט מיר פיל שמערצען פאַרשאַפט. איך האָב געהאָפט, אַז די איינוואוינער פון דער אייביגער שטאָט וועלען עפענען זייערע אויגען צו די פאקטען, און מיט באַגייסטערונג און אָפענע אָרעמס אויפנעמען אַן אַרמיי, וואָס איז געקומען צו זיי מיט אַ וואָלטעטיגע און אומאייגענצוציגער מיסיע. עס האָט זיך אַנדערש אַרויסגעוויזען. אונזערע סאָלדאטען האָט מען אָנגענומען ווי שונאים. איצט שטייט אין קאָן אונזער מיליטערישער פּרעסטיזש. און דאָס מוזען מיר באשיצען. מען וועט אייך צושיקען הילפס־טרופּען."

Non un colpo di fucile sprecato nell'interno della citta.
Ogni colpo sia per nemico. Ogni grido.
Viva la Republicca!

30 Aprile ora 11 nom.

(אונזער ערע איז געזיכערט. גאָט און אונזערע ביקסען וועלען שוין טאָן די איבעריגע. ענערגיע און אָרדענונג! זייט ווירדיג אייערע עלטערן. זאָל קיין שטימע ניט ארויסרעדען אַלארמירענדע נייעס. קיין איינציגער שאָס זאָל אין ניוועץ גיין אין שטאָט. בלויז איין אויסגעשריי: „לאנג לעבען זאָל די רעפובליק".)

די נייס פון דער דאָזיגער גרויסער נידערלאגע, האָט מען אין געהיים געהאלטען פון פראנצויזישען פאָלק. די פרעסע האָט מען געהייסען שטיל שווייגען, און דער פראנצויזישער פרעזידענט האָט געזוכט צו געווינען צייט ביז גענעראל אודינאָט'ס ארמיי וועט קאָנען פארגרעסערט ווערען מיט נייע טרופען.

צוליב דעם דאָזיגען צוועק, און גלייכצייטיג צו דעמאָנסטרירען פאר די רוימער און פאר דער גאנצער אויסערליכער וועלט דעם „הומאניטערען" אבזיכט פון דער מיליטערישער אינטערווענציע, האָט די פראנצויזישע רעגירונג באאויפטראגט דעם דיפּלאָמאט פ ע ר ד י נ א נ ד ד ע—ל ע ס ע פּ (1805—1894), ער זאָל אָנפאנגען דיפּלאָמאטישע פארהאנדלונגען מיט'ן רעוואָלוציאָנערען רוימישען טריאומוויראט, כדי צו דערגרייכען א פרידליכען אָפּמאך.

דעם 15טען מאי איז דע־לעספּ אָנגעקומען אין רוים, וואו מאַציני האָט אים פריינדליך אויפגענומען. מען האָט ארגאנזשירט א וואפענשטילשטאנד, און די פארהאנדלונגען האָבען זיך אָנגעפאנגען.

דע־לעספּ, וועלכער איז שפּעטער בארימט געוואָרען אלס דער אינזשינער פון דעם ס ו ע ץ ־ ק א נ א ל, איז געווען אן ערענהאפטער הגם גאנץ נאאיווער מענש, — גרויסע חסרונות פאר א דיפּלאָמאטישער קאריערע. ניט האָבענדיג דעם מינדעסטען פאָר־

געפיל דאָס ער ווערט באַנוצט אַלס ווערקצייג אין די הענט פון דער אימפעריאַליסטישער רעאַקציאָנערער קליקע, האָט דע־לעסעפּס געגרן און מיט חשק זיך גענומען דורכפירען די דאָזיגע דיפּלאָמאַטישע מיסיע, גלויבענדיג, אַז אים וועט געלינגען צושטאַנד ברייגען האַר־מאָנישע באַציאונגען צווישען דער פראַנצויזישער רעפּובליק און די נייע רעפּובליק אין רוים, מיט וועלכער ער איז פּערזענליך געווען אין פולער סימפּאַטי.

די פאַרהאַנדלונגען האָבען פאַרנומען דעם גאַנצען מאָנאַט מאַי, און דעם 30טען פון זעלבען חודש, האָבען די פאָרשטייער פון דיביידע צדדים אונטערגעשריבען אַן אָפּמאַך וואָס האָט באַדאַרפט קריגען די סאַנקציע פון ביידע רעגירונגען.

נאַפּאָלעאָן, וועלכער איז ווי שוין דערמאָנט, בלויז אויסען גע־ווען צו געווינען צייט, האָט פּלוצלונג צוריקגערופען דע־לעסעפּ׳ן קיין פראַנקרייך, בטל געמאַכט דעם „אָפּמאַך", און האָט באַפוילען דעם גענעראַל אודינאָט ער זאָל מיט זיין פאַרשטאַרקטער אַרמיי (איצט אומגעפער פון א 40 טויזענט מאַן), באַנייען די אַטאַקע, און אַ סוף מאַכען צו דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג אין רוים.

ווען פערדינאַנד דע־לעסעפּ איז דעם פינפטען יוני אָנגעקומען אין פּאַריז, און האָט אויסגעפונען די אמת׳ע אורזאַכע הינטער זיין שליחות קיין רוים, האָט ער אין גרויס צאָרן איינגאַנצען רעזיגנירט פון דיפּלאָמאַטישען דינסט. ער האָט זיך דאַן אין גאַנצען געווידמעט צו זיין אינזשינערען פּראָפעסיע, און דער סועץ קאַנאַל מיט וועמעס נאָמען אויך זיינער בלייבט אויף שטענדיג אַסאָציאירט, איז דע־לעסעפּס גרעסטער אויפטו אויף דעם דאָזיגען געביט.

דעם דרייסיגסטען מאַי איז רוים באַלאַגערט געוואָרען פון שונא, און דער גרויסער פאַרצווייפעלטער און בלוטיגער קאַמף צווי־שען פרייהייט און רעאַקציע האָט זיך אָנגעהויבען.

אין לויף פון דעם מאָנאַט יוני איז אָנגעפירט געוואָרען א העל־

דישע אָבער פּרוכטלאָזע פּאַרטיידיגונג מצד די רוימער. עס איז געווען אַ מערקווירדיגער הערָאישער קאַמף, אָנגעפּילט מיט גלאָר־רייכע אינצידענטען פון זעלבסטאָפּפער און אָפּפערווילינקייט.

דזשוזעפּע מאציני האָט זיך געפונען איבעראַל. ער איז געווען די נשמה פון דעם ווידערשטאַנד.

דעם דרייסיגסטען יוני, האָבען די פראַנצויזען ערָאָבערט די בארימטע זיבען בערג אַרום רוים. די לאַגע פון דער רעפּובליק איז דורכדעם געוואָרען אַ קריטישע.

מאציני האָט שנעל צונויפגערופען אַ באראַטונג פון אַלע מיליטערישע פירער פון דער רוימישער רעפּובליק. גאַריבאַלדי האָט געשיקט זיינעם אַ לייטענאַנט אָנזאָגען, אַז ער קאָן זיך אין דער דאָזיגער באראַטונג ניט באַטייליגען, מחמת ער קאָן פאַר קיין איינציגער מינוט ניט אַוועק פון דער פּאָזיציע ביי סאַן פּאַקראַציאַ, וואו דער שונא האָט דאַן געזוכט זיך דורכברעכען אַ וועג אין שטאָט אריין, — און וואו דער קאַמף האָט צו יענער צייט היים געפלאַקערט.

צוליב דער וויכטיגקייט פון גאַריבאַלדי׳ס באַטייליגונג, איז די דאָזיגע ענטשיידענע באראַטונג פאָרגעקומען אויפ׳ן קאַמפּס־פּלאַץ וואו דער גרויסער העלד האָט זיך געפונען.

פאַר די פאַרזאַמעלטע קאָמאַנדירען, האָט מאציני ערקלערט דאָס דער אַנטשיידענדער מאָמענט פאַר רוים איז אָנגעקומען. און אַז ס׳איז נויטיג די רעגירונג זאָל וויסען די מיינונגען פון די אַקטיווע מיליטערישע אָנפירער, איידער זי באַשליסט, וועלכע שריט צו נעמען אין דער ניי־געשאַפענער ערענסטער סיטואַציע.

ער האָט אויך אָנגעדייטעט, דאָס ער זעט פאַר זיך אָפען דריי וועגען.

דער ערשטער: זיך אונטערגעבען, דער צווייטער: ווייטער אָנצוגיין מיט׳ן קאַמף ביז גאַנץ רוים וועט פאַר־

וואנדעלט ווערען אין א הויפען רואינען, און ד ע ר ד ר י ט ע ר וועג: זיך צוריקציען פון רוים, און אריבערטראַגען דעם קאמף פאר פרייהייט און פאר דער רעפובליק אויף אן אנדער פּלאַץ.

דער ערשטער וועג, האָט ער פּאַרטגעזעצט, איז אומווירדיג פאר דער רעפובליק; דער צווייטער, איז נוצלאַז, ווייל די פעסטע פּאָזיציעס, וועלכע די פראנצויזען האָבען איצט ערּאָבערט, מאכט אוממעגליך זייער שליסליבען זיג; דערפאר שלאָגט ער, אלס יחיד, פאָר, — דעם דריטען וועג.

אין דער אנשיידונג פון דער דאָזיגער וויכטיגער פראגע האָבען זיך די מיינונגען פון די קריגס פירער צוטיילט.

דער קריגס מיניסטער א ו ו ע נ ע צ א, אונטערשטיצט פון די אָרטיגע (רוימישע) פירער זיינען באשטאנען מען זאָל פאר־בלייבען אין רוים און קעמפען ביז'ן סוף. די גענעראלען ג א־ר י ב אַ ל ד י, ר אָ ז ע ל י, מ ע נ א ר א און נאָך איינינגע, האָבען איינגעשטימט מיט מאציני'ס פּאָרשלאַג. אָבער קיין איי־נער פון די אָנוועזענדע האָט ניט געוואָלט אונטערשרייבען זיין נאָ־מען אונטער די ווערטער: „זיך אונטערגעבען".

די באראַטונג האָט זיך דאַן אויפגעלעזט. די גענעראלען האָבען אוועקגעאיילט צו זייערע פּאָזיציעס, און מאציני איז אוועק צו דער זיצונג פון דעפּוטאטען־קאמער, וואו עס איז דאמאָלסט אָנגעגאנגען די דיסקוסיע וועגען ווייטער קעמפען אָדער קאפּיטולירען.

נאָך א היציגער דיסקוסיע, און ניט קוקענדיג אויף מאציני'ס שטארקער אָפּאָזיציע, האָט דער דעפּוטאטען־קאמער מיט א מערהייט שטימען באשלאָסען, ווייטער ניט אָנפירען די פארטיידיגונג. מען האָט אויך באאויפטראגט די טריאומווירען זיי זאָלען דעם דאָזיגען באשלוס איבערגעבען דעם פראנצויזישען קאָמאנדיר, גענעראל אוּ־דינאָט.

מאָציני האָט זיך אנטשידען אנטזאגט אויסצופירען דעם דאָ־

זיגען באשלוס, און האָט אין גרויס צאָרן רעזיגנירט פון זיין אמט. אין זיין רעזיגנאציאָנ'ס בריוו שרייבט ער צום דעפּוטאטען־קאמער:

— „דאָס פאָלק האָט מיר ערוויילט צו פּ א ר ט י י ד י ג ע ן, און ניט צו פּ א ר ניכטען די רעפּובליק." — מאַציני'ס צוויי קאָלעגען אין דעם טריאומוויראט האָבען אונטערשטיצט זיין שטעלונג, און האָבען מיט אים אינאיינעם רעזיגנירט.

פון „קווירינאל" איז מאַציני אַוועק צום פאָלק אין די קעמפענדע רייען. ביז צו דער לעצטער מינוט פון דער רעפּובליק, האָט ער זיך געפונען אויף די סאמע געפערליכסטע פונקטען. עס האָט ווירקליך אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געריסען מיט'ן טויט...

עס האָט אָבער ניט געהאָלפען דער וואונדערבארער פארצווייפעלטער קאמף און די איבערמענשליכע אָנשטריינגונגען פון די פארטיידיגער, אָנגעפירט פון די באליבטע קאָמאנדירען, ג א ר י באלדי, ר אָ ז ע ל י, א ו ג אָ ב א ס י (דער גלח־רעוואָלוציאָנער) און אנדערע. עס האָט ניט געהאָלפען דער מארטירערטום פון די בראווע סאָלדאטען און פון די פירער מ ע ס י נ א, מ א ר אָ ס י נ א, ד א נ ד אָ ל א, א ל פ ר ע ד א מ א מ ע ל י, ל ו ש י א נ א מ ע נ א ר א און די אנדערע, וועלכע זיינען געפאלען אין קאמף, און האָבען מיט זייער לעבענסבלוט פארזיגעלט זייער איבערגעבענהייט צו דעם אידעאל פון פרייהייט און פרייער נאציאָנאליטעט. רוים איז געצוואונגען געווען זיך אונטערצוגעבען צום צאָרייכען שונא,*) וועלכער האָט פאָרמעל אריינמארשירט אין דער אייביגער שטאָט, דעם דריטען יולי, 1849.

---

*) ביי דער געלעגענהייט פון דעם דאָזיגען זיג האָט לואי נאפּאָלעאָן צוגעשיקט אַ ספּעציעלע קאָמוניקאציע צום פראנצויזישען פּארלאמענט אין וועלכער ער זאָגט:

"Nos armes ont renverses a Rome cette demagogie

צווישען די וועלכע זיינען געפאלען אין קאמף דעם 30טען יוני, איז געווען דער יונגער 24 יאָריגער גענעראל ל ו ש י א נ א מ ע נ א ר א, דער באליבטער מילאנער העלד, — דער „לייב פון לאָמבארדיען”, ווי די רוימישע באפעלקערונג האָט אים מיט ליב־שאפט אָנגערופען.

מענארא איז געווען א באגאבטער מוזיקער; א ליבענדער און געטרייער מאן און פאָטער. ער איז געווען א געבוירענער אָרגאני־זאטאָר. זיין לאָמבארדיער לעגיאָן צונויפגעשטעלט פון געקליבענע העלדען, האָט זיך גלענצענד אויסגעצייכענט אין די קאמפען ארום רוים.

א טויטליך־פארוואונדעטען, האָט מען אים פון שלאכטפעלד, ביי ווילא־ספאדא, געבראכט אין קראנקען לאגער, וואו ער איז, נאָך א פאָר שעה פון אומבאשרייבליכע יסורים, אויסגעגאנגען.

---

turbulante qui dans toute la Peninsule Italienne, avait compromis la cause de la vrai liberte, et nos brave soldats ont en l'insigne honneur de remettre PIE IX sur le Trone de St. Pierre."

„אונזערע וואפען האָבען אין רוים געשטירצט יענע שטורמישע דע־מאגאָגיע, וועלכע האָט אין גאנצען איטאַליענישען האלב־אינזעל קאָמ־פראָמענטירט די א מ ת ' ע פ ר י י ה י י ט; און אונזערע בראווע סאָלדאטען האָבען געהאט די באזונדערע ערע פון ווידער אַרויפזעצען פיוס דעם ניינטען אַוף'ן טראָן פון דעם הייליגען פעטרוס.”

די דאָזיגע „א מ ת ' ע פ ר י י ה י י ט” פאַר וועלכע נאַפּאָ־לעאָן נעמט זיך דאָ אָן, האָט זיך אויסגעדריקט אין די פאַסירונגען אין ר ו י ם באַלד נאָך דעם פאלען פון דער רעפובליק, און מיט צוויי יאָר שפּעטער אין דער היסטאָרישער „שטאַאט־איבערקערעניש” אין פ אַ ר י ז.

זיין לויה איז פאַרגעקומען אין דער באַזינגטער רוים, און איז געוועזן אַן אויסערגעוויינלעך איינדרוקספולע.

צוערשט האָט מאַרשירט אַ קאָמפּאַניע מוזיקער, דערנאָך איז געקומען די רעשט פון מענאַראַ'ס לאָמבאַרדיער לעגיאָן — פיר הונדערט מאַן איבערגעבליבן פון די ניין הונדערט מיט וועלכע ער איז דעם דרייסיגסטן יוני אַריין אין קאַמף. דאַן איז געקומען דער טויטן־וואָגן באַדעקט מיט מענאַראַ'ס פאַרבלוטיגטע קליידער. נאָכ'ן אָרון, האָבן מיט גרויס מאַטערניש זיך געשלעפּט אַ הונדערט פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, וועמען מען האָט יענעם טאָג בשום אופן ניט געקאָנט איינהאַלטן אין זייערע בעטן; אַזוי שטאַרק איז גע־ווען זייער ווּנטש און פאָדערונג זיך צו באַטייליגן אין דער לויה און אָפּגעבן די דאָזיגע לעצטע ערע צו זייער פאַרגעטערטן קאָ־מאַנדיר.

ביים אָפענעם קבר האָט א ו ג א ב א ס י געהאַלטן אַ פייערלעכע רעדע. קיין איינציגער פון די מאַסן צוהערער האָט זיך יענעם טאָג ניט געשעמט, אַז בלויז איניגע וואָכן צייט האָבן דאָן אָפּגעטיילט דעם בראַוון אוגאָ־באַסי פון זיין אייגענעם מאַר־טירער טויט.

* * *

נאָך דעם פאַלן פון דער רוימישער רעפּובליק, איז דער פּאַפּסט ווידער געוואָרן הערשער פון רוים. אַלע רעכט און פּריוויליעגיעס, וועלכע די באַפעלקערונג האָט באַקומען אין לויף פון דער קורצער אָבער גלאָררייכער עקזיסטענץ פון דער מאַציניסטישער רעפּובליק, זיי־נען תיכף צוריקגערופן געוואָרן. מיט אַן אייזערנער האַנט האָט מען דערשטיקט די ליבעראַלע פּרעסע, און אונטער דער באַנייטער הערשאַפט פון „פּיאָ נאָנאָ", (פּאַפּסט פּיוס דער ניינטער), וועלכער האָט אין יאָר 1846, אין די האָניג־מאָנאַטן נאָך זיין באַשטייגן

דעם פּאַפּסטליכען טראָן, אביסעל קאָקעטירט מיט'ן ליבעראַליזם, האָט זיך צו יענער צייט אין רוים אָנגעהויבען א שרעקליכע פּעריאָ־דע פון רעאַקציע, וואָס איר גלייכען געפינט מען בלויז אין דער גע־שיכטע פון דעם פינסטערען מיטעלאַלטער.

צו דער גלייכבארעכטיגונג פון די אידען איז געקומען א שנעלער סוף. די אידישע איינוואוינער אין רוים האָבען אויף זיך באַלד דערפילט דעם אייזערנעם צוואַנג פון דער טריאומפירענדער שווארצער מאכט. אויף ווי ווייט די דאָזיגע רעאַקציע האָט דערגרייכט, קאָן דינען דער פאַקט, וועלכען עס גיט אָן דער גרויסער אידישער היסטאָריקער היינריך גרעץ, — דאָס דער פּאַפּסט האָט זאָגאר באַפוילען מען זאָל אַלע אידען אין רוים ווידער אמאָל פאַר־שפּארען צווישען די פינסטערע ווענט פון דער אַלטע געטא.

נאָך דער קאַפּיטולירונג, ווען דער שונא מיט אויסגעשטעלטע באַיאָנעטען, איז אריין אין שטאָט, האָט מאַציני פראַנק און פריי ארומגעוואַנדערט איבער די גאַסען פון רוים און האָט אָפען געזוכט דעם טויט... ער האָט ניט געוואָלט אריבערלעבען דעם אונטער־גאַנג פון זיין באַליבטער רעפּובליק.

אין די שפּעטערע יאָרען, האָט ער זיך אָפט געוואונדערט, ווי אזוי די קאַטוילישע גלחים און די פראַנצויזישע מיליטערישע פירער האָבען דאַמאָלסט דורכגעלאָזען די געלעגענהייט וועלכע ער האָט זיי געגעבען, אים צו טויטען, אָדער לפּחות ארעסטירען.

מאַציני'ס נאָענטסטע פריינד און חברים האָבען זיך ביי אים געבעטען ער זאָל אַנטלויפען קיין אויסלאַנד, און זיך שוינען פאַר קומענדע בעסערע צייטען.*) זיי האָבען צו אים אפּעלירט אין נאָ־

*) צווישען די דאָזיגע פריינד פון מאַציני האָט זיך אויך געפונען די באַוואוסטע אמעריקאַנערין מאַרגאַרעט פולער, אָן אָל־

מען פון דעם גרויסען פרייהייטס־אידעאַל, וועמעס מוטיגער באַנער־טרעגער ער איז אונטער אַלע אומשטענדען געווען. מיט טרערען אין די אויגען זיינען זיי צו אים צוגעשטאַנען און געוואָרען אַזוי צודרינגליך, דאָס ער האָט זיי לסוף נאָכגעגעבען. ער האָט זיך מיט גרויס שוועריגקייט ארויסגעשמוגעלט פון רוים, אַנטלויפענדיג דורך מאַרסייל קיין זשענעווא.

פון זשענעווא איז מאַציני צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים אוועק קיין לוזאַן, וואוהין זיי האָבען פון איטאַליען אריבערגעטראָגען די רעדאַקציע פון דעם „איטאַליא דע פּאָפּאָלאָ". שפּעטער, נאָך דעם פאַלען פון ווענעציע, איז די לוזאַנער קאָלאָניע פאַרגרעסערט געוואָרען מיט נאָך אייניגע וויכטיגע מיטגלידער. מען האָט געלעבט אין גרויס דחקות. די טעג האָט מען פאַרבראַכט אין שרייבען ארטיקלען און אין קאָרעספּאָנדענץ מיט די רעוואָלוציאָנערען אין איטאַליען, און די אָווענטען, אין אינטעלעקטועלע דיסקוסיאָנען און צייטענווייז אויך אין שאַך־שפּיל, דזשוזעפּאַ מאַציני'ס אייניגע פאַרוויילונג.

אין דעם דאָזיגען קרייז, און אין ליטעראַרישער באַשעפטיגונג, האָט מאַציני געהאָפט צו קריגען די ערהאָלונג אין וועלכע ער האָט זיך איצט גענויטיגט. אָבער די רו, וועלכע ער האָט ערוואַרטעט צו געפינען אין די אַלפּען, איז אים ניט באַשערט געווען.

* * *

צו יענער צייט האָט זיך אין דעם פראַנצויזישען פּאַרלאַמענט אַלס פּאָלגע פון דער אינטערפּעלאַציע, וועלכע עס האָט אריינגעבראַכט דער מוטיגער וואָרטפירער פון די רעפּוב־

טרואיסטין פון עמערסאָנ'ס צירקעל, וועלכע האָט דורך דער גאַנצער צייט פון רוימישען קאַמף אַלס קראַנקען־שוועסטער באַדינט די פאַרוואונדעטע.

ליקאנער ל ע ד ר ו ־ ר א ל י ן, אָנגעהויבען א שארפע און בי־טערע דעבאטע וועגען דער פראנצויזישער אינטערווענציע אין אי־טאליען, און וועגען דער ראָלע וואָס פראנקרייך האָט געשפּילט אין דער שטירצונג פון דער רוימישער רעפּובליק. עס האָבען זיך גע־פונען איינינע מוטיגע דעפּוטאטען פאר וועמען די טראדיציעס פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע זיינען נאָך אין גאנצען ניט אָפּגע־שטאָרבען, און די דאָזיגע האָבען געפאָדערט דין וחשבון וועגען דער ניט שוועסטערליכער האנדלונג פון איין רעפּובליק צו דער צווייטער.

ענטפערענדיג אויף דער דאָזיגער אינטערפּעלאציע, האָבען די פראנצויזישע מיניסטאָרען ד ע ־ ט אָ ק ע ו ו י ל און פ א ל ו, דעם זעקסטען און זיבעטען אויגוסט 1849, געהאלטען רעדעס, אין וועלכע זיי האָבען געזוכט צו רעכטפארטיגען די האנדלונג פון דער פראנצויזישער רעגירונג.

די פראנצויזישע לעגיסלאטיווע האָט מיט אן איבערוועגענדער מערהייט גוטגעהייסען די פּאָליטיק פון לואי־נאפּאָלעאָן, און אלס פאָלגע פון איר פארלאמענטארישען זיג, איז די פראנצויזישע רע־אקציע געוואָרען אזוי עזות'דיג, דאָס דער בראווער לעדרו־ראלין, האָט זיך געפונען אין לעבענס געפאר, און איז געווען געצוואונגען צו אנטלויפען קיין ענגלאנד.

אין לויף פון זייערע רעדעס, האָבען די דאָזיגע מיניסטאָרען ביטער אטאקירט די רוימישע רעפּובליק און האָבען אויך אָנגעגריפען דזשוזעפּא מאציני'ן פּערזענליך, אים אָנרופענדיג „ד ע ר מ אָ ־ ד ע ר נ ע ר נ ע ר אָ".

אין ענטפער אויף דער דאָזיגער אטאקע, האָט מאציני פון דער שווייץ, אָנגעשריבען און פארעפענטליכט אן אָפענעם בריוו צו די מיניסטאָרען דע־טאָקעוויל און פאלו.

דער דאָזיגער אָפענער בריוו איז א גלענצענדע פארטיידיגונג פון דער רוימישער רעפּובליק און פון דעם פרייהייטס אידעאל

בכלל. גלייכצייטיג, רייסט עס אויך אראָפּ די מאסקע פון די רע־אקציאָנערען. דער בריוו שליסט זיך מיט פאָלגענדע ווערטער:

„איר, מיינע הערען, זייט פראנצויזישע מיניסטאָרען, — איך, בלויז א פארטריבענער פון אייגען לאנד; איר, — האָט מאכט, גאָלד, ארמייען, און מאסען מענשען אָפּהענגיג פון אייער מינדסטען שאָקעל מיט'ן קאָפּ. איך פארמאָג בלויז די טרייסט פון איניגע ליבענדע פריינד און פון דעם זאנפטען ווינטעל פון הימעל, וועלכער בריינגט מיר א גרוס פון מיין פאָטערלאנד פון אריבער די אלפּען; מיין איינציג פארגעני־גען, וועלכען איר און אייער גלייכען וועלכע זיינען אומבויג־זאם אין אייער פארפאָלגונג, וועלען מן הסתם פון מיר אויך אוועקנעמען*) און דאָך וועל איך מיט אייך מיין פּאָזיציע ניט בייטען.

„מיט זיך אין גלות פיר איך די רואיגקייט, וואָס קומט פון א ריינעם געוויסען, איך קאָן צו יעדער צייט און אָהן שום מורא, קוקען יעדען מענשען גלייך אין די אויגען, און קיינער קאָן מיר ניט זאָגען „דו האָסט אבזיכטליך געזאָגט ליגען.

„איך האָב אימערצו באקעמפט, און וואו איך וועל זיך נאָר געפינען וועל איך ווידער באקעמפען אָהן רו און אָהן מורא, — די בייזע אונטערדריקער פון מיין לאנד, די פאלש־קייט, אין וואָס פאר א פאָרמע זי זאָל זיך נישט פארקליידען, און אויך אזעלכע מאכטען ווי אייערע, וועלכע באזירען אויף דער אָנהאלטונג אָדער אויף דער רעסטאווררירונג פון דער

---

*) ווי זיין הארץ האָט אים פאָראויסגעזאָגט... די רעאקציאָנערע „דריי איינגקייט": דער פּאָפּסט, די פראנצויזישע און עסטרייכישע רע־גירונגען, האָבען קורץ נאָך דער פאָרעפענטליכונג פון מאַציני'ס בריוו, אויסגעווירקט מען זאָל אים אויף דאָס ניי אויסווייזען פון דער שווייץ...

הערשאפט פון פּריווילעגיע, אויף קאָרופּציאָן, אויף בלינדער מאכט, און אויף די פארלייקענונג פון דעם פּראָגרעס פון די פעלקער.

„אָבער איך האָב אימערצו געקעמפּט מיט ערליכע וואַפען. איך האָב זיך קיין מאָל ניט באַשמוצט דורך פארלוימדען א געגנער. קיין מאָל האָב איך זיך ניט־דערנידעריגט דורך באַנוצען דעם וואָרט „מערדער" אויף איינעם, וועלכער איז מיר פּערזענליך אומבאַקאַנט, און וועלכער איז מעגליך א בעסערער מענש פאר מיר."

„זאָל אייך גאָט אויסהיטען, מיינע העררן, פון שטאַרבען אין גלות, ווייל איר פארמאָגט דאָך ניט דעם באַוואוסטזיין, וואָס קאָן אויך אייך געבען טרייסט..."

* * *

פון דער שווייץ איז דזשוזעפּא מאַציני צוריקגעפאָרען קיין לאָנדאָן, וואו מען האָט אים אין יאָר 1850 אויסגעקליבען אלס פּרעזידענט פון דעם איטאַליענישען „נאַציאָנאַלען קאָמיטעט".

ניט קוקענדיג אויף זיין אויסגעמאַטערטקייט און אויף די גרויסע ליידען און אָנשטריינגונג, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט אין לויף פון די לעצטע צוויי יאָר אין איטאַליען, וואַרפט זיך מאַציני גלייך אריין אין א נייע פיבערהאַפטע טעטיגקייטען.

ער אָרגאַניזירט, שרייבט, רעדט, און צינדט אָן מיט באַגייסטערונג און מיט גלויבען אין דעם קומענדען טריאומף פון גערעכטיגקייט, אלע די וועלכע קומען מיט אים אין באַרירונג. ניט בלויז די איטאַליענישע פרייהייט, נאָר אויך די אַלגעמיינע אייראָפּעאישע רעוואָלוציע באַשעפטיגט אים.

אין דער דאָזיגער ריכטונג, און אלס אָרגאַן פאר אויפקלערונג

און אָרגאַניזירונג, גרינדעט ער אין לאָנדאָן דעם „צ ע נ ט ר א ל א י י ר אָ פּ ע א י ש ע ן ק אָ מ י ט ע ט", וועמעס אויפגאַבע ווערט, די צוגרייטונג פון א באַזיס פון פאַראייניגונג פון די פעלקער מאַסען.

אין יולי פון יאָר 1850 האָט דער דאָזיגער קאָמיטעט ארויס־געלאָזען א „מאַניפעסט" אונטערגעצייכענט פון מ אַ צ י נ י, ל ע ד ר ו ־ ר א ל י ן, דער נעאָ־העגעליאַנער א ר נ אָ ל ד ר ו ג ע, און פון דעם פּוילישען רעוואָלוציאָנער א ל ב ע ר ט ד אָ ר א ז ש, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אין דעם פּוילי־שען אויפשטאַנד קעגען רוסלאַנד אין יאָר 1830.

* * *

די רעוואָלוציאָנערע רעפּובליק פון ו ו ע נ ע צ י ע, האָט אויסגעהאַלטען לענגער ווי די פון רוים.

דזשוזעפּע גאַריבאַלדי, ניט וועלענדיג בייוואוינען די קאַפּיטו־לירונג פון רוים, האָט דעם דריטען יולי פאַרזאַמעלט זיינע סאָלדאַ־טען אין דעם גרויסען שטאָט־פּלאַץ פאַר דער סאַן פּעטער'ס קירכע, און האָט זיך צו זיי געווענדעט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„ס אָ ל ד א ט ע ן! דאָס וואָס איך האָב אייך פאָר־צולייגען איז: הונגער, דורשט, קעלט, היץ, קיין באַלוינונג, קיינע קאַזאַרמעס, קיין שום פּראָוויאַנט, אָבער אָפטע אומ־ערוואַרטעטע איבערפאַלען פון שונא, געצוואונגענע שנעלע מאַרשען און באַיאָנעטען אַטאַקעס. ו ו ע ר ע ס ל י ב ט א ו נ ז ע ר ל א נ ד א י ז פ ר י י מ י ר נ אָ כ ־ צ ו פ אָ ל ג ע ן!"

עס האָבען זיך תיכף אָפּגערופען פ י ר ט ו י ז ע נ ט פ ר י י ו ו י ל י ג ע, און מיט זיי, האָט גאַריבאַלדי ארויסמאַר־שירט פון רוים אין זעלבען טאָג ווען די פראַנצויזען זיינען אריין.

זיין ערשטער פּלאַן צו באַנייען דעם קאַמף אין טאָסקאַנאַ, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַן אוממעגליכקייט, און ער האָט זיך אַרויסגעלאָזן אויף דעם געפערליכען מאַרש צו צפון איטאַליען, צו דערגרייכען און צו הילף קומען די, צו דער דאָזיגער צייט שוין, כמעט גוסס'דיגער רעפּובליק, אין ווענעציע.

גאַריבאַלדי'ס העלדישע און באַליבטע פרוי אַניטאַ, האָט זיך באַטייליגט אין דער עקספּעדיציע. זי איז מיטגעגאַנגען קעגען דעם ווילען פון איר מאַן. גאַריבאַלדי האָט זי געבעטען צו פאַר־בלייבען אין רוים — איצט שוין אויסער געפאַר. ער האָט זי צערט־ליך דערמאָנט דאָס זי דאַרף באַלד, צום פערטען מאָל, מוטער ווע־רען, און טאָר זיך נישט אונטערוואַרפען די פּילפאַכע געפאַרען פון זיין איצטיגער ריזיקאַלע אונטערנעמונג... אַניטאַ איז אָבער גע־בליבען אומבויגזאַם אין איר אַנטשלוס. זי האָט איר דזשוזעפּא'ן בשום אופן ניט געוואָלט אַליין אַוועקלאָזען.

זיך אָפּשטעלענדיג פאַר אייניגע מינוטען ביי דער ערשטער הויז אויפ'ן וועג אַרויס פון רוים, האָט אַניטאַ גאַריבאַלדי דאָרט אָפּגעשווירען אירע לאַנגע האָר, זיך אָנגעטאָן אין מענערשע קליידער, און באַשטייגענדיג אַ פערד, האָט זי אַוועקגאַלאָפּירט זייט ביי זייט מיט איר מאַן.

גאַריבאַלדי'ס לעגיאָן האָט זיך געמוזט גאַנץ רירעוודיג באַ־וועגען, ווייל די סאָלדאַטען פון שונא, וועלכע האָבען זיי נאָכגעיאָגט, זיינען שוין געווען גאַנץ נאָענט הינטער זיי.

אַ מאָנאַט צייט, האָט גאַריבאַלדי מיט דער גרעסטער שוועי־ריגקייט און אָנשטריינגונג געהאַלטען אין איין אויסמיידען דריי פאַרשיידענע אַרמייען פון שונא, — די נעפּאָליטאַנער, די פראַנ־צויזען און די עסטרייכער. דעם איין און דרייסיגטען יולי האָבען זיי דערגרייכט די נייטראַלע טעריטאָריע פון סאַן־מאַרינאַ. אויפ'ן וועג זיינען פאָרגעקומען אייניגע קליינע צוזאַמענשטויסען

מיט קליינע אָפּטיילונגען פון שונא. אין איינעם פון דיזע קאמפּען, ביי ארעצאָ, האָט גאַריבאַלדי פאַרלאָרען זיין בראַווען לייטענאַנט לאַרענזאָ בּרונעטי.

דער רעגענט פון סאַן־מארינאַ, האָט אָנגעבאָטען גאַריבאַלדי׳ן מיט זיינע סאָלדאַטען אַ שוץ אָרט אין דער טעריטאָריע, בתנאי זיי זאָלען אוועקלייגען זייערע וואפען. צו באַשיצען די גאַסטפריינד־ליכע סאַן־מארינער פון אַ מעגליכער אטאַקע פון עסטרייך, האָט גאַריבאַלדי ארויסגעגעבען אַ באַפעל צו זיינע נאָכפאָלגער אוועקצו־לייגען די וואַפען, און האָט זיי באַפרייט פון ווייטערען דינסט.

די זעלבע נאַכט, האָבען זיך גאַריבאַלדי, זיין פרוי אַניטאַ, אוגאַ באַסי, און ארום צוויי הונדערט אַנטשלאָסענע קעמפער, ארויסגע־גנב׳עט פון סאַן מארינאַ, דערגרייכט דעם ים, און האָבען אין אַ קליין פלאָטילאַ פישער שיפלעך פאַרגעזעצט זייער נסיעה קיין ווע־נעציע.

ווען זיי זיינען שוין געווען אין אָנגעזיכט פון זייער ציל, האָט זיי אַן עסטרייכישער פּאַטראָל דערזען און אָנגעיאָגט. מיט דער אויסנאַם פון צוויי קליינע שיפלעך אין וועלכע גאַריבאַלדי, זיין פרוי, אוגאַ באַסי און נאָך איינינע, האָבען דערגרייכט דעם זומפּיגען פּי־בער אָנגעפילטען געגענד פון קאָמאַטשיאָ, — איז די גאַנצע עקס־פּעדיציע געפאַנגען געוואָרען.

גאַריבאַלדי מיט זיין הייפעל נאָכפאָלגער האָבען געלאַנדעט אין קאָמאַטשיאָ. פון ווייטענס אויפ׳ן ים האָבען זיך שוין געזען די אָנקומענדע עסטרייכישע פּאַטראָל שיפען, וועלכע האָבען זיי נאָכ־געיאָגט. נעמענדיג אָפּשייד איינער פון צווייטען, האָט זיך גאַרי־באַלדי׳ס גרופּע אוועקגעלאָזען אין פאַרשידענע ריכטונגען און גע־זוכט זיך צו באַהאַלטען פון נאָכיאָגענדען שונא.

אוגאַ באַסי צוזאַמען מיט זיין חבר ליווראַגי, זיינען באַלד אריינגעפאַלען אין די הענט פון שונא. מען האָט זיי

געשמידט אין קייטען און געבראכט קיין באָלאָניא, וואו מען האָט, אויפ׳ן באַפעל פון פּאַפּסט, דעם „ווידערשפּעניגען״ גלח, צו־ערשט געפּייניגט אין געפענגניש איידער מען האָט אים פאַר־משפּט צום טויט.

קאַרדינאַל בעדיני, דער לעגאַט פון פּאַפּסט אין באָלאָניא האָט מיט גרוים פרייד און קאַניבאַלישע רציחה דורכגעפירט דעם באַפעל פון דעם הייליגען פאָטער, און האָט זיך נוקם געווען אָן דעם פּריס־טער פאַר וועמען די פרייהייט פון זיין פאָלק און לאַנד איז גע־שטאַנען פיל העכער ווי די פאַרלאַנגען פון זיין פּאַפּסט.

פאַר׳ן סוף, האָט אוגאָ־באַסי׳ס שוועסטער אויסגעווירקט א קורצע אונטעררעדונג מיט אים. ער האָט זי געטרייסט, און געבעטען זי זאָל זיך ניט ערגערען, ווייל זיין ערדישע מיסיע איז שוין דערפילט. ער האָט אויך געבעטען מען זאָל זיין הינריכטונג האַלטען בסוד פון זיין אַלטע און צו יענער צייט קראַנ־קע מוטער.

די מוטער האָט אים בלויז צוויי מאָנאַטען איבערגעלעבט. זי איז געשטאָרבען גלויבענדיג, אז איר זון געפינט זיך בלויז צייט־ווייליג געפאַנגען אין אן עסטרייכישער פעסטונג.

דעם 8־טען אויגוסט האָט מען אוגאָ באַסי׳ן מיט זיין חבר ליוור־ראַני ארויסגעפירט צום דרויסען־טויער פון סאַן איסאַיאַ, דער פּלאַץ וואו מען פלעגט דאַמאָלסט הינריכטען די ערגסטע קרימינאַלע פאַר־ברעכער.

עס האָט זיך פאַרזאַמעלט א גרויסע מאַסע מענשען, וועמען די סאָלדאַטען האָבען פון דער ווייטענס געהאַלטען מיט זייערע אנט־בלויזטע שווערדען.

דער אָפיצער אָן דער שפּיצע פון די פּאַרטיי סאָלדאַטען, וועל־כע האָבען געדאַרפט אויספירען דעם טויט־אורטייל, איז אזוי טיף



דזשוזעפא גאריבאלדי
(1807—1882)

גערירט געוואָרען, דאָס ער האָט ניט געקאָנט ארויסרעדען דעם טויט באַפעל. א צווייטער האָט פארנומען זיין פּלאַץ.

„איך בין גרייט״ האָט אונגאַ באַסי אויסגערופען. אין א מאָ־מענט ארום איז ער געפאַלען טויט, דורכגעלעכערט פון קוילען.

אזוי האָט מען געטויטעט איינעם פון די נאָבעלסטע נייסטער אין דעם קאַמף פאר איטאַליענישער פרייהייט.

* * *

אויך אין גאַריבאַלדי׳ס פּוס טריט האָט געלויערט דער טויט.

אויסגעמאַטערט פון דער איבערמענשליכער אָנשטריינגונג פון די לעצטע פּאָר טעג, אריינגעוואָרפען אין דער פארפעסטעטער מיט פיבער דורכגעזאַפּטער אטמאָספערע פון די קאַמאַטשיער זומפּען, איז אַניטאַ גאַריבאַלדי קראַנק געוואָרען: אָן פּראָוויאַנט, אָן מע־דיצינישער הילף, איז די יונגע זיד־אמערקאַנערין, די באַליבטע העלדישע פרוי און מיטקעמפערין פון דעם פאָפּולערען פאָלקס העלד, געשטאָרבען אן די ארעמס פון איר מאַן, אויפ׳ן וועג וואָס האָט גע־פירט צו ר א ו ו ע נ א.

מיט א צובראָכענער הארץ פון זיין גרויסען פּערזענליכען פאר־לוסט, האָט זיך גאַריבאַלדי אויסבאהאַלטען פון די עסטרייכישע און פּאַפּסטליכע שפּיר הינט. זיך אָפּרייסענדיג פון דעם טויטען קער־פּער פון זיין פרוי, איז אים פארשטעלטערהייט געלונגען צו דער־גרייכען פלאָרענץ. פון דאָרטען איז ער אוועק קיין גענוא וואו ער האָט זיך געזעגען מיט זיין מוטער און מיט זיינע דריי קליינע קינדער, וועלכע אַניטאַ האָט איבערגעלאָזען אין דער באַבע׳ס רשות. פון גענוא איז גאַריבאַלדי אנטלאָפען, און האָט ענדליך געפונען שוץ אויף דעם קליינעם פעלז־אינזעל ק א פּ ע ר ע ר א.

אביסעל שפּעטער איז ער אוועק קיין אמעריקא, און האָט פאר א לענגערע צייט געמאַכט זיין היים אויף סטאַטען איילאַנד, ביי ניו יאָרק.

און אזוי האָט זיך טראַגיש אויסגעלאָזען גאַריבאַלדי׳ס בראַווער פּאַרזוך צו העלפען ווענעציע, אין איר העלדישען און פאַרצווייפעל־טען ווידערשטאַנד קעגען דער איבערוועלטיגער מאַכט פון עסטרייך.

* * *

ווי שוין אויבען דערמאָנט, איז ווענעציע געווען פון די ערשטע שטעט אין איטאַליען וואו די רעוואָלוציע האָט אין יאָר 1848 טריאומפירט. און פּונקט ווי דער נאָמען מ א צ י נ י איז אויף אייביג פאַרבונדען מיט דער געשיכטע פון דער ר ו י מ י ש ע ר רעפּובליק, אזוי שטייט אין פאָדערגרונד פון דער רעוואָלוציאָנערער רעפּובליק אין ו ו ע נ ע צ י ע, די ליכטיגע געשטאַלט פון איר פּרעזידענט ד נ י א ל מ א נ י ן, „דער פאָטער פון ווענעציע״.

ד נ י א ל מ א נ י ן איז געבאָרען געוואָרען פון א י ד י ש ע ע ל ט ע ר ע ן, אין יאָר 1804, אין ווענעציע. ווי עס האָט גע־טאָן דער פאָטער פון בנימין דיזראעלי (לאָרד ביקאָנספילד) אין ענגלאַנד, האָט אויך דניאל׳ס פאָטער זיך געטויפט, ווען זיין שפּע־טער בארימט געוואָרענער זון איז נאָך געווען א יונג קינד. דניאל מאַנין האָט גאַנץ פרי אַרויסגעוויזען גרויס חשק און ליבע צו לער־נען. ער האָט זיך אויך אויסגעצייכענט אין זיינע העבּרעאישע לימודים. ווען ער איז אַלט געוואָרען בלויז 15 יאָר, האָט ער אי־בערזעצט פון העברעאיש אין איטאַליעניש א טייל פון דעם אַפּאָקאַ־ליפּטישען „ספר חנוך״. צו 17 יאָר איז ער שוין געוואָרען דאָקטאָר פון יוריספּרודענץ. ער איז געווען א גלענצענדער אָראַטאָר און א פּאָפּולערער אַדוואָקאַט. מאַנין האָט זיך באַטייליגט אין אַלע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבען באַצוועקט די עקאָנאָמישע און גייסטיגע דערהויבונג פון די פאָלקסמאַסען. גאַנץ פרי האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און האָט

דניאל מאנין
(1804—1857)

אויך פארזוכט דעם טעם פון טורמע. זיין פּאָפּולאַריטעט איז גע־וואקסען, און די ליבע און צוטרוי, וואָס דער ווענעציאנער פאָלק האָט אים ארויסגעוויזען איז געווען באמת מערקווירדיג.

אונטער זיין פירערשאפט, איז די ווענעציאנער רע־וואָלוציע אין 1848 דורכגעפירט געוואָרען אָן בלוט פארגיסונג. ווען דער עסטרייכישער גארניזאָן אין שטאָט ארסענאל האָט זיך אונטער־געגעבען, און די שטאָט פארוואלטונג איז איבערגענומען געוואָרען פון די רעוואָלוציאָנערען, האָט מאַנין פארזאמעלט דאָס פאָלק אין דעם היסטאָרישען שטאָט־פּלאַץ פון סאַנט מאַרק, און האָט צו זיי אדרעסירט די פאָלגענדע ווערטער:

„ווענעציאנער! מיר זיינען פריי! און מיר זיינען פריי גע־וואָרען אָן שום בלוט פארלוסט, ניט פון אונז און ניט פון אונזערע ברידער, ווייל צו מיר זיינען אלע מענשען ברידער. אָבער ווען אן אלטע רעגירונג ווערט געשטירצט, מוז א נייע פארנעמען איר אָרט. און מיר שיינט איצט, אז דאָס בעסטע איז די רעפּובליק, וועלכע רעדט צו אונז פון אונזער גלאָרייכער פארגאנגענהייט, צו־געבענדיג די פרייהייט פון מאָדערנע צייטען. אָבער מיט אונ־זער אייגענער רעפּובליק אין ווענעציע טיילען מיר זיך ניט אָפּ פון אונזערע איטאַליענישע ברידער, — נאָר מיר פאָרמירען איינע פון יענע צענטערן, וועלכע וועלען העלפען צוזאמענשמעלצען אונזער איטאַליען אין איין נאציאָן. לאנג לעבען זאָל די רעפּובליק! עס לעבע די פרייהייט!”

א דאנק די גלענצענדע פירערשאפט און העלדישקייט פון דניאל מאַנין, וועמען מען האָט דערוויילט אלס פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, האָט ווענעציע א גאנצען יאָר ווידערשטאַנען די מאַכט פון דער שטאַרקער עסטרייכישער אימפּעריע.

אָבער נאָך דעם גרויסען עסטרייכישען זיג ביי נאָווארא און דעם שלום שליסען מיט וויקטאָר עמאַנועל, איז מעגליך געוואָרען

פאר גענעראל ראדעצקי'ן ארומצורינגלען ווענעציע מיט אן אייזער־נעם רינג.

אומזיסט האט דניאל מאנין זיך געווענדעט צו ענגלאנד, זי זאל צו הילף קומען דורך אנערקענען די אומאפהענגיגקייט פון ווע־נעציע. דער ענגלישער פרעמיער מיניסטער לארד פ א ל מ ע ר ־ ס ט א ן, האט זיך אפען געשטעלט אויף דער זייט פון דער עסטרייכישער רעאקציע, און האט געראטען ווענעציע זיך צו „פאר־שטענדיגען" מיט דער עסטרייכישער רעגירונג.

פארלאזען פון דער אויסערליכער וועלט, אפגעשניטען פון וועלכער ניט איז הילף, האט די העלדישע פארטיידיגונגס ארמעע פון צוואנציג טויזענד מאן געקעמפט מיט וואונדערליכע העלדיש־קייט און גבורה. איבערהויפט האט זיך אויסגעצייכענט די ארטי־לעריע־קאמפאניע „באנדיערא־מארא" * וועלכע האט געקעמפט ביז צום לעצטען מאן, אבער **הונגער און טיפוס** האט בים־לעכווייז אפגעשוואכט און פארקלענערט די באפעלקערונג.

דעם פיר און צוואנציגסטען אויגוסט איז ווענעציע געווען געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען.

דניאל מאנין האט זיך געראטעט אויף א פראנצויזישער שיף, וועלכע האט אים מיט זיין פאמיליע געבראכט קיין מארסייל. באלד נאך זייער אנקומען, איז דארט זיין פרוי קראנק געווארען און איז געשטארבען — אן אפפער פון דער כאלעריע עפידעמיע. מיט זיינע צוויי קליינע טעכטער, איז דניאל מאנין דאן אוועק קיין פאריז, וואו ער איז דעם פיר און צוואנציגסטען סעפטעמבער, אין יאר 1857, געשטארבען אין גלות, ניט דערלעבענדיג די פארווירקליכונג פון

---

*) א נאמען נאך די מארטירער העלדען פון קאסענזא, וועלכע זיי־נען געווען ווענעציאנער.

דעם גרויסען חלום פון א פאראייניגטער און אומאפהענגיגער אי־טאַליען, וואָס איז קורץ נאָך זיין טויט צושטאַנד געקומען.

אין זיין לעצטע רעדע צו דעם ליידענדען פאָלק אין ווענעציע, ערב דעם פאַלען פון דער רעפובליק, האָט דניאל מאַנין געזאָגט:

„א פאָלק, וועלכער האָט געקעמפט און געליטען, ווי אונ־זער פאָלק האָט געליטען און געקעמפט, קען ניט אונטערגיין. דער טאָג וועט קומען, ווען א גלאָרייכער שיקזאל וועט זיין אייער באַלוינונג. ווען וועט יענער טאָג קומען? דאָס איז ביי גאָט אין די הענט. מיר האָבען פארזייט די גוטע זריעה פון פרייהייט. און זי וועט זיכער ארויסוואקסען פון דער גוטער ערד!"

* * *

קורץ נאָך דעם פאַלען פון דער רוימישער רעפובליק אין יאָר 1849, האָט דזשוזעפּא מאַציני אָנגעשריבען זיין בארימטע און גלענ־צענדע שריפט „דער היילינגער אליאנץ פון די פעלקער".

ער שילדערט דאָרט די דאָמאָלסדיגע צושטאַנדען אין אייראָפּא, און דעם גרויסען פארביטערטען קאַמף צווישען די פּרינצען און די הערשער, — און פון די רעבעלירענדע פעלקער מאַסען, וועלכע דערהויבען זיך אין נאָמען פון נאַציאָנאַליטעט און פרייהייט.

געשריבען אין א צייט ווען די כחות פון דער רעאַקציע האָבען צייטווייליג טריאומפירט, ניט בלויז אין איטאַליען, נאָר איבער גאַנץ אייראָפּא, — אָטעמט די דאָזיגע שריפט מיט ענטוזיאַסטישען גלויבען אין דעם ענדגילטיגען נצחון פון די פעלקער און פון דער פרייהייט.

אין זיין אומפארגלייכבארען סטיל, שילדערט מאַציני דעם „הייליגען אַליאַנץ" וועלכען די געקרוינטע קעפּ פון אייראָפּא האָבען געגרינדעט, באלד נאָך דעם פאלען פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּארטע.

די נייע אָרדנונג פאראורזאכט דורך דער גרויסער רעוואָלוציע, האָט באקומען א שווערען קלאפּ. די אלטע בורבאָנישע דינאַסטיען זיינען רעסטאַווירט געוואָרען. „די רעליגיע", שרייבט מאַציני, „האָט די דאָזיגע רעסטאַווראַציע באַשאָטען מיט אירע ברכות. אַלטאַר און טראָן האָבען זיך ליבליך ארומגענומען, און איינער דעם צווייטען אויפגעהאַלטען".

און דאָך, ניט קוקענדיג אויף זייער נצחון, האָבען זיך די דאָזיגע וועלט־הערשער געשראָקען. א פאַרנעפּיל פון אומגליק און פון אונטערגאַנג האָט זיי ניט געלאָזט רוען. דער גייסט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך טיף איינגעוואָרצעלט אין די הערצער פון די אונטערדריקטע פעלקער־מאַסען, און דער דראָענדער געשפּענס פון רעוואָלט האָט אויף די קעניגע אָנגעוואָרפען אן אימת־מות.

מען האָט אוועקגעליינט אַן א זייט די געגענזייטיגע קנאות און שנאות, און זיך פאראייניגט אין א ברידערליכען בונד. די דאָזיגע פאראייניגונג האָט זיי פארפליכטעט צו געגענזייטיגער שטיצע, צו העלפען איינאנדער אונטערצודריקען יעדען פארזוך פון פאָלק אין די פארשידענע לענדער, אויפצוהויבען דעם קאָפּ קעגען זיינע אונטערדריקער.

און איבעראל, פון דער צייט פון דער פראנצויזישער אינטערווענציע אין שפּאַניען, אין יאָר 1823, וועלכע האָט געפירט צו דער אָפּשאַפונג פון דער ליבעראַלער קאָנסטיטוציע און אַלע ליבעראַלע געזעצען, וועלכע דאָס רעבעלירענדע פאָלק האָט ערקעמפט אין 1820, און דאָס צוריקזעצען אויפ'ן שפּאַנישען טראָן פון דעם

פאַרהאַסטען טיראַן, קעניג פערדינאַנד, ביז צו דער אינטערווענציע, וועלכע האָט אין יאָר 1849, געהאָלפען דערשטיקען די פרייע רעפובליק אין רוים, האָט דער דאָזיגער „היילינגער אליאַנץ" זיך געשטעלט אין וועג פון די פעלקער, וועלכע האָבען זיך דערהויבען אין קאַמף פאַר פרייהייט און רעכט.

דער אויבענדערמאָנטער פאָרגעפיל פון די גרינדער פון דעם „אליאַנץ", — אַז דאָס פאָלק וועט זיך נאָך דערהויבען אין רעוואָלוציאָנערען אויפשטאַנד, איז מקוים געוואָרען אין דעם היסטאָרישען יאָר 1848.

„דער פאָרגעפיל פון די פּרינצען איז מקוים געוואָרען; די פאָלקס מאַסען האָבען זיך טאַקע דערהויבען; ניט בלויז אין פראַנקרייך, נאָר כמעט אין יעדען לאַנד אין אייראָפּאַ, און זיך דערהויבען מיט אַ כח און פעסטקייט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער גרוים פון דעם ציל, וואָס דאַרף דערגרייכט ווערען, — אַ ציל ניט בלויז פּאָליטיש נאָר אויך סאָציאַל, זיי האָבען זיך דערהויבען, צוערשט דורך נאָכפאָלגען און אונטערשטיצען די רייכערע קלאַסען, וועלכע האָבען זיך אונטערגענומען פאַר זיי קעמפען אויך זייער קאַמף — דעם אַלגעמיינעם קאַמף; דערנאָך, ווען די דאָזיגע פירער האָבען דאָס פאָלק אָפּגענאַרט, ווען זיי, דערגרייכענדיג זייערע אייגענע רעכט, האָבען זיך אוועקגעשטעלט קעגען פאָלק, האָבען זיך די מאַסען גענומען צו דירעקטער אַקציאָן, און צו שטעלען דרייסטע פאָדערונגען...

„אומערפאַרען, און אָפטער געפירט פון אינסטינקט איידער פון פאָראויס באַשטימטע פּלענער, — דאָ פאַרראַטען דורך צופיל זיך אַנפאַרטרויען ניט־אויסגעפּרואווטע אָנפירער, דאָרט, דורך אַ ניט באַרעכטיגטען אומצוטרוי צו באמת פאַראַנטוואָרטליכע און גלויבענסווערטע פירער, — האָבען זיך

די מאסען דערהויבען, געפאלען, זיך ווידער דערהויבען און ווידער געפאלען, — און האָבען אין דעם נאָכיאָגען פארשי־דענע אילוזיעס, פארשווענדעט געגוג כחות, וואָס וואָלטען אימשטאנד געווען צו באשאפען אָדער צו פארניכטען א וועלט. — און האָבען אָנגעוואָרען גענוג ריינע און טייערע בלוט, וואָס וואָלט בכח געווען צו גרינדען און פעסטשטעלען א רעליגיע.

„טעות'ן און מפלות האָבען אָבער בלויז אויסגעמעקט פראקציאָנען, אָבער ניט גאנצע פעלקער. נאציאָנען שטארבען ניט. זיי ווערען טראנספאָרמירט. די דאָ־זיגע פראָפעטישע אגיטאציע פון די גרויסע מאסען, די דאָ־זיגע באוועגונג פון דער מענשליכער ראסע, פון גאָט גע־שטויסען צו א נייעם ציל, צו א גרעסערער אנטוויקלונג פון אירע פעאיגקייטען דורך דער אסאָציאציע, — האָט זיך פאר־גרעסערט און געשטארקט ווי א זיך דערהויבענדער שטראָם; האָט זיך פארגרעסערט אין ברייטקייט און אין טיפקייט פון גלאָנץ צו גלאנץ, פון יאָר צו יאָר, — און וואָס עס זאָל נישט קומען, אונזער נצחון איז אומפארמיידליך, אונזער זיג איז געזיכערט. קיי־נע קעניגליכע פארבאנדען, אָדער פאָפסטליכע קונץ — דריי־לער און פארפאָלגונגען וועלען פון איצט אָן ניט קאָנען דינען מער ווי צו פארהאלטען אָדער פארוואנדלען אין א מער בלו־טיגע, די דאָזיגע באוועגונג. עס איז שוין מער ניט אין מענשליכען כח זי ארויסצורייסען פון אונזערע הענט".

„אונזער זיג איז געזיכערט. איך ערקלער דאָס מיט דער טיפסטער איבערצייגונג, דאָ אין גלות, און אין דער צייט, ווען די מאָנארכיסטישע רעאקציע שיינט צו זיין אזוי חוצפה'דיג זיכער. וואָס פאר א באדייטונג האָט דען דער טריאומף פון א

שעה? וואָס נוצט אייך דען, וואָס קאָנצענטרירענדיג אַלע אייערע מיטלען, אויסנוצענדיג יעדען סאָרט ביטרעקייט, אויסנוצענדיג פאר אייער אייגעננוץ יענע פאראורטיילע און ראסען־קנאה, וועלכע דויערען נאָך צייטווייליג, — איז אייך געלונגען צוריקשטויסען אונזערע מחנות און רעסטאווירען די פריער עקזיסטירענדע אָרדנונג? צי קענט איר דען רעסטאווירען דעם גלויבען פון פאָלק אין דעם? אָדער דענקט איר, אז אייך וועט זיך איינגעבען די דאָזיגע אָרדנונג לאַנג אָנהאַלטען דורך ברו־טאַלער מאַכט אליין — איצט, ווען דער גאנצער גלויבען אין דעם איז אָפּגעשטאָרבען?

„פארגלייכט די איטאַליענישע באוועגונג פון די לעצטע צוויי יאָר מיט יענער פון אכט און צוואנציג און פון אכצען יאָר צוריק; פארגלייכט די פאָלקס אויפשטאנדען אין סיצי־ליען און לאָמבארדיען מיט דער אריסטאָקראטישער און מי־ליטערישער באוועגונג פון 1820 און 1821. אונזערע יונגע איטאַליענער האָבען זיך אויסגעלערענט ווי צו שטאַרבען, און דערפאר וועט איטאַליען לעבען. דורך דער געשיקט־קייט און דעם כח פון לואי־פיליפּ זייט איר בייגעקומען דעם מאָנארכאָ־קאָנסטיטוציאָנעלען אויפ־שטאנד פון 1830; דורך אייער גרויזאם שוידערליכען אָפּ־נארען דאָס פאָלק האָט איר געזיגט אין גאליציען, און מיר האָ־בען אייך געענטפערט מיט אונגארן, און אין א ניט ווייטען טאָג וועלען מיר אייך ענטפערען אויך דורך די סלאַווישע פעלקער. און די דייטשע באוועגונג? — און ווין? — און די מיליאָנען וועמען עס פעלט ברויט?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

„...טעראָר און קאָרופּציאָן; — די רעגירונגען האָבען ביידע באנוצט — אָבער אָן ערפאָלג. די צדדים זיינען אומ־גליך. — גאָט איז אויף דער זייט פון די פעלקער מאסען. דער פאָראויסמארש פון אידייען איז אומאויפהערליך; די דאָקטרין פון קאסטע, און פון דעם גלויבען אין אומגלייכהייט איז אויסגעלאָשען געוואָרען; דער פאריאַ האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ און האָט אָן מורא געוואגט קוקען זיינע הערשער גלייך אין פנים אריין. פון יענעם מאָמענט אָן, איז די פראַגע אנטשידען געוואָרען...״

(מאציני).

פינפטער קאַפּיטעל

(1851—1865)

לואי־נאַפּאָלעאָנ'ס "שטאַאַטס־ שטריך" — מאַציני'ס אַנריף אויף די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען. — מאַציני און דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל. — דער טויט פון מאַציני'ס מוטער. — דזשו־זעפּאַ מאַציני און מיכאַאיל באַקונין. — צוריק אין איטאַליען. — אויפשטאַנדען אין גענוא און נעאַפּעל. — בייער טויט אורטייל. — דעל־אנגאַרא'ס ליד. — ארסיני'ס אַטענטאַט אויף קייזער נאַפּאָלעאָן. — גאַריבאַלדי'ס זיג־רייכע עקספּעדיציע אין סיציליען און נעאַפּעל. — מאַציני'ס אָפענער בריף צו וויקטאָר עמאַנועל און זיין אַנטאַגאָניזם צו דער מאָנאַרכיע. — דער איטאַליענישער פּארלאמענט. — דער בירגער קריג אין נאָרד אמעריקא. — מעקסיקאָ, אבראהאם ליבקאָלן, און דער וועלט־ אימפּעריאַליזם.

דעם צווייטען דעצעמבער פון יאָר 1851, איז אין פּאַריז פאָרגעקומען דער לאַנג און פאָרזיכטיג געפּלאַנטער Coup d'Etat (שטאַאַטס איבערקערעניש) פון לואי־נאַפּאָלעאָן.

ווען עס איז געקומען די צייט פאַר ענערגישע אקציאָן, האָט באָנאַנאַפּארט מיט גרויסע סומען געלד אונטערגעקויפט אייניגע גענעראַלען פון דער ארמיי, ווי דער גענעראַל מאַנאַן און דעם קריגס מיניסטער סעין אַרנאוד, וועלכע האָבען איינגעוויליגט

צו טאָן אַלץ, וואָס מען וועט זיי הייסען. איבערקומענדיג דיזע מכשולים האָט דער פּרעזידענט ביי זיך אין פּאַלאַץ צונויפגערופען די קאָנספּיראַטאָרען. מען האָט אָפּגעדרוקט גרויסע אַפישען־פּראָקלאַמאַציעס אָנצוקלעפּען אויף די ווענט פון פּאַריז, און געמאַכט די לעצטע פּאָרבאַרייטונגען פאַר'ן מאָרגענדיגען „גרויסען טאָג", וועלכער איז אויך געווען דער אנדענקס־טאָג פון דעם גרויסען נאַפּאָלעאָנ'ס גלענצענדער זיג ביי אוסטערליץ (דעם 2טען דעצעמבער 1805).

ארום 4 א זייגער פאַרטאָג, איז מען באַפאַלען די וואוינונגען פון די מוטיגע אָפּאָזיציאָנס דעפּוטאַטען פון פּאַרלאַמענט. מען האָט פילע פון זיי ארעסטירט און פארשפּארט אין די טורמעס. אייניגע, ווי וויקטאָר הוגאָ, האָט מען באַצייטענס געוואָרענט, און זיי זיינען „אין דער היים ניט געווען" ווען מען האָט זיי „באַזוכט".

יעדע וויכטיגע גאַס און אָפענער פּלאַץ, יעדער סטראַטעגישער פּונקט אין דער הויפּטשטאָט, איז אָנגעפילט געוואָרען מיט סאָלדאַטען, באַוואָפענט מיט ביקסען און קאַנאָנען. א מאַכט פון דרייסיג טויזענד מאַן איז געשטאַנען גרייט אין בלוט צו דערטרינקען יעדען מעגליכען פּרוּזוּך פון פאָלק זיך צו דערהויבען קעגען דער מיליטעַרישער דעספּאָטי.

בשעת די דאָזיגע פּאָרבאַרייטונגען זיינען אָנגעגאַנגען, איז פראנקרייך געשלאָפען, און האָט גאָר ניט גע'חלומ'ט פון אַזאַ קאַטאַסטראָפע. און אינדערפרי, ווען די שיינע פאַריז האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי זיך געפונען, א געבונדענע, און א הילפלאָזע אין די ברוטאַלע הענט פון דער טריאומפירענדער רעאַקציע.

דורך דעם דאָזיגען „שטאַאַטס שטריך" האָט לואי־נאַפּאָלעאָן אומגעשטירצט די ליבעראַלע קאָנסטיטוציע פון לאַנד און איז געוואָרען דיקטאַטאָר. אין לויף פון דעם יאָר 1852, האָט דער „פּרעזידענט" פאַרפערטיגט אלע זיינע פּלענער פאַר דער ר ע ס־

טאווראציע פון דער נאַפּאָלעאָנישער אימפּעריע, און אין דעצעמבער, 1852, איז די צווייטע פראנצויזישע אימפּעריע אָפיציעל פּראָקלאמירט געוואָרען. דער געוועזענער „ליבעראַל" און פּאָליטישער אוואנטיוריסט, האָט ענדליך דערגרייכט דעם הויך־פּונקט פון זיינע פּערזענליכע אמביציעס, און איז געוואָרען קייזער נאַפּאָלעאָן דער דריטער.

איינציגע בראווע דעפּוטאטען פון דעם פאנאנדערגעטריבענעם פּארלאמענט, אָנגעפירט פון דעם בארימטען דיכטער און קעמפער פאר גערעכטיגקייט וויקטאָר הוגאָ, האָבען געמאכט א הערליכען פּרוּוו צו ערהויבען דאָס פּאריזער פאָלק קעגען דעם אוזורפּאטאָר. מען האָט אָבער ניט געקאָנט בויגען די אייזערנע מיליטערישער מאכט. נאָך א קורצען העלדישען ווידערשטאנד, זיינען די דאָזיגע בראווע קעמפער איבערוועלטיגט געוואָרען. *)

לואי־נאַפּאָלעאָנ'ס „קאָרד'עטא" האָט אויפגעטרייסעלט די גאנצע ציוויליזירטע וועלט.

דזשוזעפּא מאציני, וועלכער האָט אַלעמאָל געפּרעדיגט איינינקייט אין קאמף קעגען די הערשער, האָט אין דעם דאָזיגען ערפאָלג פון דער פראנצויזישער רעאקציע באשולדיגט די אָנפירער פון די פארשידענע פראנצויזישע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, ווי לואי בלאַן, פּרודאָן, קאַבע און אנדערע; וועמעס אינערליכע צוויסטיגקייטען צוזאמען מיט זייער געמיינשאפטליכען קאמף קעגען די ליבעראלען, האָבען צושפּליטערט די כחות פון די דעמאָקראטישע עלעמענטען פון פראנקרייך, וועלכע האָבען קודם כל באַ־

---

*) זעט וויקטאָר הוגאָ'ס: וויקטאָר הוגאָ "L'Histoire d'un Crime" און אויך זיין: „נאַפּאָלעאָן לע פּעטיט": פּאריז.

דארפט ארויסשטעלען א געאייניגטען פראָנט אין קאמף קעגען דעם אוזורפאטאָר.

די דאָזיגע מיינונג איז ביי מאציני'ן געוואָרען א מין „אידייע פיקס", און האָט אים באוואויגען ארויסצוקומען מיט א שארפען און דורכאויס ניט־בארעכטיגטען אָנגריף אויף די פראנצויזישע סאָציאליסטען בכלל.

עס דארף אָבער פארצייכענט ווערען אלס פארדינסט פון די לעצטע, דאָס מיט דער אויסנאמע פון א קורצען, שארפען און ביטע־רען ענטפער, מצד איינינע פון די אָנגעגריפענע יחידים, האָבען די סאָציאליסטישע פירער בכלל, אויס גרויס דרך ארץ פאר מאציני'ס מארטירערטום, און זיינע גרויסע פארדינסטען פאר דער אלגעמיי־נער פרייהייטליכער באוועגונג, — זיך ניט געלאָזט ארייננציען אין קיין ביטערער פאָלעמיק מיט אים.

צען יאָר שפעטער, — אין די זעכציגער יאָרען, — ווען מען האָט אין לאָנדאָן געגרינדעט דעם ערשטען סאָציאליס־טישען אינטערנאציאָנאל, „די אינטערנאציאָנאלע ארבייטער אסאָציאציע", איז דושוזעפּע מאציני געווען איינער פון די עטליכע געציילטע מענשען וועמען די גרינדער פון דער ארבייטער פאראייניגונג האָבען גענומען אין אָנבאטראכט, ווי פאסענד אָנצושרייבען דעם פראָגראם פון דעם „אינטערנאציאָ־נאל".

אויף דער איינלאדונג פון דעם עקזעקוטיווען קאָמיטעט, דעם „גענעראל קאונסיל" פון דער אסאָסיאציע, האָט מאציני אָנ־געשריבען אַן אנטוואורף פון א פראָגראם. דער דאָזיגער אַנט־וואורף האָט אָבער ניט געקראָגען קיין ווארימע אויפנאמע מצד דער מאיאָריטעט פון דער עקזעקוטיווע *)

*) זעט: דזשאן ספארגאָ: „קארל מארקס" (ביאָגראפיע) זייט 264.

מאציני'ס אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַליסטישע און אַנטי־קאָסמאָפּאָליטישע אַנשויאונגען, ווי אויך זיין אַנטאַגאָניזם צו דער מאַטעריאַליסטישער אויפפאסונג פון דעם סאָציאַליזם, זיינען ניט געווען אין איינקלאַנג מיט די אַנזיכטען פון די לייטענדע גייסטער פון דעם צענטראַלען קאָמיטעט*). דערצו האָט מען נאָך מאַציני'ן אין גאַנצען ניט מוחל געווען זיין אַמאָליגען אַנגריף אויף די סאָציאַליסטען. דער כבוד אָנצושרייבען דעם דאָזיגען היסטאָרישען דאָקומענט איז אויסגעפאלען אויף קאַרל מאַרקס.

*) בנוגע דעם נאַציאָנאַליזם האָבען זיך די מיינונגען פון די געגנער געענדערט. מיט איניגע יאָר שפּעטער, אין צייט פון דער דויטש־פראַנצויזישער מלחמה פון יאָר 1870, האָט שוין אויך קאַרל מאַרקס גענומען אַ פּאָזיטיווע און א פריינדליכע שטעלונג צום פרייהייטס־קאַמף פון די אונטערדריקטע פעלקער. אין אַן אַדרעס צום ערשטען סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, האָט דער באַגרינדער פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם באַטאָנט, — אַז צווישען פאָלק און פאָלק מוזען עקזיסטירען די זעלבע געזעצען פון מאָראַל און רעכט ווי צווישען מענש און מענש.

פערדינאַנד לאַסאַל איז, נאָך מיט עלף יאָר פריער, אין צייט פון דער איטאַליענישער מלחמה קעגען עסטרייך, אין יאָר 1859, ארויס מיט אַ שריפט: „דער איטאַליענישער קריג און די אויפגאַבע פון פּרייסען", — אין וועלכע ער רעדט מיט גרויס באַגייסטערונג פאַר איטאַליענישער פרייהייט און בכלל פאַר דאָס רעכט פון יעדען פאָלק אויף נאַציאָנאַלע פרייהייט. — שוין ניט רעדענדיג וועגען משה העסס, דער מחבר פון "רוים און ירושלים". (1862), דער אַלטער חבר און לאַנגיעריגער מיטקעמפער פון קאַרל מאַרקס. משה העסס, דער ערשטער סאָציאַליסט־ציוניסט, (געבוירען 1812 און געשטאָרבען 1875) איז געווען פון די ערשטע פאָרגענגער פון דעם מאָדער־

אין לויף פון דער דיסקוסיע איבער מאַציני׳ס פּראָגראַם־אַנט־וואורף, א דיסקוסיע אין וועלכע עס האָבען ניט געפעלט טענער פון ערבימערונג קעגען מאַציני׳ן פערזענליך, האָט דער באַרימטער פראנצויזישער סאָציאַליסט לואי בלאַן, געשריבען פאָלגענדעס וועגען מאַציני׳ס אַמאָליגען אָנגריף:

> „מאַציני האָט אויף אונז געמאַכט א ביטערע אַטאַקע.
> ער איז צו די סאָציאַליסטען געווען אומגערעכט, אָבער זיי וועלען זיך איצט ניט ארונטערלאָזען צו זיין אומגערעכט צו אים... מיט זיין העלדישען קאַמף פאר׳ן היילינגען אידעאל פון פרייהייט, און פאר דער אומאפהענגינקייט פון דער רוימישער רעפּובליק, האָט ער זיך ערוואָרבען אזא אנערקענונג, וועלכע זיינע טעות׳ן און פאָראורטיילע וועלען ניט קאָנען אָפּמעקען...״

מאַציני׳ס סאָציאַלע אידעאָלאָגיע, זיין דעמאָקראַטי באַזירט אויף דער דאָקטרין פון פליכט, וועלכע איז אין תוך געוועזען א נאַציאָנאַליסטיש־אידעאַליסטישע, — ווי אויך זיין דערמאָנטע געגנערשאַפט צו דעם... „צום עגאָאיזם טרייבענדען גאַטלאָזען מאַ־

נעם ציוניזם. וועגען דער שטעלונג פון די ערשטע סאָציאַליסטען צו דער נאַציאָנאַליטעטען־פראַגע, און אויך וועגען דעם ווי אזוי דזשוזעפּאַ מאַציני׳ס קאַמף פאר דער באפרייאונג פון רוים האָט געהאָלפען אויך די אידיש־נאַציאָנאַלע אויפלעבונג דורך באַגייסטערען משה העסס פאר דער באפרייאונג פון ירושלים, זעט די גלענצענדע שריפט פון דר. נחמן סירקין: „משה העסס, זיין לעבען, ווירקען און פילאָזאָפי״ אין דער אידישער איבערזעצונג פון „רוים און ירושלים״ (זייטען 40, 41, 42 און 43). — (אויסגאבע מ. נ. מייזעל, ניו יארק).

טעריאַליזם" — אויף וועלכען די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע טעאָריען פון יענער צייט, ווי אויך דער מאַרקסיסטישער „אינטער־נאַציאָנאַל" האָבען זיך געשטיצט, האָבען אים געפירט צו א צווייטען צוזאַמענשטויס. און דיזען מאָל מיט די אַנאַרכיסטען, וועלכע זיינען ניט ווייניגער ווי ער געוועזען געגנער פון דעם מאַרקסיזם, געגנער פון דער אַלגעמיינער „פאַרשטאַטליכונג", — און צווישען וועמעס אידייען פון פעדעראַליזם, און אַנערקענונג פון דאָס רעכט פון אויטאָנאָמי און זעלבסטבאַשטימונג, פאַר יעדען פאָלק, און מאַציני'ס אויפפאַסונג פון דעם נאַציאָנאַליזם; האָט אין דער ווירקליכקייט קיין שום סתירה ניט געקאָנט זיין.

מיט דער אויסנאַמע פון דער שטרייט פראַגע בנוגע דער רעליגיעז־עטישער אָדער אַטעאיסטישער מאַטעריאַליסטישער קאָנצעפּציע פון סאָציאַליזם, אין וועלכען זיי האָבען פאַרטראָטען צוויי אַנטקעגענגעזעצטע שטאַנדפונקטען, איז פאַראַן א מערקווירדיגע איינשטימיגקייט אין די אַנשויאונגען פון דזשוזעפּא מאַציני און מיכאַאיל באַקונין בנוגע די אייראָפּעאישע צושטאַנדען, און די מיטלען מיט וועלכע צו פאַרזיכערען פרידען און פרייהייט.

ביידע, באַקונין ווי מאַציני, אַגיטירען פאַר א פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אייראָפּא", ביידע באַהויפּטען דאָס אַבסאָלוטע רעכט פון יעדען פאָלק גרויס אָדער קליין צו א פרייער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ*).

---

*) זעט: מיכאַאיל באַקונינ'ס „פּראָפּאָזישאָן מאָטיוועע" צו דער „פרידען און פרייהייטסליגע" זייט 12—14 Michel Bakounine "Oeuvres", Tome I. פּאריז 1907, *Federalisme Socialisme* et *anti-theologisme*

דער דערמאָנטער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען אין דעם יאָר 1871, ווען מאַציני איז אַרויס מיט אַ שאַרפער קריטיק אויף דער פאַריזער קאָמונע. דאָס האָט געפירט צו אַ ביטערע פּאָלעמיק מיט מיכאַאיל באַקונין אין דער איטאַליענישער אַרבייטער פּרעסע, — און איז געקומען אין דער צייט, ווען באַקונין מיט זיינע איטאַליענישע קאַמעראַדען האָבען, דורך אַן אינטענסיווער פּראָפּאַגאַנדע, געזוכט אָפּצואַווענדען די יוגענד פון איטאַליען פון מאַציני'ס אונגעהייערען איינפלוס, און זיי געווינען פאַר זייערע: אַ נ אַ ר כ י ס ט י ש ־ אַ ט ע אי ס ט י ש ע א י ד ע ע ן".

אין זיינע „מעמואַרען", וועלכע זיינען ערשינען מיט פערציג יאָר שפּעטער נאָך די דאָזיגע שטרייטען, שרייבט דער אַלטער סאָציאַליסטישער וועטעראַן, דער לאַנג יאָריגער פירער און טעאָרעטיקער פון דער איצט אויפשטייגענדער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד, ה. מ. ה י י נ ד מ אַ ן (1842—1922:*)

.....מאַציני'ס האַנדלונג האָט באַאיינפלוסט פילע סאָציאַליסטען צו זיין זעהר אומגערעכט צו איינעם פון די אמת גרויסע פיגורען פון דעם ניינצענטען יאָרהונדערט — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — קאָנענדיג גוט, פּערזענליך, ביידע מענער (מאַרקס און מאַציני) און זייער אַרבייט, און ווערענדיג פיל טיפער באַאיינפלוסט אינטעלעקטועל פון מאַרקס'ן, פיל איך נאָך אַלץ, נאָך די אַלע יאָרען, אַז מיר וואָלטען זיך ניט געקאָנט

זעט אויך מ. ב אַ ק ו נ י ן, געקליבענע שריפטען. ניו יאָרק 1919 (אויסגאַבע קראָפּאָטקין ליט. געזעלשאַפט) זייטען 108—114.

*) זעט: „רעקאָרד אָוו ען אַדווענטשוראָוס לאַיף" פון ה. מ. הינדמאַן. זייט 61, באַנד 1.

באגיין אָהן מאציני׳ס פיינע און שיינע אנשויאונגען פון וואָס די מענשהייט באדאַרף באמת זיין.״

* * *

זיך אומקערענדיג צו זיין טעטיגקייט אלס באפרייער פון איטאַליען, איז וויכטיג צו וויסען דאָס דזשוזעפּא מאציני האָט פעסט געגלויבט אין דער וויכטיגקייט און נוצליכקייט פון רעוואָלוציאָנערער אקציאָן, אפילו אין פאלען וואו עס איז דאָ ווייניג אויסזיכט אויף באלדיגען ערפאָלג.

אזוי האָט ער זיך פּערזענליך באטייליגט אין די יאָרען 1852, 1853, און 1854, אין פארשידענע איטאליענישע אויפשטאנדען, ריזיקירענדיג יעדען מאָל מיט זיין לעבען. אים איז אָבער יעדען מאָל געלונגען צו אנטוישען די שפּיאָנען, און צוריקצוקומען קיין ענגלאנד.

* * *

דעם 9טען אויגוסט 1852 איז מאציני׳ס מוטער מיט טראגישער פלוצלונגקייט געשטאָרבען אין גענוא.

אין די צוויי און צוואנציג יאָר, וועלכע זיינען אריבער פון דער צייט פון מאציני׳ס ארעסט אין סאוואָנער פעסטונג און זיין ערשטען גלות אין יאָר 1830, ביז איר טויט; האָט ער זיין מוטער בלויז איין מאָל געזען. דאָס איז געווען מילאן, אין מיטען פון די שטורעמדיגע פאסירונגען פון יאָר 1848. מאציני האָט זיין מוטער אייניגע מאָל געשריבען דאָס ער וויל קומען קיין גענוא זי זען, (פארשטעלטערהייט), אָבער זי האָט עס אים ניט ערלויבט צוליב דער גרויסער סכנה, וואָס איז געווען פארבונדען מיט אזא שריט. זי האָט זיך נאָכאנאנד געשראָקען דאָס איר דזשוזעפּא וועט אריינפאלען אין די הענט פון זיינע שונאים,

די הערשער פון איטאַליען, וועלכע האָבען געהאַלטען אין שאַר־פען די ציינער און געזוכט אַ געלעגענהייט אויסצופירען דעם אַל־טען טויט־אורטייל, וואָס איז געהאַנגען איבער׳ן קאָפּ פון איר גע־ליבטען זון. צוליב דער דאָזיגער מורא, האָט זי פאַרבאָטען איר זון צו קומען קיין גענוא אָפּשייד נעמען פון זיין טויט־קראַנקען פאָטער דר. זשאַקאָמאָ מאַציני, וועלכער איז געשטאָרבען פון כאָלערא אין דעצעמבער 1848.

דער טויט פון זיין געליבטע און נאָבעלע מוטער, איז פאַר מאַ־ציני׳ן געווען אַ פורכטבאַרער קלאַפּ. דער ווייטאָג פון דעם דאָזיגען גרויסען פאַרלוסט איז אים פאַרשאַרפט געוואָרען, דורך דעם וואָס ער האָט זיך געפונען אין גלות, און ווייט פון איר אין די לעצטע מאָמענטען פון איר לעבען.

נאָך איידער דער טויטער קערפּער פון מאַציני׳ס מוטער איז קאַלט געוואָרען, האָבען די גענואַ׳ער גלחים געמאַכט אַ פאַרזוך אריינ־צוקריגען אין זייערע הענט די בריוו, וועלכע זי האָט פון איר זון באַקומען. מאַציני׳ס שוועסטער, אַ פרומע קאַטוילין, וועלכע איז געווען פולשטענדיג אונטער׳ן איינפלוס פון די יעזואיטען, האָט זיי אין דעם געוו מיטגעהאָלפען. זי האָט זיי אָפּגעגעבען אייניגע פון דיזע ווערטפולע בריוו, און די גלחים האָבען זיי פאַרברענט.

גליקליכערווייזע איז דער דאָזיגער וואַנדאַליזם, מצד די טרייע קנעכט פון דעם „הייליגען פאָטער״, באַצייטענס אָפּגעשטעלט גע־וואָרען, אַ דאַנק די ענערגישע און צייטיגע אריינמישונג פון סיניאָר נ אַ פּ אָ ל ע אָ ן פ ע ר ר אַ ר י, וועמען מאַציני׳ס מוטער האָט אין איר צוואה באַשטימט אַלס אַפּטרופּוס.

רעדענדיג וועגען מאַציני׳ס שוועסטער, וועט פּיליכט ניט זיין אויסען פּלאַץ דאָ צו פאַרצייכענען דעם פאָלגענדען פאַל, וועלכער איז פאָרגעקומען מיט צ ו ו אַ נ צ י ג י אָ ר ש פּ ע ט ע ר.

אין אָנפאַנגס פון יאָר 1872, ווען זיין שוואָגער איז געשטאָר־

מאריא מאציני
(מוטער פון דזשוזעפא מאציני)

בען, האָט דזשוזעפּא מאַציני געשריבען א הארציגען בייליידס־בריוו צו זיין שוועסטער, און האָט איר פאַרגעשלאָגען, אז ער וויל קומען זי באַזוכען און פּערזענליך טרייסטען. זי האָט עס צוריקגעוויזען. הפּנים דער אַלטער הרם פון דער קאַטוילישער קירכע קעגען איר באַרימטען ברודער, איז פאַר דער איינציג לעבעדיג געבליבענע מיט־גלידערין פון דער פאַמיליע מאַציני נאָך גאַנץ פּאַטענט געווען.

די דאָזיגע האַלטונג מצד זיין אייגענער שוועסטער, וועלכע ער האָט היים געליבט, איז געווען א ביטערע דורכלעבונג און א גרויסע אַנטוישונג פאַר דעם אַלטען, צו יענער צייט טויט קראַנקען ברודער, וועמעס טעג זיינען שוין געוועזען געציילטע...

מאַציני׳ס פּערזענליך שמערצליכער פאַרלוסט האָט ניט אָפּ־געשוואַכט, נאָר אין געגענטייל, פאַרשטאַרקט און אינטענסיווער געמאַכט זיין אַרבייט.

„מיין מוטער איז צו הייליג פאַר מיר איך זאָל ניט זיין שטאַרק", האָט ער געשריבען צו זיינע ענגלישע פריינד, די א ש־ה ו י ר ס ט ס, ענטפערענדיג אויף א בייליידס־בריוו. „איך פיל אַצינד מער ווי ווען עס איז, די הייליגקייט פון דער פליכט, וועלכע זי האָט אַנערקענט, און פון מיין לעבענס אויפגאַבע, וועלכע האָט געהאַט איר צושטימונג און איר ברכה... איצט האָב איך קיין אַנ־דער מוטער אויף דער וועלט אויסער מיין לאַנד, און צו איר וועל איך זיין אַזוי געטריי, ווי מיין מוטער איז געוועזען צו מיר."

אין אייניגע יאָר אַרום, אין פעברואַר 1855 איז ע מ י ל י א ש ה ו י ר ס ט געפאָרען קיין גענוא, איטאַליען, צו באַזוכען דעם קבר פון מאַציני׳ס מוטער. נאָך א לאַנגען אַרומזוכען איבער דעם בית הקברות, האָט זי דעם קבר ניט געקאָנט געפינען. זי האָט זיך געמוזט ווענדען צום אויפזעער נאָך הילף.

דער אויפזעער האָט זי צוגעפירט צו א קליין, האַלב איינגעזונ־קען שטיבעל, אין דעם אָרימסטען טייל פון בית־עלמין. אריינקור־

מענדיג אינוויינּיג, האָט זי דערזען א רייע פּאָליצעס ביי איינע פון די ווענט, אויף וועלכע עס זיינען געשטאַנען ארונות, טיילווייז אריינגערוקטע אין לעבער אין דיקען וואַנט. די ארונות האָבען קיינע נעמען אויפשריפטן אויף זיך ניט געהאַט. זיי זיינען באַצייכענט געווען מיט נומערן.

דער אויפזעער האָט דאַן דורכגעבלעטערט זיין „קאַטאַלאָג" ביז ער איז ענדליך געקומען צו א נומער ביי וועלכען עס איז געווען אנגעצייכענט דער נאָמען „מאריא מאציני".

עמילי אשהורסט איז דאַן אוועק אין שטאָט, און האָט זיך באַראַטען מיט איינינע אַלטע פערזענליכע פריינד פון דער פארשטאָרבענער, וועגען דעם, אז מען זאָל דעם קערפּער פון דזשוזעפּא מאציני'ס מוטער באערדיגען אויף א פּאַסענדען אָרט. מען האָט איר אָבער ערקלערט דאָס די „אויטאָריטעטען" קאָנען לויט'ן געזעץ באַווילינגען אזא ביטע בלויז דאַן, ווען עס קומט דירעקט פון א קינד פון א פארשטאָרבענעם. און היות דזשוזעפּא מאציני איז א „קרימינעלער" פּערזאָן, אונטער א טויט־אורטייל, און דורכדעם שוין אליין א „טויטער" אין די אויגען פון דעם געזעץ, — קאָן מען קיין זאַך ניט טאָן.

עמילי אשהורסט האָט זיך דערמיט ניט צופרידען געשטעלט. זי האָט געשריבען צו מאציני'ן קיין לאָנדאָן פאר א שריפטליכער ערלויבעניש. דזשוזעפּא מאציני, וועלכער האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט, און איז שטענדיג געווען אונטער'ן איינדרוק דאָס זיין געליבטע מוטער רוט אין א פּאַסענדען קבר, האָט פון לאָנדאָן צוגעשיקט זיין ערלויבעניש און אויך זיין הארציגען דאנק צו עמילי אשהורסט.

נאָך פיל אָנשטרענגונג און א דאנק דער מיטווירקונג פון איינינע איינפלוסרייכע מענשען, האָט זי ענדליך גע'פּועל'ט די ערלויבעניש אריבערצופירען דעם בר־מנן פון דעם אָרט וואו די טאָכטער

האָט עס, אויף דער עצה פון די גלחים, געלאָזט ליגען, און עס באַ־ערדיגען אין אַ שטיק קרקע, וועלכע זי (עמילי אשהווירסט) האָט פאַר דעם דאָזיגען צוועק געקויפט.

אַ פּאַסענדע מצבה איז אויפגעשטעלט געוואָרען, אויף וועלכער עס געפינט זיך אַ פּראָפיל מעדאַליאָן פון מאַציני׳ס מוטער, געמאַכט פון דעם גענאָוועזער סקולפּטאָר ו ו א ר נ י. די ערלויבעניש אויפצושטעלען די דאָזיגע מצבה האָט מען נאָך פיל מי געקראָגען פון די „אויטאָריטעטען, וועלכע האָבען אָבער אַרויסגעקראָגען אַ שריפט־ליכען צוזאָג, אַז מען וועט דערויף ניט אויסקריצען קיינע ווערטער, וועלכע אַנטהאַלטען וועלכען ניט איז „פּאָליטישען רמז". אויף דער דאָזיגער מצבה געפינען זיך דערפאַר בלויז די פאָלגענדע זעקס ווערטער:

MARIA MAZZINI

Madre di Giuseppa Mazzini

(מאַריאַ מאַציני — מוטער פון דזשוזעפּאַ מאַציני.)

* * *

אין יאָר 1854 איז דער פּאָפּולערער פאָלקס העלד דזשוזעפּאַ גאַריבאַלדי צוריקגעקומען פון אַמעריקאַ. זיין אַהיימקומען איז אונ־טעראיילט געוואָרען דורך דעם טויט פון זיין אַלטער מוטער אין ניצאַ. ער האָט געדאַרפט באַזאָרגען זיינע קליינע קינדער, וועלכע האָבען, ווי מיר האָבען פריער געזען, נאָך דעם טראַגישען טויט פון זייער מוטער, זיך געפונען אונטער זייער באָבע׳ס רשות. גאַרי־באַלדי האָט זיך אין גיכען מיט באַנייטער ענערגיע ווידער אַריינ־געוואָרפען אין פרייהייטס קאַמף.

אין אָנפאַנג פון דעם יאָר 1857 איז מאַציני צוריקגעקומען קיין איטאַליען, און האָט זיך באַטייליגט אין די רעוואָלוציאָנערע אויפ־שטאַנדען אין ליגהאָרן און אין גענוא.

ער איז אויך פּאַרמישט געווען אין דעם געוואַגטען פּאַרזוך צו פאַרכאַפּען נעאַפּעל. דער דאָזיגער צוג איז אָנגעפירט געווען פון זיינע חברים קאַרלאָ פּיזאַקעין, ראָזאָליִנאַ פּילאַ און זשיאָוואַני ניקאָטערא. פּיזאַקעין און פּילא האָבען באַלאַנגט צום העכסטען אדעל. מיט ליב און לע־בען האָבען זיי זיך ארייגעוואַרפען אין דער נאַציאָנאַלער פרייהייטס באוועגונג.

צוזאַמען מיט מאַציני'ן האָבען זיי אויסגעאַרבייט די פּלענער פון דער אונטערנעמונג. — אָרגאַניזירט געהיימע גרופּען אין נעאַ־פּעל, וועלכע האָבען זיך אונטערנומען צוצוגרייטען דעם באָדען פאַר אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד.

דעם זעקס און צוואַנציגסטען יוני האָט קאַרלאָ פּיזאַקעין מיט א קליינער אָבער גוט אָרגאַניזירטער גרופּע קאַמעראַדען, פאַרכאַפּט דעם פּאָסט דאַמפשיף „קאַלגיערי". דער דערשראָקענער שיפס־קאַ־פּיטאַן האָט געהאָרכזאַם געפאָלגט די באַפעלען פון דעם אָנפירער פון די רעוואָלוציאָנערען, און אומבייטענדיג דעם מאַרשרוט פון זיין שיף, איז ער צוגעפאָרען צו דעם אינזעל „פּאָנזא", אויף וועלכען עס האָבען זיך דאַן געפונען א דריי הונדערט פאַרשיקטע פּאָליטישע אַרעסטאַנטען.

מען איז לייכט בייגעקומען די וועכטער, באַפרייט און באַ־וואָפענט די אַלע געפאַנגענע, און מיט'ן שיף זיך ארויסגעלאָזען צום נעאַפּעל'ער לאַנד ברעג, וואו די רעוואָלוציאָנערען האָבען געלאַנדעט ביים דערפעל סאַפּרי.

דאָרט, האָט זיך שנעל ארויסגעוויזען, אז מען האָט „געמאַכט דעם חשבון אָהן דעם בעל־הבית". אז די באַגייסטערטע באַריכטען, וועלכע די אָרטיגע קאָמיטעטען האָבען צוגעשיקט צו מאַציני'ן און פּיזאַקעין בנוגע די גרייטקייט פון פאָלק צו אַן אויפשטאַנד, זיינען געווען שטאַרק איבערטריבען.

דערצו נאָך האָט מען פּיזאקעין פאַרראַטעז. איינער פון די פאַנזאַ׳ר תפיסה־וועכטער, וועמען ס׳איז אין צייט פונ׳ם איבערפאַל אויפ׳ן אינזעל געלונגען צו אַנטלויפען אין אַ קליין שיפעל, האָט באַ־צייטענס געוואָרענט דער רעגירונג, וועמעס באַוואָפענטע סאָלדאַטען האָבען צוגעגרייט אַ ניט־ערוואַרטעטען עמפּפאַנג פאַר די בראַווע רעבעלען.

אזוי שנעל ווי זיי האָבען געלאַנדעט ביי סאַפּרי, און די שיף „קאַלגיערי” איז אוועקגעפאָרען, האָבען דריי טויזענט באַוואָפענטע סאָלדאַטען פלוצלונג אַרומגערינגעלט פּיזאקעין מיט זיינע חברים.

זיך געפינענדיג אזוי אומערוואַרטעט אין אַ פאַסטקע, האָבען די רעוואָלוציאָנערען געמאַכט אַ פאַרצווייפעלטען פאַרזוך דורכצו־ברעכען אַ וועג צו די אַרומיגע בערג. דער שונא איז אָבער געווען צו שטאַרק אין צאָל.

אין דעם דאָזיגען פאַרזוך איז דער גרעסטער טייל פון פּיזאַ־קעינ׳ס מחנה געפאַלען אין קאַמף. קאַרלאָ פּיזאקעין מיט זיינע פאַרוואונדעטע חברים האָבען די סאָלדאַטען איינפאַך צ ו ־ ה א ק ט א ו י ף ש ט י ק ע ר מיט זייערע שווערדען.....

ניט פיל בעסער האָט זיך אויסגעלאָזען דער גענאָוועזער אויפ־שטאַנד, וועלכער האָט לויט דעם פריער באַשטימטען פּלאַן, זיך אָנ־געהויבען גלייכצייטיג מיט פּיזאקעינ׳ס העלדישען צוג. אין דעם גע־נאָוועזער קאַמף האָט זיך מאַציני פּערזענליך באַטייליגט אויפ׳ן אָרט.

די דאָזיגע נידערלאַגעס האָבען אָבער מאַציני׳ן ניט אַנטמוטיגט. פון זיין באַהעלטעניש אין גענוא, שרייבט ער אָן און פּובליקירט זיין „פאַרטיידיגונג פון דעם גענאָוועזער אויפשטאַנד”. אַ שריפט אין וועלכע ער מאַכט אַ פייערדיגען אויפרוף צום פאָלק זיך ווייטער צו דערהויבען קעגען די אייגענע איטאַליענישע טיראַנען, וועלכע זיינען

פונקט אזוי פאטאל צום פראָגרעס פון פאָלק, ווי דער עסטרייכישער אויבערהערשער.

אויף דעם דאָזיגען אויפרוף האָט דער סארדינישער קעניג וויקטאָר עמאנועל געענטפערט מיט א נייעם טויט־אורטייל אויף דזשוזעפא מאציני. און דער בארימטער איטאַליענישער שטאַאטסמאן קאמילא קאוואור, (1810—1861) „דער איטאַליענישער ביסמארק", — וועלכער איז געווען וויקטאָר עמאנואל׳ס רעכטע האנט, האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבייט אריינצוקריגען דעם גרויסען רעוואָלוציאָנער אין זיינע הענט.

קאוואור האָט ארויסגעשיקט א באפעל צו זיינע שפּיאָנען אין אַלע שטעט פון איטאַליען, זיי זאָלען „נעמען" מאציני׳ן אונטער אַלע אומשטאנדען — טויט אָדער לעבעדיג.

ניט בלויז אין איטאַליען האָט זיך קאוואור באמיט. ער האָט זיינע לאפּעס אויסגעשטרעקט אויך אין אויסלאנד, אויסשפּרייטענדיג די נעץ צו פאנגען דעם פירער פון די איטאַליענישע רעבעלען.

אין אַן אָפיציעלען בריוו דאטירט דעם 8טען יולי 1857, שרייבט קאוואור צו דעם סארדינישען אמבאסאדאָר אין פאריז, גראף וויללאמארינא:

„איך באפעל אייך צו באקומען די מיטווירקונג פון דער פראנצויזישער רעגירונג אונז צו העלפען דורך צושיקען אירע פעאיגסטע אגענטען, וועלכע וועלען קאָנען ארעסטירען מאציני׳ן. זי קאָן רעכענען אויף א גאנץ גרויסע באלוינונג.... ווייל מיר זיינען פעסט אנטשלאָסען צו העלפען פּידמאָנט, איטאַליען, און גאנץ אייראָפּא, פּטור צו ווערען פון דעם דאָזיגען נידערטרעכטיגען רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז געוואָרען א געפאר פאר אונז אַלעמען. — אַן אמת׳ער רויבער הויפּטמאן.

„אויב אונז וועט געלינגען אים איינמאָל ארייננבאַטשען
אין אונזערע הענט, וועט מען אים אָהן צערעמאָניעס אויפ־
הענגען אויפ'ן ערשטען נאָענטסטען לאמטערן־סלופּ....."

אָבער מאַציני האָט זיך אַזוי לייכט ניט געלאָזען פאַנגען. פאַר־שטעלטערהייט, האָט ער זיך איצט אויפגעהאַלטען אין זיין געבורט־שטאָט גענוא, וואו זיין געליבטע מוטער איז מיט פינף יאָר פריער געשטאָרבען.

אין גענוא האָט ער פאַרוויילט פון אָנפאַנג אפּריל ביז ענדע אויגוסט. פאַרשטעלטערהייט, מיט אן אָפּגעגאָלטער באָרד, זיין הוט אראָפּגערוקט איבער זיין וואויל באַקאַנטען הויכען שטערן צו פאַרשטעלען ווי וויט מעגליך זיינע גרויסע ברענענדיגע אויגען, איז זיך מאַציני פראַנק און פריי ארומגעגאַנגען איבער די גאַסען פון שטאָט, די בלוט דורשטיגע שפּיר הינט פון דער רעגירונג האָבען אים ניט געקאָנט ארייננקריגען אין זייערע לאַפּעס.

די אונטערדריקטע, ליידענדע פאָלקס־מאַסען האָבען אים גע־ליבט, און באַטראַכט ווי זייער מלאך פון אויסלייזונג; און דער פּאָ־פּולערער איטאַליענישער דיכטער ד ע ל ־ אָ נ ג א ר אָ, האָט דעם דאָזיגען ליבע־געפיל פון פאָלק צו דעם פון שפּיאָנען פאַרפאָלגטען פרייהייטס אַפּאָסטאָל, אויסגעדריקט אין א באַרימט געוואָרענעם פערז, אין וועלכען ער מאַכט חוזק פון די צערייצטע און אַנטוישטע שפּיאָנען.

דער אינהאַלט פון דעם דאָזיגען פערז איז ווי פאָלגט:

"Chi dice che Mazzini e in Allemagna,
Chi dice ch'e tornato in Inghilterra,
Chi lo pone a Ginevra, e chi in Ispagna,
Chi lo vuol sugli altari, e chi sotterro,
Ditemi up po', grulloni in cappa magna,
Quanti Mazzini c'e sopra la terra?

Se volete saper dov'e Mazzini
Domandatelo all'Alpi e agli Apennini.
Mazzini e in ogni loco ove si trema
Che giugno a traditor, l'ora suprema.
Mazzini e in ogni loco ova si spera
Versare il sangue per l'Italia intera!"

אין אידיש איז עס אומגעפער:

„מען זאָגט, אז מאציני איז אין דייטשלאַנד,
מען זאָגט ער איז ווידער אין ענגלאנד געפאָרען,
די זאָגען, — אין זשענעווא, אנדערע, — אין שפאניען,
פילע פארגעטערען, — אנדערע, ווינשען קורצע יאָרען.
אָבער זאָגט נאָר, איר שוטים אין הויכע עמטער געשטעלט,
וויפיל מאַציניס געפינען זיך אין דער וועלט?
ווילט איר וויסען וואו מאציני'ן צו געפינען
פרעגט זיך נאָך ביי די אלפען און די אפענינען.
מאציני געפינט זיך איבעראל וואו עס טרייסלען זיך
די הערשער
פאר דעם יום הדין, וואָס קומט פאר בוגדים און טיראנען,
מאציני איז אומעטום וואו האָפנונג בליט, און ס'גרייטען
זיך די העלדען
פאר די פרייהייט פון גאנץ איטאליען צו פארגיסען
זייער בלוט!

ניט אנטמוטיגט פון די אלע פארפאָלגונגען, איז דער אומער־מידליכער פרייהייטס קעמפער צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן וואו ער האָט אָנגעפאנגען פובליקירען א נייעם זשורנאל „פענזיער עד אציאָנע" (געדאנקען און טאַט).

דעם פערצענטען יאנואר פון יאָר 1858 איז אין פאריז פאָר־

געקומען דער ניט־געלונגענער אטענטאט פון דעם איטאַליענישען רעוואָלוציאָנער גראַף פ ע ל י ס א ר ס י נ י, וועלכער האָט געוואָרפען א באָמבע אויף קייזער נאַפּאָלעאָן דעם דריטען. דער דאָזיגער פארזוך אויפ'ן לעבען פון דעם פראנצויזישען קייזער איז קיין גרויסע איבערראשונג ניט געווען. די איטאַליענער בכלל האָבען געהאט גענוג אורזאכע פאַר ערביטערונג קעגען נאַפּאָלעאָן, צוליב זיין פּאָליטיק קעגען די איטאַליעניש נאַציאָנאַלע אספיראציעס, און פאַר זיין העלפען אונטערדריקען די רוימישע רעפּובליק.

פעלים אָרסיני'ן צוזאמען מיט זיי'נע צוויי מיטהעלפער האָט מען אויפ'ן אָרט ארעסטירט, און קורץ נאָך דעם, פאַראורטיילט צום טויט. פון זיין צעל אין תפיסה, ווארטענדיג אויף זיין הינריכטונג, האָט אָרסיני געשיקט א בריוו צו לואי־נאַפּאָלעאָן, אין וועלכען ער זאָגט:

„מאַיעסטעט!... כל זמן איטאַליען וועט ניט האָבען איר אומ־אָפּהענגיגקייט, וועט אייראָפּא און אייער מאַיעסטעט ניט וויסען פון קיין רו...”

דעם דרייצענטען מערץ, האָט מען פעלים אָרסיני'ן צוזאמען מיט זיינע חברים, פּיערא און רודיא, הינגעריכטעט. מען האָט אָראָפּגעהאקט זייערע קעפּ אויף דער גיליאָטינע אין פאַריז.

פון יענעם טאָג אָן, איז „נאַפּאָלעאָן דער קליינער”, ווי וויק־טאָר הוגאָ האָט אים אזוי טרעפענד באטיטולט, געבליבען אין שטענדיגען טויט־שרעק פאַר'ן קינזשאַל פון א מעגליכען איטאַליע־נישען אָנגרייפער, וועלכער וועט אויף זיך נעמען די ראָלע פון א גואל הדם פאַר דאָס פארגאָסענע בלוט אין רוים.

אין יולי פון זעלבען יאָר האָט זיך ק א װ ו א ו ר צוזאמענ־געטראָפען מיט'ן פראנצויזישען קייזער, און זיי האָבען געשלאָסען א געהיימען אָפּמאך וועגען פראנצויזישער מיטהילף אין א מלחמה קעגען עסטרייך, מיט'ן צוועק צו באפרייען לאָמבארדיען, און איר

אַנשליסען צו פּ י ד מ אָ נ ט, אונטער דער הערשאַפט פון וויק־טאָר עמאַנואל.

דער דאָזיגער פּלאַן האָט גאַנץ האַרמאָנירט מיט נאַפּאָלעאָנ׳ס אייגענע פּלענער. ראשית האָט ער דורך א מיליטערישען זיג גע־זוכט צו פארשטארקען זיין אָפּגעשוואכטע פּאָפּולאריטעט אין דער היים, און צווייטענס האָט ער דאָ דערזען א געלעגענהייט זיך רייג־צוּוואשען פאר׳ן איטאַליענישען פאָלק און אזוי ארום פארמיידען א צווייטען ארסיני־פאַל. און לואי נאַפּאָלעאָן, וועלכער, ניט האָ־בענדיג דעם ערשטען נאַפּאָלעאָנ׳ס פעאיגקייטען, האָט דאָך גע׳־חלומ׳ט די אייגענע חלומות פון פראנצויזישער וועלט הערשאַפט, האָט פון קאַוואור׳ן געפאָדערט אלס פּרייז פאר דער מיליטערישער מיטהילף — די ערטיילונג צו פראנקרייך פון דער שטאָט נ י צ ע און דעם גאנצען פּראָווינץ ס א ו ו אָ י ע ן.

קאַוואור האָט גאנץ גערן צוגעשטימט. און האָט געהאלטען זיין פארשפּרעכען.

מאַציני האָט זיך אָבער מערקווירדיג שנעל ערקונדיגט וועגען די דאָזיגע פארהאנדלונגען. ער האָט אויך אין פאָראויס געוואוסט, וואָס פאר א באַלוינונג דער פראנצויזישער קייזער וועט פארלאנגען. ניצא איז געוועזען גאַריבאַלדי׳ס געבורטשטאָט, און גאַריבאַלדי האָט קיין מאָל ניט מוחל געוועזען דעם אקט, וועלכער האָט אים פארוואנ־דעלט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אין אן אויסלאנדער אין זיין אייגען לאנד.

מאַציני האָט דעם געפּלאַנטען אַליאַנץ מיט פראנקרייך שטארק פארדאמט..... איך פונקט אזוי פיינדליך געשטימט קעגען נאַפּאָ־לעאָן ווי קעגען עסטרייך, און מיין ציל איז, אויב מעגליך פּטור צו ווערען פוןביידען", האָט ער געשריבען אין אן אָפּענעם בריוו צו וויקטאָר עמאַנואל.

אין דעם דאָזיגען בריוו וואָרענט מאַציני דעם סאַרדינישען

הערשער קעגען דעם פראנצויזישען אוזורפאטאָר, וועלכער איז נאָר אויסען זיינע אייגענע אינטערעסען, און וועלכער וועט, ביי דער ער־שטער בעסטער געלעגענהייט, פארראטען די איטאליענער. מאציני פאָדערט אויף וויקטאָר עמאנואל׳ן ער זאָל זיך שטעלען אָן דער שפיץ פון אן אגרעסיווען קאמף פאר נאציאָנאלע און טעריטאָריעלע איינהייט, פארשפרעכענדיג די פולהארציגע אונטערשטיצונג פון די איטאַליענישע רעפובליקאנער.

וויקטאָר עמאנואל און קאוואור האָבען אָבער איגנאָרירט מאַ־ציני׳ס פראָטעסט. זיי האָבען געשלאָסען דעם מיליטערישען אליאַנץ מיט׳ן פארהאסטען פראנצויזישען אימפעראטאָר, וועלכער האָט זיך באטייליגט אין דער מלחמה קעגען עסטרייך.

די מלחמה האָט זיך אָנגעפאנגען דעם 26טען אפריל, 1859. פיר טעג שפעטער, איז א מעכטיגע פראנצויזישע ארמיי מיט קייזער נאפאָלעאָן אָן דער שפיץ אריין אין ג ע נ ו א. די באפעלקערונג האָט די פראנצויזען עמפפאנגען מיט׳ן גרעסטען ענטוזיאזם און פרייד, און דער מלחמה־פיבער האָט זיך בליץ־שנעל פארשפרייט איבער׳ן גאנצען לאנד. פ א ר מ א, מ א ד ע נ א, און ט אָ ס־ק א נ א האָבען פארטריבען זייער הערשער און זיך ערקלערט גרייט צו אקצעפטירען וויקטאָר עמאנואל אלס זייער קעניג. מאַ־ציני און די רעפובליקאנער, פארבייגענדיג צייטווייליג זייערע איי־גענע פאראורטיילטע, האָבען אונטערשטיצט די מלחמה קעגען דעם אלגעמיינעם שונא עסטרייך. גאריבאלדי האָט אָרגאניזירט די באַ־רימטע אלפען־יעגער און האָט פיל בייגעטראָגען צו דעם זיגרייכען מארש פון די אליאירטע.

די שטעט ק אָ מ א און ו ו א ר ע ז א, האָבען זיך מיט גאַריבאלדי׳ס הילף, באפרייט פון די עסטרייכער. קורץ נאָכדעם איז געקומען די גרויסע שלאכט ביי מ א ד ז ש ע נ ט א. עסטרייך האָט ערליטען איין מפלה נאָך דער צווייטער. דאן איז געקומען די

בלוטיגע עסטרייכישע נידערלאגע אין דער ענטשיידענדער שלאכט פון ס א ל פ ע ר י נ א. (24טען יוני 1859), און די האפענונג אויף שטענדיג פטור צו ווערען פון די פארהאסטע עסטרייכישע טיראנען, האט זיך א הייב געטאן איבער גאנץ איטאליען.

און דא האט פאסירט דאס וואס מאציני האט פאראויסגעזאגט, און פאר וועלכעס ער האט זיך געשראקען. נאפאלעאן האט פאר־ראטען די איטאליענער אין ו ו י ל י פ ר א נ ק א, וואו ער האט זיך פערזענליך געטראפען מיט'ן עסטרייכישען קייזער פ ר א נ ץ־י א ז ע ף. ער האט געשלאסען א פלוצלונגען שלום מיט עסטרייך, לויט וועלכען ו ע נ ע צ י ע איז פארבליבען אונטער עסטרייכי־שען קאנטראל. פארזעצען דעם קריג אהן פראנצויזישער הילף, איז דאן ניט מעגליך געווען. וויקטאר עמאנואל האט געמוזט איינ־וויליגען, און די מלחמה האט זיך געענדיגט.

דער דאזיגער אויסגאנג פון דער מלחמה איז געווען א גרויסע אנטוישונג פאר מאציני, גאריבאלדי און זייערע נאכפאלגער, וועלכע האבען געוואלט זען ווענעציע און די אנדערע אונטעריאכטע פרא־ווינצען פאראייניגט אונטער'ן איטאליענישען פלאג. און איגנארי־רענדיג די „פרידענס אפמאכונגען" צווישען די הערשער, האבען די צוויי גרויסע פרייהייטס קעמפער פארמולירט נייע רעוואלוציאנערע פלענער צו דערגרייכען דעם אלטען ציל פון „יונג איטאליען".

דער ערשטער שריט איז געווען דער רעוואלוציאנערער אויפ־שטאנד אין סיציליען, אנגעפירט פון דעם יונגען סיציליאנער ארעלי־נער ר א ז א ל י נ א פ י ל א, וועלכער האט זיך פריער געהאט באטייליגט אין דעם אומגליקליכען צוג וואס האט זיך געענדיגט מיט דער אויסשלאכטונג פון פיזאקעין מיט זיינע חברים אין סאפרי.

דער אויפשטאנד האט זיך אנגעהויבען אין פ א ל ע ר מ א, אין אפריל 1860. ווען די רעבעלען אונטער פ י ל א'ס אנפירער־שאפט, האבען עראבערט א וויכטיג סטראטעגישע פאזיציע, וועלכע

זיי האָבען גלענצענד, אָבער מיט גרויס פארלוסט, אָנגעהאלטען זעקס וואָכען צייט, ביז וואנען גאריבאלדי מיט זיין בארימטען לעגיאָן איז אָנגעקומען. מאציני איז געהיימערהייט צוריקגעקומען קיין גענוא וואו ער האָט אָרגאניזירט מענשען, און געהאָלפען צו־שטעלען אמוניציע פאר די סיציליאנער.

דעם דאָזיגען לעגיאָן, די היסטאָריש געוואָרענע „ע ק ס־פּ ע ד י צ י ע פ ו ן ד י ט ו י ז ע נ ד" האָט גאריבאלדי אָר־גאניזירט פאר דעם ספּעציעלען צוועק. דאָס זיינען געווען געקליבענע העלדען, געקליידעט אין רויטע העמדער. אין צוויי שיפען האָבען זיי זיך ארויסגעלאָזען קיין סיציליען.

אָבער איידער די דאָזיגע הילף האָט געקאָנט דערגרייכען די בראווע קעמפער, האָבען די סיציליאנער טרופּען געשטורעמט די פּאָזיציע פון די רעבעלען, און דער העלדישער ר אָ ז ע ל י נ א פּ י ל אָ, וועלכער האָט אין דעם דאָזיגען קאמף ערליטען זיין טויט וואונד, איז געשטאָרבען מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפּען ווען מען האָט אים אָנגעזאָגט די נייעס דאָס גאריבאלדי'ס שיפען דערנענטערן זיך צום לאנד ברעג.

אויסמיידענדיג די קריגס שיפען פון סארדיניען וועמעס קאָ־מאנדירען האָבען ערהאלטען א באפעל פון קאוואור'ן צו פארשטע־לען זיין וועג*) האָט גאריבאלדי דעם צוועלפטען מאי געלאנדעט אין מ א ר ס א ל א, וואו די באפעלקערונג האָט אים אויפגע־נומען מיט דעם גרעסטען ענטוזיאזם און זיך מאסענוויז אָנגעשלאָ־סען אונטער זיין באנער.

פון מארסאלא, האָט זיך גאריבאלדי ארויסגעלאָזען אויף דער

---

*) קאוואור'ס כונה איז געווען אַליין ביי דער ערשטער געלעגענהייט צו פאראורזאכען אן אויפשטאנד אין סיציליען, אין די אינטערעסען פון זיין קעניג וויקטאָר עמאנואל.

הויפטשטאָט פּאַלערמאָ. אויפ'ן דריטען טאָג, האָט ער באַגעגענט דעם שונא, וועלכער האָט אויף איס געוואַרט ביי דעם דערפעל קאַלאַטאַפּימיני. דאָ איז פאָרגעקומען אַ פאַרצווייפעלטע שלאַכט, אין וועלכער אויך זיין זון מענאָטי גאַריבאַל־די איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרען. גאַריבאַלדי איז ארויס זיגרייך, און די בורבאָנישע טרופּען האָבען זיך צוריקגעצויגען אויף פּאַלערמאָ. דעם איין־און־דרייסיגסטען מאַי, 1860, איז גאַרי־באַלדי אין גרויס טריאומף אריין אין פּאַלערמאָ.

אין פיר וואָכען צייט, האָט גאַריבאַלדי מיט זיינע „טויזענד" העלדען, באַזיגט אַ גוט באַוואָפענטע אַרמיי פון 24 טויזענד סאָל־דאַטען, און האָט געוואונען פאַר'ן איטאַליענישען פאָלק אַן אינזעל מיט אַ באַפעלקערונג פון צוויי מיליאָן נפשות.

גאַריבאַלדי'ס העראָאישער צוג האָט עלעקטריזירט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. עס האָט ארויסגערופען די גרעסטע באַגייס־טערונג צווישען פרייהייטס ליבענדע מענשען איבעראַל.

אין אַ קורצע צייט אַרום, האָט דער כיטרער קאַוואור (וועל־כער אויף זיין אייגענעם וועג האָט אויך געאַרבייט פאַר נאַציאָנאַלע איינהייט) אויסגעווירקט די פאַראייניגונג פון סיציליען מיט סאַרדי־ניען. און גאַריבאַלדי, וועלכער האָט פון וויקטאָר עמאַנואל'ן אָק־צעפּטירט דעם אַמט און טיטול „דיקטאַטאָר פון סיציליען", האָט זיך אַרויסגעלאָזען מיט זיינע וועטעראַנען העלדען קיין נעאַ־פּאָל, פאַרצוזעצען די אַרבייט, וועלכע ער האָט אַזוי גלענצענד און מיט ערפאָלג דורכגעפירט אין סיציליען.

גאַריבאַלדי האָט געלאַנדעט אין קאַלאַבריאַ, ביי רעד־דזשיאָ. די קאַלאַבריער האָבען איס מיט באַגייסטערונג אויפגענו־מען, און זיך אָנגעשלאָסען אין גרויסער צאָל צו זיין מחנה. מיט זייער הילף, און נאָך אַ שווערען קאַמף, איז גאַריבאַלדי'ן געלונגען צו באַזיגען איין אַרמיי נאָך דער צווייטער פון דעם נעאַפּאָליטאַנער

הערשער. דער בורבאָנישער קעניג זעענדיג ווי זיין ארמיי פון הונדערט טויזענד מאַן ווערט ביסלאַכווייז פאַרניכטעט, איז צוזאַ־מען מיט זיין פאַמיליע און זיינע מיניסטאָרען אַנטלאָפען קיין גאַע־טאַ, און דעם זיבעטען סעפטעמבער, איז גאַריבאַלדי אריין אין דער הויפטשטאָט, וואו די באַפעלקערונג האָט דעם זיגער אויפגענומען מיט פרייד, זינגענדיג די באַרימטע געוואָרענע „גאַריבאַלדי הימנע“. די שטאָט נעאַפעל האָט ער אָפיציעל גענ.מען אין באַזיץ אין נאָמען פון דעם קעניג וויקטאָר עמאַנועאַל, מיט וועמען ער האָט געשלאָסען שלום, און וועמען ער האָט פון איצט אָן געהאָלפען מיט זיין שווערד. די נעאַפאָליטאַנער פלאָטע, וועלכע האָט זיך אונטערגעגע־בען צו אים, האָט ער איבערגעגעבען צו וויקטאָר עמאַנואַל׳ן. אין הארצען איז אָבער גאַריבאַלדי געבליבען דער זעלבער רעפובלי־קאַנער. זיין איבערגעבענהייט צום פאָלק איז ביי אים שטענדיג געשטאַנען העכער ווי זיין לאָיאַליטעט צום קעניג, און ביז זיין טויט אין יאָר 1882, האָט ער מיט זיינע ארויסטרעטונגען, מער ווי איין מאָל, פיל זאָרג פאַרשאַפט דער איטאַליענישער רעגירונג.

מאַציני׳ן האָט די דאָזיגע חבר׳שאַפט פון גאַריבאַלדי׳ן מיט די „מעסינע“ שטאַרק באַאומרואיגט. ער איז גלייך געפאָרען קיין נעאַפעל וואו גאַריבאַלדי האָט אים ברידערליך אויפגענומען. זיי האָבען צוזאַמען אויסגעאַרבייט פלענער פאַר ווייטער אָנגיין מיט׳ן קאַמף פאַר איטאַליענישע איינהייט. מאַציני איז באַשטאַנען אויף אַ זאָפאָרטיגע עקספעדיציע אין די פאַפסטליכע שטאַאַטען און אויף רוים, ארונטערצוזעצען דעם פאַפסט, און אַ סוף מאַכען צו דער פראַנצויזישער אָקופאַציע פון דער אייביגער שטאָט.

לואי־נאַפאָלעאָן האָט זיך אָבער איינגעשפאַרט פאַר איבער־לאָזען דעם פאַפסט רוים, און זיין וועלטליכע הערשאַפט איבער די פאַפסטליכע שטאַאַטען פון צענטראַל איטאַליען. דער פראַנצוי־זישער קייזער האָט באַאיינפלוסט קאַוואור׳ן און וויקטאָר עמאַנואַל׳ן

אויפצוגעבען וועלכע פּלענער זיי האָבען געהאַט אויף רוים און ווענעציע, — און אַזוי ווי גאַריבאַלדי האָט זיך דאַן אונטערוואָרפען צו וויקטאָר עמאַנואל׳ן, זיינען מאַציני׳ס פּלענער צייטווייליג דורכ־געפאַלען.

אַזוי איז פון דעם שטורעם און דראַנג פון די סוף פופציגער און אָנהויב זעכציגער יאָרען, ארויסגעקומען די איטאַליענישע מאָ־נאַרכי און ניט די רעפּובליק פון וועלכע מאַציני האָט געח׳לום׳ט, און פאַר וועלכער ער האָט אַזוי פיל געאָפּפערט און זיין גאַנצען לעבען געקעמפט.

און ווען דער גרעסטער טייל פון איטאַליענישען פאָלק האָט אַקצעפּטירט דעם דאָזיגען פאַקט, האָט מאַציני געשריבען די פאָל־גענדע ווערטער :

„אויך איך האָב געאַרבייט צו דערגרייכען אחדות זאַ־נאַר אונטער אַ מאָנאַרכישען פלאַג ; אָבער דאָס איטאַ־ליענישע פאָלק ווערט היינט צו טאָג פאַרפירט פון אַן איינ־בילדונג, וועלכע צווינגט אים אומצובייטען מאַראַלע איינהייט אויף מאַטעריעלער. אָבער ניט איך. איך בייג מיין קאָפּ אין טרויער פאַר דער סואווערעניטעט פון דעם נאַציאָנאַלען ווילען, אָבער די מאָנאַרכי וועט מיר קיין מאָל ניט האָבען צווישען אירע דינער און נאָכפאָלגער.״

גאַריבאַלדי, ווי מיר האָבען שוין געזען, און באַלד נאָכדעם אויך דניאל מאַנין האָבען שלום געמאַכט מיט דער איטאַליענישער מאָנאַרכי. דזשוזעפּאַ מאַציני איז אָבער ביז זיין לעצטען אָטעמצוג פאַרבליבען אַן אומקאָמפּראָמיסליכער און פּרינציפּיעלער געגנער פון דעם מאָנאַרכיזם.

* * *

דער גרעסטער טייל פון איטאַליען איז ענדליך פאַראייניגט געוואָרען אונטער איין רעגירונג, און דער איטאַליע־

נ י ש ע ר פ אַ ר ל אַ מ ע נ ט. דערוויילט פון פאָלק אין די באַפרייטע שטאַאַטען און פּראָווינצען, האָט זיך דעם זעקסטען פעב־רואַר פון דעם יאָר 1861 פאַרזאַמעלט אין ט ו ר י ן. און דאָרט איז דער סאַרדינישער קעניג וויקטאָר עמאַנואַל דער צווייטער אָפי־ציעל פּראָקלאַמירט געוואָרען אַלס דער ערשטער ק ע נ י ג פ ו ן א י ט אַ ל י ע ן.

און דזשוזעפּא מאַציני, וועלכער האָט אַזוי אומערמידליך גע־קעמפט פאַר איטאַליענישע פרייהייט און איינהייט, האָט זיך איצט צוריקגעקערט אין גלות.

ער איז אוועק אין אויסלאַנד אָנצופאַנגען די צווייטע פאַזע פון זיין איטאַליענישע און אייראָפּעאישע טעטיגקייט, — דיזען מאָל אַלס רעוואָלוציאָנער קעגען דער עטאַבלירטער מאָנאַרכי, און אַלס אַפּאָסטאָל און באַנער טרעגער פון דעם פרייען רעפּובליקאַניזם.

מאַציני איז אַלזאָ געבליבען ווי א „דאָרן אין זייט" צו לואי נאַפּאָלעאָן און צו וויקטאָר עמאַנואַל. דער גרויסער פרייהייטס קעמפער איז געשטאַנען פאַר איטאַליען און פראַנקרייך ווי א דראָענ־דע פיגור. צו וועלכע געמיינהייטעןביידע רעגירונגען האָבען זיך אַרונטערגעלאָזען אין זייערע פּלענער מאַציני'ן אָפּצוראַמען פון וועג, באַווייזט אַם בולט'סטען דער ג ר ע ק אַ פאַל.

אין דעם יאָר 1863 האָבען איינינגע „הויך־געשטעלטע" פּער־זאָנען אין דער פראַנצויזישער און איטאַליענישע רעגירונג, געמיינ־שאַפטליך אויסגעאַרבייט א טייפעלשען פּלאַן, ווי צו קאָמפּראָמע־טירען מאַציני'ן.

לויט דעם דאָזינגען „געניאַלען" פּלאַן, האָט די יונגע איטאַליע־נישע רעגירונג געשיקט קיין שווייצאַריען, (וואו מאַציני האָט זיך צו יענער צייט אויפגעהאַלטען) איינעם פון אירע פּעאינסטע גע־היים־פּאָליציסטען, פּ אַ ס ק ו אַ ל אַ ג ר ע ק אַ, וועלכער איז אין דעם יאָר 1860 געוועזען א פרייוויליגער סאָלדאַט אין גאַרי־באַלדי'ס לעגיאָן.

דער דאָזיגער גרעקא האָט געדאַרפט דורכפירען אַן אונטעררעדונג מיט מאַציני׳ן, און ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט איבערגעגעבען זיין (גרעקא׳ס) פעסטען אנטשלוס צו פאָרען קיין פאריז און דאָרט טויטען דעם קייזער נאפאָלעאָן.

גרעקא איז געקומען קיין לוגאנא, און געזוכט א קאָנפערענץ מיט מאַציני׳ן. אייניגע פריינד האָבען אָבער מאַציני׳ן באצייטענס געוואָרענט, און ער האָט זיך אנטזאגט אויפצונעמען דעם שפּיאָן.

גרעקא איז באלד אָפּגעפאָרען קיין פאריז, וואו מען האָט אים, לויט׳ן פּלאַן, גלייך ארעסטירט, ביים פאָליציי פארהער האָט ער זיך „מודה געווען״, אז מאַציני האָט אים געשיקט קיין פאריז צו טויטען נאפּאָלעאָן דעם דריטען.

דאָס איז אַלץ וואָס די פראנצויזישע רעגירונג האָט געוואָלט. זיך שטיצענדיג אויף דער דאָזיגער פאלשער באשולדיגונג, האָט זי זיך געווענדעט צו דער ענגלישער רעגירונג זי זאָל איר אויסליפערען מאַציני׳ן, וועלכער האָט זיך אונטערדעסען צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן.

אָבער דיזען מאָל האָט די ענגלישע רעגירונג געהאנדעלט מיט מער יושר ווי אין דעם יאָר 1844.

אין לויף פון דער דיסקוסיע אין פארלאמענט, וועלכען די פראנצויזישע פאָדערונג האָט ארויסגערופען, האָט דער דאמאָלסדיגער ענגלישער פרעמיער מיניסטער **לאָרד ראָסעל** געמאכט די פאָלגענדע ערקלערונג:

„די פראנצויזישע רעגירונג באהויפּטעט, דאָס מאַציני האָט אָנגעשטעלט גרעקא׳ן צו טויטען דעם קייזער. אָבער מאַציני באהויפּטעט גאָר אין געגענטייל, אז גרעקא איז אָנגעשטעלט געוואָרען פון די ביידע רעגירונגען אים צו קאָמפּראָמעטירען. **צווישען די דאָזיגע צוויי אנטקעגענגעזעצטע באהויפּטונגען**

א י ז ד ע ר א ו י ס ו ו אַ ל פ אַ ר א ו נ ז ק ל אָ ר.
אָ ן ש ו ם ס פ ק ג ל ו י ב ע ן מ י ר מ אַ צ י נ י'ן".

* * *

מיט דעם גרעסטען אינטערעס, האָט דזשוזעפּאַ מאַציני צו יענער צייט נאָכגעפאָלגט דעם גרויסען און בלוטיגען בירגער־קריג, וועלכער איז דאַמאָלסט אָנגעגאַנגען אין צ פ ו ן ־ אַ מ ע ר י ק אַ, צווישען די נאָרדליכע און זידליכע שטאַאַטען, פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער נעגער שקלאַפעריי.

ער איז געווען אַ וואַרימער אָנהייִנגער פון דער אַ ב אָ ל י ־ צ י אָ נ ס*) באַוועגונג, און האָט אונטערשטיצט דעם לאָנדאָנער „ע מ אַ נ ס י פּ י י ש אָ ן ק אָ מ י ט ע", וועלכער האָט געזוכט צו געווינען די סימפּאַטי פון די ענגלישע פאָלקס מאַסען פאַר דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט אַ י י ב ר אַ ה אַ ם ל י נ ק אָ ל ן (1809—1865) אין דער מלחמה, וועלכע ער האָט אָנגעפירט צו באַפרייען די נעגער.

ווי וויכטיג און נויטיג עס איז געווען די אויפקלערונג'ס אַר־בייט פון דעם דאָזיגען קאָמיטעט, דינט דער פאַקט, דאָס די ענגלישע רעגירונג ווי אויך פילע פון די פּראָמינענטסטע פּאָליטישע וואָרט־פירער מיט ו ו י ל י אַ ם ג ל אַ ד ס ט אָ ן בראַש, האָבען אָפען סימפּאַטיזירט מיט די זידליכע שטאַאַטען. זיי האָבען געוואָלט אַנערקענען די „קאָנפעדעריט סטייטס" ווי אַן אומאָפּהענגיגע מדינה.

איינינגע פון די דאָזיגע שטאַאַטסלייט האָבען אויך געזוכט צו געווינען פּאָליטישען קאַפּיטאַל, אין דער ערנסטער סיטואַציע פון

---

*) אַזוי האָט מען אָנגערופען די באַוועגונג אָפּצושאַפען נעגער שקלאַפעריי. „אַבאָליש" איז דער ענגלישער וואָרט פאַר „אָפּשאַפען".

עקאָנאָמישע ליידען, וואָס האָט זיך געלאָזט פילען צווישען די ענג־לישע וועבער אין לענקעשיער.

צוליב דער נאָרדליכער בלאָקאדע פון די זידליכע פּאָרטען, האָט מען פון אמעריקא ניט געקאנט אימפּאָרטירען דעם נויטיגען „קאטאן״, (באוועל) און די וועב־פאבריקען האָבען זיך געמוזט פארמאכען.

די ליידענדע „טעקסטיל״ ארבייטער פון ענגלאנד, האָבען זיך אָבער ניט געלאָזט פארפירען פון די קאפּיטאליסטישע פּאָליטיקער. דורך ריזיגע מאסענפארזאמלונגען האָבען זיי אָפען דעמאָנסטרירט דעם פאקט דאָס די באפרייאונג פון א פארשקלאפטער אין קייטען געשמידטער ראסע, באטראכטען זיי וויכטיגער ווי זייערע אייגענע צייטווייליגע פערזענליכע עקאָנאָמישע ליידען.

דער באוואוסטזיין, דאָס ער האָט הינטער זיך די מאָראלע אונטערשטיצונג און די ברכות פון די ארבייטער, סאָציאליסטישע און רעפּובליקאנער קרייזען אין אייראָפּא, ווי עס איז אויסגעדריקט געוואָרען אין א „ספּעציעלען אדרעס פון דעם ערשטען סאָציאליס־טישען „אינטערנאציאָנאל״ וואָס ק א ר ל מ א ר ק ס האָט צוגעשיקט צום באפרייער־פּרעזידענט אין ו ו א ש י נ ג ט אָ ן, איז פאר אייבראהאם לינקאָלן געווען א גרויסע ערמוטיגונג אין די דונקעלסטע מאָמענטען פונ׳ם בירגער־קריג, ווען די „קאָנפעדעריר־טע״ האָבען געוואונען איניגע מיליטערישע נצחונות, און ווען אין דער „נאָרד״ גופא, האָבען זיך געהערט פאָדערונגען פאר א קאָמ־פּראָמיס מיט דער „סאוט״.

דזשוזעפּא מאַציני האָט געוואָלט, דאָס אמעריקא זאָל אנטייל נעמען אין וועלט פּאָליטיק, און העלפען אין דער אויפבוי פון א בעסערע וועלט אָרדנונג, אויף די יסודות פון פ ר י י ע ר נ אַ־צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט, סאָציאלע גערעכטיגקייט און די ר ע־

פ ו ב ל י ק אַ נ י ש ע פּרינציפּען אויף וועלכע עס באזירען די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

צו זיין אמעריקאנעם פריינד וו י ל י א ם ל אַ י ד ג אַ־ ר י ס אָ ן (1805—1879), דער אומבויגזאמער פּאַרקעמפּער קעגען נעגער שקלאַפעריי, רעדאקטאָר פון דעם בארימטען „ליבערייטאָר" אין באָסטאָן, וועלכער האָט אים באזוכט אין לאָנדאָן, האָט מאציני געזאָגט: „איר, אמעריקאנער זייט געוואָרען א גרויסע פירענדע נאציאָן. ווי אזא דאַרפט איר האנדלען. אין דער גרויסער מלחמה, וועלכע ווערט אָנגעפירט איבער דער גאנצער וועלט, — די מלחמה צווישען גערעכטיגקייט און אומגערעכטיגקייט, גלייכהייט און פּרי־ווילעגיע, פליכט און עגאָאיזם, רעפּובליק און מאָנארכיע, אמת און שקר, גאָט און אָפּגעטער, — איז אייער פליכט קלאָר אָנגעצייכענט. איר מוזט זי אָקצעפּטירען".

מאַציני'ס וואונש און האָפנונג האָט, מיט א האלבען יאָרהונ־דערט שפּעטער, געפונען אָן אָפּקלאַנג אין דעם אידעאליזם פון דעם אמעריקאנעם פּרעזידענט וו א ו ד ר אָ ו וו י ל ס אָ ן (1856 — 1924), און אין די מאָטיווען פאר אמעריקא'ס אנטיילנעמען אין דער גרויסער וועלט מלחמה.

די מערקווירדיגע פאָלקס מאַניפעסטאַציעס, די ארבייטער און סאָציאליסטישע דעפּוטאציעס, וועלכע האָבען באגריסט דעם פּרעזי־דענט ווילסאָן אויף די גאסען פון ל אָ נ ד אָ ן, פּ א ר י ז, ר ו י ם און ג ע נ ו א, וואוהין ער איז געקומען לייגען א קראַנץ בלומען אויף מאַציני'ס קבר, האָט געוויזען דער גאנצער וועלט, אז מאַציני'ס גייסט האָט דורכגעדרונגען די מאסען, און אז מען האָט ערווארטעט און געהאָפט, דאָס דער אמעריקאנער פּרעזידענט, וועל־כער האָט אויף זיך גענומען די ראָלע פון מאָראלישען וועלט פירער, וועט פאַרזעצען און ברייננגען צו א זיג־רייכען שלום, דזשוזעפּא מאַציני'ס אר־

ביים פאר אוניווערסאלע פעלקער באפרייאונג און פארברידערונג. *)

די אימפעריאליסטישע וועלט הערשער האבען אבער א שנעלען סוף געמאכט צו די דאזיגע האפנונגען. די פארפעסטעטע לופט פון ווערסייל האט איבערוועלטיגט וואודראו ווילסאנ'ס אידעאליסטישע פלענער.

אבער דער געגענווארטיגער אייראפעאישער כאאס, וועלכען דער „פרידען" פון ווערסייל האט געהאלפען ברייגנען, איז אין גאנצען אויסערהאלב די ראמען פון דעם איצטיגען בוך. איין זאך איז אבער גאנץ קלאר, און דאס איז, — אז דער גרויסער קאמף פון וועלכען מאציני רעדט, דער קאמף צווישען גערעכטיגקייט און אומגערעכטיגקייט, אמת און שקר, גלייכהייט און פריווילעגיע דארף ערשט אויסגעפאכטען ווערען, אין אייראפא, אין אמעריקא, און איבער דער גאנצער וועלט.

מאציני'ן האט אויך באאומרואיגט דער פארזוך פון נאפאלעאן דעם דריטען אויפצושטעלען א אייראפעאישע מאנארכי אין מעקסיקא.

אין דעם יאר 1865, קורץ פאר דער ערמארדונג פון פרעזידענט לינקאלן, האט דזשוזעפא מאציני צוזאמען מיט לעדרו־ראלין און קארל בלינד אנגעשריבען א בריוו צו דעם פרעזידענט, אין וועלכען זיי האבען געצויגען זיין אויפמערקזאמקייט אויף דער גרויסער געפאר צו אמעריקאנער דעמאקראטי, וואס ליגט אין א נאפאלעאנישער מאנארכי בשכנות מיט דער גרויסער אמעריקאנער רעפובליק. זיי רעקאמענדירען אין זייער בריוו, אז אמעריקא זאל זיך פאראייניגען מיט די רעוואלוציאנערע עלעמענטען אין אייראפא, און העלפען צונישט מאכען די פלענער פון דעם פראנצויזי־

*) אין צוזאמענהאנג זעט אויך דעם נאטיץ אויף זייט......

שען אימפּעראַטאָר, וועלכע זיינען אַ געפאַר פאַר דעם פרידען און דער פרייהייט פון דער וועלט.

זייער פאַרגעשלאָגענער פלאַן צו שטירצען דעם וועלט אימ־פּעריאַליזם פון יענער צייט, איז געווען, — די פאַראייניגטע שטאַאטען זאָלען זיך אריינמישען אין מעקסיקאָ און העלפען דעם מעקסיקאַנער פאָלק פּטור ווערען פון מ אַ ק ס י מ י ל י אַ נ׳ ס הערשאַפט; און אין דער זעלבער צייט וועלען די רעפּובליקאַנער אין איירָאָפּא, בפרט אין פראַנקרייך און אין איטאַליען, זיך ערהויבען אין רעוואָלט.

פּרעזידענט לינקאָלן איז געווען פריינדליך געשטימט צו דעם דאָזיגען פּראָיעקט. אָבער אין איניגע וואָכען נאָך דער ערהאַלטונג פון דעם אויבען־דערמאָנטען בריוו, האָט מען אים דערשאָסען.

אויב דער באַפרייער פון די נעגער שקלאַפען, ד י ל י ב־ ט י נ ס ט ע פּ ע ר ז ע נ ל י כ ק י י ט, וואָס אַ מ ע ר י ק אַ ה אָ ט ב י ז א י צ ט א ר ו י ס ג ע ב ר אַ כ ט, האָט געהאַט פּלענער פאַר אַקציאָן אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג, האָט ער זיי מיטגענומען מיט זיך אין קבר.

זעקסטער קאַפּיטעל

(1865—1872)

מאַציני ווערט ערווילט צום איטאַליעַנישען פּארלאמענט. — ער אַנט־זאָגט זיך צו נעמען די שבועה. — זיין טויט אורטייל ווערט בטל, אָבער מאַציני וואַרפט צוריק די אַמנעסטי. — צוריק אין דער שווייץ. — מאַציני'ס נייע אויסווייזונג און מיכאַאיל באַ־קונין'ס פּראָטעסט. — די שלאַכטען פון סעדאַן און דער סוף פון דער פראַנצויזישער אָקופּאַציע. — אויף דאָס ניי אין איטאַליען וואו ער ווערט אַרעסטירט. — אין לאָנדאָן. — צוריק אין איטאַליען. — מאַציני'ס לעצטע קראַנקהייט און טויט.

ווי שוין פריער פארצייכענט, איז דזשוזעפּא מאציני צו דער דאָזיגער צייט, געשטאַנען אונטער צ ו ו י י טויט־אורטיילען. איינעם, פון יאָר 1833 אין די פּאפּסטליכע שטאאטען, און דעם צווייטען, פון דעם יאָר 1857, אין קעניגרייך פון איטאליען.

אין יאָר 1865, אלס פּראָטעסט קעגען די דאָזיגע ניט צוריק־גערופענע טויט אורטיילען, וועלכע זיינען נאָך געהאנגען איבערן קאָפּ פון דעם גרויסען רעוואָלוציאָנער, האָט אים דאָס פאָלק אין דער שטאָט מ ע ס י נ אַ, דערווילט אלס דעפּוטאט צו דעם איטאַליענישען פּארלאמענט אין טורין.

מאציני האָט אָבער געפילט, אז ער קאָן געוויסענהאפט ניט נעמען די אָפיציעלע דעפּוטאטען־שבועה „טריי צו זיין דער מאָ־נארכיע", און צוליב דער דאָזיגער אורזאכע האָט ער זיין פּלאַץ אין פּארלאמענט קיין איין מאָל ניט פארנומען.

שפעטער האָט אים דאָס פאָלק מיט איבערוויגענדע מאַיאָרי־טעטען, איינינגע מאָל ווידער אויסגעקליבען אלס דעפּוטאט צום פּארלאמענט. אָבער יעדען מאָל האָט די דאָרטיגע מאָנארכיסטישע מאַיאָריטעט גע'פּסל'ט דעם מאנדאַט פון דעם רעפּובליקאנישען באַ־נער־טרעגער.

אין לויף פון דעם גרעסטען טייל פון דעם ווינטער 1865—1866 איז מאַציני געלעגען ערענסט קראנק אין בעט, אין זיין אָרימען לאָנדאָנעם קוואַרטיר. מיט'ן אָנקומען פון דעם פרילינג האָט זיך זיין פיזישער צושטאנד באדייטענד פארבעסערט. אָבער אין גאַנ־צען געזונד איז ער שוין מער ניט געוואָרען. און אין לויף פון די איבערגעבליבענע זיבען יאָר פון זיין לעבען, האָבען אטאקעס פון קראנקהייט, באגלייט פון גרויסע פיזישע יסורים, אָפטמאָל ביינע־קומען זיין אָפּגעשוואַכטען קערפּער, און האָבען דעם אומערמידלי־כען פרייהייטס קעמפער איינינגע מאָל געבראַכט אינ'ם שאָטען פון טויט.

צו יענער צייט זיינען די דיפּלאָמאַטישע באציאונגען צווישען פּרייסען און עסטרייך געוואָרען אָנגעשטריינגט איבער דער פראגע פון שלעזוויג־האָלשטיין און לאַרענבורג. קריג האָט אויסגעזען אומפארמיידליך. און ב י ס מ א ר ק האָט געזוכט צו געווינען אַלעאירטע, ווי אויך צו פארזיכערען די נייטראַליטעט פון פראנק־רייך. דער איטאַליענישער פּרעמיער מיניסטער גענעראַל ל א מ א ר מ אָ ר א, (קאַוואור) איז פּלוצלונג געשטאָרבען אין יאָר 1861), וועלכער האָט אָן ערפאָלג פּרובירט אָפּגעקויפען ווע־נעציע פון עסטרייך פאר דער סומע פון א הונדערט מיליאָן לירע, האָט איצט דערזען א געלעגענהייט צו נעמען מיט וואָפען דאָס, וואָס געלט האָט ניט געקאָנט אָפּקויפען.

לאַ מארמאָראַ האָט דאריבער געשלאָסען אַן אָפענסיווען און בעפענסיווען אָפּמאַך צווישען איטאַליען און פּרייסען. אין דער

מלחמה קעגען עסטרייך. דער דאָזיגער אָפּמאַך האָט ווי עס שיינט אויך געהאַט די צושטימונג פון לואי־נאַפּאָלעאָן.

א פריוואַט בריוו פון יענער צייט (צום ערשטען מאָל פאַר־עפענטליכט אין יאָר 1912) דאַטירט דעם צוועלפטען מאַי 1866, וואָס מאַציני האָט געשריבען אין לאָנדאָן צו איינע פון זיינע ענג־לישע פריינד, *) ווארפט ליכט אויף זיין שטעלונג צו דער דאַמאָלס־דיגער מלחמה, וועלכע האָט אויך באַנייט דעם עסטרייך־איטאַליענישען קריג. דער דאָזיגער בריוו גיט אונז אויך אַן אריינבליק אין מאַציני׳ס פערזענליכע, גייסטיגע און פי־זישע ליידען אין דער דאָזיגער צייט.

„... איך לייד נאָכאַנאַנד, לעצטענס, פון ניוראַלגישע גאַסטריטיס, לאַמבאַגאַ, און פון א היבש ביסעל אַנדערע קראַנקהייטען. איך פיל זיך שוואַך און אויסגעמאַטערט, און בין אין ספק אויב דער פרילינג וועט בכח זיין מיר צו העלפען. דאָך איז מיין קאָפּ דערוויילע געזונד, און די פראַגע פאַר מיר איז ניט, ווי לאַנג צו לעבען, נאָר ווי אַזוי אַם בעסטען אויס־נוצען דעם לעבען, כל זמן מיר האָבען עס נאָך. מיר געפינען זיך אויפ׳ן שוועל פון א גרויסען קריזיס; אויב עס וואָלט געווען בלויז א מלחמה קריזיס, וואָלטען מיר, פיל איך, ארויס בשלום און אין טריאומף; די געפאַר ליגט אָבער אין אונ־זער אליאַנץ מיט ביסמאַרק און מיט לואי־נאַפּאָלעאָן: דער ערשטער איז שענדליך און אין געגענזאַץ צו אַלע אונזערע נאַטירליכע נאַציאָנאַלע טענדענצען. די צווייטע, שענדליך און געפערליך ביז צום העכסטען גראַד. לואי נאַפּאָלעאָן שטרעבט ניט בלויז צו א נייע טעריטאָריעלע קאָנצעסיע —

Letter to Mrs. Hamilton King.

(See "Letters and Recollections of Mazzini" by Mrs. Hamilton King. London, 1912. זייט 48.

סארדיניען, — נאָר צו זיין אלטען פּלאַן, א פּעדעראַטיווע איטאַליען. זיין געדאַנק איז געפּאסט, דאָס מען זאָל א טייל פון דער מארשע־געגענד אָפּגעבען צום פּאפּסט. און נעאַפּעל זאָל מען איבערגעבען צו דעם הערשער פון טאָסקאַנאַ.

„נו, די אָנפירונג פון אונזער מלחמה וועט ווארשיינליך זיין צרה'דיג; מיר וועלען מן הסתם אטאקירען דעם קוואַ־דרילאַטעראַל, ליידען א מפּלה, און דערנאָך וועט פראַנקרייך אונז צו הילף קומען און אונז באַשיצען; און איך ציטער פאר די רעזולטאַטען.*) פונדעסטוועגען מוזען מיר מיט אלע אונזערע קרעפטען אונטערשטיצען די מלחמה און האנדלען לויט די אומשטאַנדען, אויב די דאָזיגע מעגליכקייטען וועלען זיך רעאַליזירען.

„מיר זיינען פריי פון אירגענד וועלכע אָפּמאַכען, און געהייליגט בלויז צו איטאַליען און צו גערעכטיגקייט; און

*) אזוי האָט זיך טאַקע אויסגעלאָזען. די אונקאָמפּעטענץ פון דער אָנפירערשאַפט פון דער איטאַליענישער קעניגליכער ארמיי, וועלכע האָט געהינדערט די באַוועגונגען פון גאַריבאַלדי'ס זיגרייכע פריייוויליגע, אינ'ם טיראָלער געגענד, האָט געפירט צו די גרויסע איטאַליענישע ני־דערלאַגעם ביי ל י ס אַ, און דעם 24־טען יוני, ביי ק ו ס ט אָ צ א. ניט קוקענדיג אויף די דאָזיגע נצחנות איבער די איטאַליענער האָט אָבער עסטרייך פארשפּילט די מלחמה מיט פּרויסען. נאָך דער מפּלה ביי ס אַ ד אָ ו ו א, האָט זיך עסטרייך אונטערגעגעבען, און לויט דעם פרי־דענס אָפּמאַך, איז זי געצוואונגען געווען אָפּצוגעבען ו ו ע נ ע צ י ע צו איטאַליען. די גאַנצע עסטרייך־פּרויסישע מלחמה האָט געדויערט בלויז זיבען וואָכען צייט. אין די קעמפע מיט די איטאַליענער האָט עסטרייך באַשעפטיגט ארום אַכציג טויזענד סאָלדאַטען, און אויף אזוי פיל אָפּגעשוואַכט איר פּרויסישען פראָנט.

ס'איז דאָ אַן אויפנאַבע, וועלכע גאָט האָט אסיגנירט צו אי־טאַליען; — צו העלפען נאַציאָנאַליטעט, און פון רוים פּראָ־קלאַמירען פרייהייט פאַר דער גאַנצער וועלט"*).

נאָך דעם שלום פון דער מלחמה אין יאָר 1866, איז ווענעציע פאַראייניגט געוואָרען מיט די אנדערע פּראָווינצען פון לאַנד, און דער טרוים פון א פאַראייניגטער איטאַ־ליען**) איז מקוים געוואָרען.

ביי דער דאַזיגער פייערליכער געלעגענהייט האָט מען פּראָקלאַ־מירט אַן אַלגעמיינע אַמנעסטי. און אויך די טויט־אורטיילען קעגען דזשוזעפּע מאַציני זיינען אין גאַנצען בטל געוואָרען.

דער עדעלער, פאַרפאָלגטער פרייהייטס אַפּאָסטאָל האָט זיך אָבער אנטזאָגט אָנצונעמען דאָס, וואָס ער האָט מיט ביטערע איראָ־ניע אָנגערופען „אַן אָנבאָט פון פאַרגעסען און פאַרגעבונג פאַר האָ־בען געליבט איטאַליען העכער פון אַלץ אין דער וועלט".

אין הערבסט פון דעם פאָלגענדען יאָר, (1867) האָט דער אומ־רואיגער גאַריבאַלדי געמאַכט אַן אומאָפּהענגיגען און פאַר־צווייפעלטען פאַרזוך ארויסצורייסען די שטאָט רוים פון פּאַפּסטליך־פראַנצויזישען קאָנטראָל.

מאַציני האָט זיך אין דער דאָזיגער אַקציע ניט געקאָנט באַטיי־ליגען, ווייל א נייער אָנפאַל פון קראַנקהייט האָט אים געהאַלטען געשמידט אין ענגלאַנד.

---

*) אין צוזאַמענהאַנג מיט דיזען געדאַנק, זעט דעם נאָטיץ אויף זייט 238 וועגען דעם קאָנגרעס פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטע־טען אין רוים אין דעם יאָר 1918.

**) מיט דער איינציגער אויסנאַמע פון רוים און די אַרומיגע פּראָ־ווינצען איבער וועלכער דער פּאַפּסט האָט נאָך רעגירט.

מיט א מחנה פון פופצען טויזענד אומבוינזאמע נאָכפאָל־גער, האָט זיך גאַריבאַלדי, וועלכער איז אַנטלאָפען פון זיין פעלזען־היים אין קאַפּרערא, ארויסגעלאָזען אויף רוים. ניט קוקענדיג אויף מאנגעל אין אַמוניציע און אויף די אומפעאיגקייט פון זיינע אָפּי־צערען, האָט ער באוויזען נאָך א ביטערען קאַמף צו באזיגען די פּאַפּסטליכע סאָלדאטען, און דעם 26טען אָקטאָבער, נאָך א צוויי־טאָגיגער שלאַכט, האָט ער אין באזיץ גענומען דעם סטראטעגען פּונקט מאָנטא ראָנדא.

די פּאַפּסטליכע ארמיי האָט זיך צוריקגעצויגען קיין רוים, און גאַריבאַלדי איז זיגרייך פאַראויסגעגאנגען. ער האָט איינגענו־מען וויטערבא און וועלעטרי, און איז שוין געקומען נאָענט צו רוים.

אָבער ביי מענטאַנא, האָבען א מחנה פון פרוי־שע פראנצויזישע טרופּען (וועלכע לואי־נאַפּאָלעאָן האָט צוגעשיקט צו פארשטארקען דעם פראנצויזישען קאָמאנדיר אין רוים) צוגע־גרייט א פאסטקע פאר גאַריבאַלדי׳ן. אין דער דאָזיגער פּאסטקע איז גאַריבאַלדי אריין מיט זיין ארמיי. דאָ, איז דעם דריטען נאָ־וועמבער, 1867, פאָרגעקומען דער אנטשיידענדער קאַמף. די „גאַ־ריבאַלדיני" האָבען ערליטען א בלוטיגע נידערלאגע מיט א גרוים פארלוסט אין מענשען לעבענס. גאַריבאַלדי, וועלכער האָט אויך ערליטען אן ערנסטע וואונד, איז פון דער איטאליענישער רעגירונג ארעסטירט געוואָרען. מען האָט אים א קורצע צייט געהאלטען גע־פאנגען אין דער פעסטונג פון וואַריגנאַנא, און דערנאָך אים פאר־שיקט צוריק אויף זיין אייגענעם פעלז־אינזעל קאַפּרערא.

דער דאָזיגער דורכפאַל האָט אויף א וויל געראטעוועט דעם פּאַפּסטליכען טראָן.

אזוי שנעל ווי ער האָט געקאָנט פאָרען, איז דזשוזעפּא מאַצי־ני, אוועק קיין טיסינא, אין דער שווייץ. דאָרט האָט ער געהאָפט

צו געפינען אביסעל רוה, און אפשר די ערהאָלונג אין וועלכע זיין קראנקער, אויסגעמאטערטער קערפער האָט זיך אזוי פיל גענויטיגט. אים איז אָבער אויך דעם דאָזיגען מאָל, קיין לענגערע רו ניט באַשערט געווען.

אין מאי פון דעם יאָר 1869, א ו י ף ד ע ר א ו י פ ־ פ אָ ד ע ר ו נ ג פ ו ן ד ע ר א י ט אַ ל י ע נ י ש ע ר ר ע ־ ג י ר ו נ ג, און אויף דער באשולדיגונג, דאָס ער האָט „צוזאמען מיט גאריבאלדיין געפלאנט נייע פארשווערונגען קעגען איטאליען", — האָט די דעמאָקראטישע שווייצארישע ר ע פ ו ב ל י ק פון איר לאנד ארויסגעטריבען דעם אלטען טויט־קראנקען אפאסטאל פון פרייהייט, דעם באנער־טרעגער פון דעם רעפּובליקאניזם.

קעגען דער דאָזיגער נייעסטער און לעצטער אויסווייזונג פון דזשוזעפּא מאציני, האָט שארף פּראָטעסטירט דער בארימטער רוסישער רעוואָלוציאָנער און אנארכיסט מ י כ אַ א י ל ב אַ ק ו ־ נ י ן, אין זיין גלענצענדער שריפט „ די בערען אין דער שטאָט בערן און דער בער אין פעטערבורג". *) ווי פאָלגט:

„די אויסווייזונג פון דעם גרויסען איטאליענישען

*) די דאָזיגע שריפט האָט באקונין פארעפענטליכט הויפטזעכליך אלס פּראָטעסט קעגען דער אויסליפערונג צו דער צאריסטישער רוסלאַנד. פון דעם רוסישען רעוואָלוציאָנער נ ע ט ש א י ע ו.

עס וועט אפשר אינטערעסאַנט זיין דאָ צו פארצייכענען דעם פאַקט, דאָס מיט זעכצען יאָר פריער, אין 1853, האָט זיך אין דער דייטשער פרעסע באוויזען ווידערהאָלונגען פון דעם אלטען געמיינעם בלבול, דאָס באַקונין איז אן אַגענט פון דער צארישער רעגירונג. דזשוזעפּא מאציני און אלעקסאַנדער הערצען זיינען דאן ארויס מיט אַ ווארימע פארטיידיגונג פון דעם גרויסען רוסישען רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז צו יענער צייט געלעגען אַ געשמידעטער איינגעשלאסען אין שליסעלבורגער פעסטונג.

פאטריאָט מאַציני, וועלכער האָט זיך פאַרזינדיגט דערמיט, וואָס ער האָט באַשאַפען איטאַליען, און וועלכע האָט געוויד־מעט זיין גאַנצען לעבען, העכער פון פערציג יאָר אומער־מידליכע אַקטיוויטעט אין דינסט פון דער מענשהייט. — דיזע אויסווייזונג באַדייטעט די אַרויסטרייבען פון דעם גייסט פון פרייהייט זעלבסט פון דער שווייצארישער רעפובליק. דאָס הייסט אומשטירצען די עהרע פון פאָטערלאַנד" *)

נאָך דער דאָזיגער ברוטאַלער אויסווייזונג פון דער שווייץ, איז מאַציני אַוועק צוריק קיין לאָנדאָן. אין ענגלאַנד האָט ער פאַרווײַלט בלויז אייניגע חדשים, און איז דערנאָך, פאַרשטעלטערהייט, ווידער אַוועק קיין איטאַליען, וואו ער האָט זיך אויף דאָס ניי אַריינגעוואָר־פען אין קאַמף.

דאָס איז געווען אין אָנפאַנג פון יאָר 1870, ווען די רעפובלי־קאַנער פון פ א ל ע ר מ א האָבען אים איינגעלאַדען, אָנצופירען א פאָרזיכטיג געפּלאַנטען רעוואָלוציאָנערען אויפשטאַנד אין סי־ציליען.

* * *

דער סוף פון דער וועלטליכער הערשאַפט פון פאַפּסט, די ענדע פון יענער פינסטערער ממשלה, וועמעס טויט־אורטייל, מאַציני און גאַריבאַלדי האָבען — מיט איין און צוואַנציג יאָר פריער, פּראָקלאַ־מירט אין רוים ביי דער גרינדונג פון דער קורץ־געלעבטער רעפּוב־ליק, — איז ענדליך געקומען אין דעם זעלבען יאָר 1870, אלס איינע פון די פאָלגען פון דער פ ר א נ צ ו י ז י ש ־ ד י י ט ש ע ר מ ל ח מ ה.

צוויי וואָכען נאָך דער אַנטשיידענדער שלאַכט ביי ס ע ד א ן, וואו דער געשלאָגענער נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט זיך אונטער־

---

*) זעט באַקונינ׳ס געזאַמעלטע ווערק. פראַנצויזישע אויסגאַבע באַנד 2. זייט 14.

געגעבען צו ב י ס מ א ר ק ׳ ן, — דעם צוואנציגסטען סעפטעמבער 1870, — איז די שטאָט ר ו י ם ענדליך עוואקואירט געוואָרען פון די פראנצויזישע סאָלדאטען, וועלכע האָבען העכער צוואנציג יאָר, מיט׳ן כח פון זייערע באיאָנעטען, באשיצט און אויפגעהאלטען דעם פאפסטליכען טראָן.

די וועלטליכע הערשאפט פון פאפסט איז אלזא געווען טויט; די פראנצויזישע אונטערשטיצער זיינע זיינען אוועק פון רוים; און די איטאַליענישע מאָנארכי האָט נאָך ניט צייט געהאט אין איר באַזיץ נעמען די אייבינע שטאָט; — האָט זיך דאָ פאר מאציני׳ן אויפגעשיינט די געזוכטע געלעגענהייט צו פארווירקליכען זיין לעבענסטרוים, — ד י ו ו י ד ע ר ע ט א ב ל י ר ו נ ג פ ו ן ד ע ר ר ו י מ י ש ע ר ר ע פ ו ב ל י ק!

און ניט קוקענדיג אויפ׳ן פאקט, דאָס ער איז צו דער דאָזיגער צייט שוין געווען פיזיש אָפּגעשוואכט פון עלטער, שווערע קראנקהייט, און פון א לעבען פון אומאויפהערליכען קאמף און פארפאָלגונג, — נעמט דזשוזעפא מאציני צונויף זיינע לעצטע כחות, און מאכט זיין לעצטען העראָאישען צוג!

אָבער א „פריינד״ אין ווענען ער האָט אָנפארטרויט האָט אים פארראַטען.....

ווען די שיף „פלאָריא״ מיט וועלכער מאציני איז ארויסגעפאָרען פון נעאפעל קיין רוים, איז דעם פערצענטען אויגוסט אָנגעקומען אין פאלערמא, איז מאציני ארעסטירט געוואָרען אויף דעם באפעל פון גענעראל מ ע ד י ס י, א געוועזענער רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז צו דער דאָזיגער צייט געווען דער מיליטערישער גובערנאטאָר פון פאלערמא.

די זעלבע שיף האָט דעם אלטען פרייהייטס קעמפער געבראכט קיין ג א ע ט א. די שטאָט אין וועלכע דער פאפסט האָט געפונען שוץ אין יאָר 1849 ווען מאציני׳ס רעפובליק האָט טריאומפירט אין רוים.



דזשוזעפּא מאַציני
(1870)

אין גאעטא האָט מען מאציני׳ן פאַרשפּאַרט אין פעסטונג, וואו ער האָט דורך דעם קליינעם פענסטעריל פון זיין צעל, ווידער אמאָל געזען א שטיקעל פון דעם בלויען הימעל און געהערט דעם רוישען פון ים. אקוראט ווי אין דער סאוואָנער פעסטונג מיט פ ע ר צ י ג יאָר פריער, בעת זיין ערשטער געפאנגענשאפט.

זיינע פיזישע ליידען אין תפיסה האָט אים גאָר ניט געקימערט. אים האָט אָבער געדריקט און נידערגעשלאָגען זיין גייסטיגע אי־בערלעבונג. ער האָט געפילט דאָס די איטאַליענער זיינען ניט גע־קנאָטען פון דעם שטאָף פון וועלכע העלדען ווערען פאָרמירט. זייער קדוש שפּרינגען פאר דער מאָנארכי האָט אים טיף געקרענקט. ער האָט געפילט, אז די עקזיסטירענדע איטאַליען איז בלויז א נאָכאמונג א פאנטאַם, אין גאנצען אנדערש פון דער אידעאַלער איטאַליען פון זיינע ערשטע טרוימען אין סאוואָנער פעסטונג. און די דאָזיגע אידעאַלע איטאַליען האָט ער געוואָלט זען כאָטש איין מאָל איידער ער שטארבט. דער דאָזיגער געדאנק האָט אים פארפאָלגט אזוי ווי דער גולם אין „פראנקענשטיין”, וועלכער מאָנט און פאָדערט א נשמה פון זיין באשעפער.....

אין איינינע מאָנאטען ארום, איז די שטאָט רוים אקופירט גע־וואָרען פון די סאָלדאטען פון וויקטאָר עמנואל׳ס רעגירונג. די דאָ־זיגע וויכטיגע עראייגנים האָט געגעבען דער רעגירונג די געזוכטע געלעגענהייט ארויסצואווייזען איר „גנעדיגקייט” און „גרויסמוטיג־קייט” צו מאציני׳ן, און זי האָט פאר אים געעפענט די טויערען פון זיין תפיסה.

מאציני האָט אויך איצט זיך אנטזאגט פון דעם קעניגליכען גנאָד. ער האָט מיט פאראכטונג צוריקגעוויזען די אמנעסטיע...

און דער אלטער רעבעל, וועלכער האָט זיין גאנצען לעבען גע־ווידמעט צו דער גייסטיגער און מאָראַלער אויסבילדונג פון דעם איטאַליענישען פאָלק, א נויטיגער פאָרבאדינג, אָהן וועלכען די ווי־

דעראויפלעבונג פון איטאליען וואלט ניט געקאנט צושטאנד קומען.
— דער אלטער קראנקער קעמפער, אויף וועמעס גע־
זיכט דער מלאך המות האט שוין צו
דער דאזיגער צייט ארויפגעלייגט זיין
שטעמפעל, האט אויסגעקליבען ווידער צו נעמען דעם וואנ־
דער שטאק אין האנט.

כדי אויסצומיידען א דעמאנסטראציע אין זיין ערע, מצד זיינע
געטרייע נאכפאלגער, איז מאציני פארטאג אפגעפארען פון גאעטא.

אבער אין דער שטאט פארמיא, דורך וועלכער זיין
וואגען האט געמוזט דורכפארען, האבען באצייטענס דערגרייכט
קלאנגען דאס מאציני קומט. זיין קארעטע איז שנעל ארומגערינ־
געלט געווארען פון א גרויסען עולם, וועלכער האט אים מיט ענטו־
זיאזם און מיט אויפריכטיגער ליבע עמפפאנגען.

דורכגעדרונגען מיט טרויער און מיט אויפרעגונג פון געמיט,
האט מאציני צו זיי אדרעסירט אייניגע ערענסטע ווערטער. ער
האט זיי געבעטען אייביג צו ערען די אומשטערבליכע אמת'ן, וועל־
כע ער האט צום פאלק געפרעדיגט, און זיך מער קימערען וועגען די
דאזיגע אייביגע אמת'ן, ווי וועגען זיין שטערבליכע פערזענליכ־
קייט.....

פארשטעלטערהייט האט ער איין נאכט איבערגענעכטיגט אין
רוים, און האט געמאכט אן אומזיסטען קיין גענוא, צו באזוכען
זיין מוטער'ס קבר.

אין א בריוו צו א פריינד אין לאנדאן, שרייבט ער וועגען אן
אינצידענט אין לויף פון דער דאזיגער איבערלעבונג.....

„די איינציגע זאך, וואס האט מיר טיף גערירט, איז פארגעקו־
מען אויפ'ן בית הקברות. עס איז שוין געווען שפעטליך, און דער
ארט איז שוין געווען ליידיג, אבער איינער פון די אויפזעער האט
וויזט אוים, מיר דערקענט. און ארויסקומענדיג דורך דער דרויסען

טיר, האָב איך דאָרט געטראָפען פאַרזאַמעלט א גרופע אָרימע מענ־שען, צווישען זיי אויך א גייסטליכער, וועלכע האָבען זיך טיף פאַר־נייגט..... קיין איין שמייכעל, קיין איין פאַרזוך צו אבסורדען אַפּלויז. זיי האָבען קענטיג געפילט מיין טרויער, און האָבען באַ־וויזען, אז זיי טיילען עס מיט מיר.....

פון גענוא איז ער ווידער אוועק קיין ל אָ נ ד אָ ן, וואו ער וואָלט שוין איצט געמאָגט אויסלעבען זיינע לעצטע פּאָר יאָר אין כשר פאַרדינטער רו, אַרומגערינגעלט מיט ליבענדע פריינד און פאַר־ערער.

אָבער דזשוזעפּא מאַציני'ס אומרואיגע נשמה האָט די דאָזיגע מנוחה נישט געקאָנט אקצעפּטירען.

* * *

אין א קורצער צייט אַרום, אין פעברואר 1871, איז מאַציני ווידער אַפּגעפאָרען קיין איטאַליען.

דיזען מאָל האָט ער שוין מיטגענומען אַלע זיינע ביכער און פּאַפּירען, אויפגעבענדיג זיין רעזידענץ אין ענגלאַנד, וועלכע, מיט אָפטע איבעררייסונגען, ווען ער איז געווען אין „אַקטיווען דינסט" אויפ'ן קאָנטינענט, איז פאַר פיר און דרייסיג יאָר געווען זיין „אָפּי־ציעלע" היים.

ער האָט זיך אינקאָגניטאָ*) אויפגעהאַלטען אין ל ו ג אַ נ אַ, איטאַליענישע שווייץ, אין הויז פון זיינע איבערגעבענדע אידישע פריינד י ו ס ף נ אַ ט אַ ן..... „איינער פון די בעסטע פריינד, וועלכע איך האָב ווען עס איז געהאַט"..... און זיין פרוי ס אַ ר י־נ ע נ אַ ט אַ ן, ... „די בעסטע פריינדין, וועלכע איך האָב אין איטאַליען, איינע פון די בעסטע פרויען, וועלכע איך האָב אין מיין

---

*) אונטער'ן ענגלישען נאָמען „דזשאָרדזש ראָסעל בראַון".

לעבן באנגענט, טונענדהאפט, ערדעל, זים, איבערגעבען, — און אָן זעלבסטבאוואוסטקייט — צו אַלץ וואָס איז שיין און גוט....."
(דאָס איז מאציני'ס איינגענע אָפּשעצונג געשריבען אין א בריוו צו א פריינד אין לאָנדאָן). אויך מיט די קינדער פון די נאטאנ'ס איז ער געווען אינטים באפריינדעט. די זין, ע ר נ ע ס ט א (שפּעטער בירגערמייסטער פון רוים און דער רעדאקטאָר פון דער גרויסער נאַציאָנאלער אויסגאבע פון מאציני'ס שריפטען אין איטאליען), ד ו ד, ב נ י מ י ן און מ ש ה, וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין גאריבאלדי'ס לעגיאָן, און זייערע שוועסטער א ד א און ז ש א נ ע ט א (ביי וועמען אין הויז, אין פיזא, מאציני איז געשטאָרבען) זיינען אלע געווען ליבענסווירדיגע, ווי אויך העכסט איינטעליגענטע מענשען.

סארינא נאטאן, אליין א קראנקע פרוי, האָט מאציני'ן באדינט ווי א טרייע איבערגעבענע מוטער, אין זיינע איצט שוין גאנץ אָפטע אנפאלען פון קראנקהייט.

מאציני קאָן אָבער ניט רוען. ער ארבייט אוים נייע פּלענער פאר רעוואָלוציאָנערער אקציאָן. ער פּלאנט א גרויסע רעפּובליקאַנישע באוועגונג קעגען דער איטאליענישער מאָנארכיע. אין דער דאָזיגער ריכטונג אָרגאניזירט ער דעם „רעפּובליקאנישען אליאנץ", אין די אינטערעסען פון וועלכער ער באזוכט פארשטעלטערהייט איינינע וויכטיגע צענטערן אין איטאליען.

אָבער זיין ארבייט איז אויף אים שוין געפאלען שווער. זאָגאר שרייבען איז אים אָנגעקומען מיט דער גרעסטער אָנשטרייננונג..... דער עלטער האָט זיך אויף אים שווער אראָפּגעגידערט. זיין גאנצער קערפּער איז אָפּגעצערט געוואָרען. זיין געזיכט איז געוואָרען איינגעצויגען, און מיט א טויטער בלאסקייט באנאָסען.

מאציני האָט אָבער ניט געוואָלט און ניט געקאָנט רוען. מיט טויזענדע אומזיכטבארע פעדים האָט ער זיך געפילט געבונדען צו

די וועמען ער האָט אָרגאַניזירט און אָנגעפילט מיט באַגייסטערונג פאַר דעם פרייהייטס אידעאַל. „איידער איך שטאַרב", האָט ער געשריבען, „מוז איך פראָקלאַמירען די רעפּובליק אין איטאַליען".....

מאַציני האָט צו יענער צייט קאָנצענטרירט זיינע לעצטע כחות אין אויפקלערונגס אַגיטאַציע צווישען דעם איטאַליענישען אַרבייטער קלאַס. ער האָט געפּרעדיגט דעם סאָציאַליזם, די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָן, דורך אַרבייטער קאָאָפּעראַציאָן. קאָאָפּעראַציאָנען באַזירט אויף הויכען אידעאַליזם און אויף די העכערע פליכטען פון דעם מענשען. ער האָט זיך באַמיט צו באַקעמפען די אַטעאיסטיש־מאַטעריאַליסטישע אידעען, וועלכע באַקונין מיט זיינע חברים האָבען צו דער דאָזיגער צייט פּראָפּאַגאַנדירט אין איטאַליען.

דער דאָזיגער שטרייט איז געוועזען אַ ביטערער. די באַקונינים־טען האָבען באַשולדיגט מאַציני'ן דאָס ער איז אויף דער עלטער אַריבער אין לאַגער פון דער איירּאָפּעאישער רעאַקציע, און אַז זיין „ווידערבאַלעבטע" רעליגיעזיטעט — שטאַמט פון אַבערגלויבען און פון די שרעקען פון אַלטקייט..... איגנאָרירענדיג דעם בולט'ן פאַקט, דאָס מאַציני'ס גאַנצע קאַריערע, זיין גאַנצער לעבענס קאַמף און זיין נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע לערע איז באַזירט געווען פון אָנפאַנג אָן, פון דעם יאָר 1830 ביז זיין לעצטען אָטעמצוג אין 1872, אויף אַ טיף רעליגיעזער השגה פון מענשליכער פליכט און אויפפירונג.

אָנפאַנג מערץ 1872, איז מאַציני'ס געזונדסצושטאַנד פאַרערגערט געוואָרען. זיין אַלטער פריינד און חבר דאָקטאָר בערטאַני, האָט אים אונטערזוכט, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ביידע לונגען זיינען געווען אָנגעגריפען.

מען האָט אים אַריבערגעפירט קיין פּ י ז אַ, איטאַליען, וואו מען האָט געהאָפט, אַז דער מילדערער קלימאַט וועט אים ברייננגען ערלייכטערונג. אָנפאַנגס האָבען זיך געוויזען סמנים פון בעסע־

רונג, אָבער א נייע אטאקע פון פלעווריט האָט אים אויף דאָס נײַ געבראכט אין שאָטען פון טויט.

די דאָזיגע קראנקהייט איז שוין געווען די לעצטע, און זי האָט ניט לאנג געדויערט.....

דער אלטער פרייהייטס קעמפער האָט קענטיג ניט געפילט, אז זיין סוף איז אזוי נאָענט. ער איז אָבער פון טאָג צו טאָג געוואָרען שוואכער. מען האָט צונויפגערופען א קאָנסיליום פון דאָקטוירים. זייערע מיטלען האָבען אָבער שוין ניט געקאָנט העלפען.

זונטאָג, דעם צענטען מערץ, פון דעם יאָר 1872, אין דעם זיבען און זעכציגסטען יאָר פון זיין לעבען, האָט ער אין הויז פון זיינע אידישע פריינד פעלע־גרינא און זשאַנעטא ראזעלי,*) אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטעמצוג.

זיין לעצטער געדאנק און ווערטער זיינען געווען „דער ארבייר־קלאס".

דער אייביג אומרואיגער גייסט האָט ענדליך געפונען זיין רו.

* * *

צוויי טעג שפּעטער, האָט די „לאָנדאָן טיימז", איינע פון די איינפלוסרייכסטע ציימונגען אין דער וועלט, א צייטונג, וועלכע האָט מאַציני׳ן ביים לעבען באקעמפט, און אָפטמאָל מיסרעפּרעזענ־טירט מיט פאלשע נאכריכטען און בייזווילינע נאָטיצען, — אָפּגע־דרוקט דעם פאָלגענדען נאָטיץ:

„מיר דארפען היינט מעלדען דעם טויט פון א מאַן, וועלכער האָט אין זיין צייט געשפּילט א גרויסע ראָלע אויף

---

*) דער אוידים און די טאָכטער פון יוסף און סארינא נאַטאַן פון לונאנא.

דער בינע פון דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק. איינער, וואָס זיין נאָמען איז פאר יאָרען לאנג באטראכט געוואָרען אלס סימבאָל פון רעוואָלוציע, אָדער בעסער געזאָגט, פון רעפּובּ־ליקאניזם; איינער אין וועמעס פערזענליכען כאראקטער עס זיינען פאראייניגט געווען פילע פיינע און איידעלע שטרי־כען; און דאָך איז ער געווען א מענש, וואָס די צאָל פון די וועלכע האָבען זיך פאר אים געשראָקען, איז געווען גרעסער פון די וועלכע האָבען אים געליבט.

„איינער, וואָס זיין פארשווינדען פון דער סצענע פון אקציאָן וועט זיין, מילד גערעדט, גאנץ גוטע און ווילקאָמענע נייעס פאר פילע געקרוינטע און ניט־געקרוינטע מיטגלידער פון דער משפחה פון די אייראָפּע־אישע הערשער.

„דאָס איז געווען א מאן, וועלכער האָט תמיד געשראָקען די רעגירונגען מיט זיין ניט־אויפהערליכער ארבייט פאר דעם רעפּובּליקאניזם. איצט איז ער ענדליך אין רו. ער איז גע־שטאָרבען זונטאָג אין פּיזא.״*)

*) זעט London Times אויסגאבע פון דינסטאָג דעם 12טען מערץ 1872.

זיבעטער קאַפּיטעל

די געשיכטע פון מאציני'ס ליבע

איידער מיר פאַרלאָזען מאציני'ס פּערזענליכען לעבען, קאָן איך נישט ביישטיין דעם נסיון פון איבערגעבען אין קורצען, די גע־שיכטע פון זיין איינציגער ליבע.

דאָס וועט מעגליך מאכען טיפער ארייצובליקען אין זיין ערד־לער נשמה, און וועט ארויסברייגען איניגע שיינע שטריכען פון זיין כאראקטער.

אין אָנפאנג פון די דרייסיגער יאָרען, ווען עסטרייך האָט אונ־טערדריקט דעם איטאליענישען אויפשטאנד אין די צענטראלע פּראָ־ווינצען פון לאנד, האָבען זיך הונדערטע איטאליענישע רעוואָלוציאָ־נערען א לאָז געטאָן קיין אויסלאנד.

די דאָזיגע עמיגראציע האָט געהאט צוויי ציל־פּונקטען: ש וו י י צ א ר י ע ן, און מ א ר ס י י ל, פראנקרייך, וואו מאציני האָט זיך אויפגעהאלטען נאָך זיין באפרייאונג פון סאוואָ־נער פעסטונג.

מיט דער ערשטער גרופּע איטאליענישע פּליכטלינגע פון מ אָ ד ע נ א, איז אין מארסייל אָנגעקומען די מערקווירדיגע פרוי, וועמען דזשוזעפּא מאציני האָט ליב באקומען מיט דעם גאנצען פייער פון זיין נאָבעלער נשמה.

דאָס איז געווען ז ש י א ו ד י ט א (יהודית) ב ע ל א־ ר י א, פון מ י ל א ן.

זשיאודיטא, וועלכע איז געווען א מערקווירדיג שיינע פרוי, האָט אין איר פופצענטען יאָר, חתונה געהאט פאר ז ש י אָ וו א־

נ י ס י ד א ל י, איינער פון די הויפט אנפירער פון דער נאציאָ־נאלער באוועגונג אין ק א ל א ב ר י א.

ווען די הערשער פון מאָדענא האָבען אונטערדריקט דעם לעצ־טען רעוואָלוציאָנערען אויפשטאנד אין וועלכען זשיאָוואני סידאָלי האָט זיך באטייליגט, האָט דער בלוט דורשטיגער הערצאָג פון מאָ־דענא ארויסגעגעבען א טויט־אורטייל קעגען די אָנפירער פון דער רעוואָלוציע, וועלכע זיינען ארייגעפאלען אין זיינע הענט. צווישען זיי איז געווען דער מאן און דער איינציגער ברודער פון דער שיינער זשיאודיטא. דעם ברודער האָט מען הינגעריכטעט, אָבער זשיאָווא־ני'ן האָט זיך איינגעגעבען צו אנטלויפען פון פעסטונג.

צוזאמען מיט זיין פרוי איז ער אנטלאָפען קיין פראנקרייך, מיטנעמענדיג זייער איינציגען קינד.

אין איינינע יאָר ארום איז דאָרט זשיאָוואני געשטאָרבען, אי־בערלאָזענדיג זיין פרוי מיט פיר קליינע קינדער. א זון און דריי טעכטער.

נאָך איר מאנ'ס טויט, איז די יונגע אלמנה מיט אירע קינדער צוריקגעקומען קיין ר ע ד ז ש י א, איטאליען.

ניט נאָר איז זשיאודיטא פארבליבען טריי און איבערגעבען צו איר פארשטאָרבענעם מאנ'ס אידעאַלען, נאָר זי האָט אויך באשלאָ־סען, מיט מער ענערגיע און באגייסטערונג, מיט דעם גאנצען פייער פון איר ריינער און עקזאָלטירטער נשמה, זיך ווידמען צו דעם הויכען אידעאל פון פרייהייט און פון איטאליענישער איינהייט.

נאָך איר צוריקקומען קיין איטאליען, האָט זיך ארום איר אָנגע־הויבען גרופירען די נאציאָנאל־באוואוסטזיניגע יוגענד פון רע־דזשיא. איר ענטוזיאזם און איבערגעבענהייט איז געווען באמת באגייסטערנד; א הערליכער ביישפיל פאר אנדערע. א לענגערע צייט איז איר הויז געווען דער געהיימער הויפט־קווארטיר פון די רעוואָלוציאָנערען פון קאלאבריא.

שפעטער, אין אָנהויב פון די דרייסיגער יאָרען, ווען דער אויבען דערמאָנטער אויפשטאַנד איז אונטערדריקט געוואָרען, האָט זשיאודיטא איבערגעלאָזען אירע קינדער ביי איר שווער, — (אַ פרומער קאַטאָליק, וועלכער האָט געהאַט גרויס עגמת נפש פון זיין זונ׳ס באַטייליגען זיך אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג). און צוזאַמען מיט נאָך איינִיגע אַקטיווע רעוואָלוציאָנערען, איז זי אַנטלאָפען קיין אויסלאַנד, מורא האָבענדיג פאַר דער צערייצטער ראַכע־דורשט פון דעם פּאַפּסט גריגאָריע דעם זעכצענטען, און פון דעם דעספּאָטישען הערצאָג פון מאָדענא.

צוזאַמען מיט איר איבערגעבענעם פריינד און מיטקעמפּער דזשוזעפּא לאַמבערטי, איז זי געקומען קיין מאַרסייל, וואו זיי האָבען מיט אמת רעליגיעזען עקסטאַז, אָנגענומען די נייע אידייע ווי אויך די פּאַרפּליכטונגען פון „יונג איטאַליען״.

זי און לאַמבערטי, זיינען ביידע געוואָרען דזשוזעפּא מאַציני׳ס הויפּט אַדיוטאַנטען און מיטאַרבייטער, אין זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט.

די דאָזיגע נאָענטע פריינדשאַפט און מיטאַרבייטערשאַפט פון זשיאודיטא סידאָלי מיט דעם גרויסען רעוואָלוציאָנער, האָט זיך באַלד אַנטוויקעלט אין אַ ריינער, גענענזייטיגער ליבע.

מאַציני איז דאַמאָלסט געווען אין רעכטען ברען פון זיין אַקטיוויטעט. ער איז געווען אַ ניט־אויסשעפּליכער וואולקאַן פון ענערגיע און ענטוזיאַזם. אַלע די וועלכע האָבען אים נאָענט געקענט אין מאַרסייל, שטימען איין אין זייערע שילדערונגען פון זיין אויסערגעוויינליכער שיינקייט.

זיין פיגור איז געווען שלאַנק און מאַיעסטעטיש. דאָס געזיכט פריש און אַליוועט פאַרביג. די געזיכטסציגע שיין און סימעטריש,

זשיאודסטא סידאָלי.

— ארומגעפאסט מיט אַ קאָפּ לאנגע שווארצע האָר, און באלויכטען מיט אַ פייערדיגען בליק אין די גרויסע שווארצע אויגען.*)

מיט דער אומבויגזאמער אנטשלאָסענהייט און איבערגעבענהייט צו זיינע אידעאַלען, האָט דזשוזעפּא מאַציני אויסגעאיבט אַ

---

*) דער ערשט פאַרשטאָרבענער הענרי מייערס הייגדמאַן, — דער פאָטער פון דער סאָציאליסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד, — וועלכער איז געווען פּערזענליך באַקאַנט מיט מאַציני'ן, שילדערט אין זיינע מעמוארען, וועלכע זיינען ערשינען אין יאָר 1911, — דעם איינדרוק וועלכע דער גרויסער איטאַליענער האָט אויף אים געמאכט ביי זייער ערשטער באַגעגניש אין לאָנדאָן, ווי אויך מאַציני'ס פּערזענליכער אויסזען: איך ציטיר דאָ בלויז איניגע שורות:

„פיר און פערציג יאָר זיינען אריבער זייט יענער ערשטער באגעגניש מיט מאַציני'ן, און איך געדענק נאָך גאנץ קלאָר יעדען דעטאל פון זיין פּערזענליכען אויסזען..... זיינע אויגען זיינען געווען דער איינדרוקספולסטער שטריך אין זיין געזיכט, און האָבען געמאכט אַ ניט־ווידערשטיליכען רושם ווען מען איז מיט אים געווען פּנים אל פּנים.

„רעדענדיג מיט אים, האָט מיר דורכגעדרונגען יענער זאָנדערבארער געפיל, וועלכען איך באקום אָפטמאָל, בשעת איך רעד צו אַ גרויסען אויפמערקזאם שענקענדען פּובליקום. מיר שיינט דאַן, אַז די פּנים'ער פון די פאַרזאַמעלטע פארשווינדען, און אַז בלויז זייערע אויגען בלייבען איבער.....

„דער גרויסער כח פון מאַציני'ס טיפע און גלאנציגע אויגען האָט אויף מיר געמאכט אַן איינדרוק וועלכען איך קאָן נאָך עד היום ניט פאַרגעסען. זיי זיינען געווען טיפע, איינדרוקספולע, און דונקעלע. מען האָט געקאָנט אין זיי טיף ארייַנבליקען.....”

“Record of an Adventurous Life”, by H. M. Hyndman.

קאַלאָסאַלע ווירקונג אויף יעדען איינעם, וועלכער איז מיט אים געקומען אין בארירונג.

קיין וואונדער דאריבער, וואָס דער דאָזיגער מערקווירדיגער מענש, דער באנערטרעגער און פאַרקעמפער פון דעם אידעאַל, וועלכען זשיאודיטא האָט פון איר קינדהייט אָן הייליג געהאַלטען, — האָט גלייך געוואונען איר ליבע.

אירע געפילען האָבען גלייך ארויסגערופען א טיפען אָפּקלאנג אין זיין הארצען.

ניט האָבענדיג פריער געליבט, האָט ער אויף זשיאודיטא'ן אויסגעגאָסען די גאנצע צערטליכקייט פון זיין נשמה. בלויז איין איינציגע קאָנקורענטקע האָט זי געהאט אין זיין הארצען, — א י ט א ל י ע ן!

די קורצע אנדערהאלבען יאָר וואָס זיי האָבען צוזאמען פארבראכט אין מארסייל, זיינען געווען דער איינציגער פערזענליכער גליק, וואָס מאציני האָט געהאט אין זיין מיט ליידען אָנגעפילטען לעבען.

זשיאודיטא'ס ליבע האָט אים צוגעגעבען נייעם מוט אין זיין ארבייט, צו וועלכער ער האָט זיך איצט גענומען מיט נייעם ענטוזיאזם און מיט פרישער ענערגיע.

ער האָט איר גערן פאַרגעשלאָגען אָנצונעמען אירע קינדער פאר זיינע איינענע. און ער האָט גע'חלומ'ט פון אַ רואיג פרידליכען צוזאמענלעבען, נאָך דעם ווי דער שווערער קאמף פאר איטאליענישער פרייהייט וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג.

ליידער האָט זיך גאנץ אנדערש אויסגעלאָזען.

עס האָט זיי אָנגעהויבען יאָגען איין אומגליק נאָכ'ן צווייטען. ניט גענוג וואָס עס איז ארויסגעגעבען געוואָרען דער באפעל פאר מאציני'ס אויסווייזונג פון מארסייל, איז אין דער זעלבער צייט אָנגעקומען די ידיעה דאָס זשיאודיטא'ס איינציגער זון ליגט געפערליך קראנק אין מאָדענא.

דזשוזעפא מאציני אלס יונגער מאן.

איר קראנקען קינד, האָט אָבער די מוטער ניט געטאָרט באַזוכען צוליב אַ שטרענגען באפעל, וועלכער האָט איר פארבאָטען איבערטרעטען דעם איטאַליענישען גרענעץ.

די נייעס וועגען איר קינד׳ס קראנקהייט האָט זי געטראָפען ווי אַ דונער פון לויטערען הימעל. זי האָט זיך אָבער נישט פארלאָרען, און האָט געפאסט איר באשלוס.

צוערשט איז זי מיטגעפאָרען מיט מאציני׳ן אין דער שווייץ, און אזוי שנעל ווי זי האָט אים געהאט אויסגעריכט אין אַ זיכערען וועג, האָט זי באשלאָסען ריזיקירען מיט איר לעבען אבי צו זיין ביי איר קינד׳ס קראנקען־בעט.

מאציני און זשיאודיטא האָבען זיך צעשיידט.....

באלד דערנאָך, האָט מאציני פון דער שווייץ געשריבען זיין מוטער אין גענוא:

„זי איז אָפּגעפאָרען אויף מאָרגען נאָך איר שרייבען צו דיר. די דאָזיגע צעשיידונג איז פאר מיר אַ שווערער קלאַפּ. און אפשר איז טאקע גלייכער אזוי... איך לעב דורך מאָמענטען אין וועלכע איך וואָלט געקאָנט ווינשען, אז אפילו דו, מיין טייערע מוטער, זאָלסט פון מיר אויף אייביג אָפּגעריסען ווערען.....

„איך האָב געשטרעבט אייך אלעמען גליקליך צו מאכען, איך האָב אָבער אָנשטאָט דעם, געבראכט אויף אייך אומגליק, און מער נאָך אויף זיך אליין. נאָר עס קימערט מיך ניט פאר זיך. וואָס מיר טוט וויי, איז דער באוואוסטזיין, דאָס אין לויף פון מיין לעבען, וועל איך געצוואונגען זיין צו פאראורזאכען נייע שמערצען און דאגות, די וועמען איך ליב. דער לעבען איז אַ קייט וואו איין האנדלונג איז אָנגעשלאָסען אָן דער צווייטער.״

* * *

פארשטעלטערהייט, אונטער א פרעמדען נאָמען, איז זשיאַר דיטא צוריקגעקומען קיין איטאַליען.

אזוי שנעל ווי איר זון איז בעסער געוואָרען, האָט זי אים ווי־דער געמוזט פארלאָזען.

זי האָט אָבער איצט באשלאָסען, אונטער אלע אומשטאנדען, צוריקקריגען אירע קינדער אונטער איר אייגענעם רשות. צוליב דעם דאָזיגען ציל, האָט זי פארשטעלטערהייט, דורכגעוואנדערט גאנץ אי־טאַליען, ביז זי איז אָנגעקומען קיין ר ע ד ז ש י אָ. וואו זי האָט ביים הערצאָג געזוכט ערלויבעניש צו זען אירע קינדער.

אירע אלע באמיאונגען זיינען אָבער געווען אומזיסט.

אירע קינדער האָבען זיך געפונען ביי איר שוועד ביי וועמען זי האָט זיי איבערגעלאָזען ווען זי איז אנטלאָפען קיין פראנקרייך. דער אלטער שטאָלצער סידאָלי איז געווען אין גאנצען אונטער'ן איינפלוס פון די יעזואיטען. ער האָט געהאסט זיין שנור, און האָט איר ניט געוואָלט צולאָזען אפילו אָנקוקען אירע קינדער, וועלכע זי האָט אזוי היים געליבט.

דער אלטער סידאָלי האָט ארויסבאקומען א נייע פאראָרדענונג, וואָס האָט זשיאודיטא'ן שטריינג פארבאָטען צו קומען אין מאָדענא, וואו אירע קינדער האָבען זיך געפונען. עס איז אויך ארויס־געגעבען געוואָרען א פרישער באפעל זי צו ארעסטירען אזוי שנעל ווי זי וועט זיך ווייזען אין מאָדענא'ער געגענט.

זשיאודיטא איז אנטלאָפען קיין ט אָ ס ק א נ א, וואו זי איז תיכף ארייגעפאלען אין די הענט פון דער פאָליציי. מיט דער הילף פון איינינע פריינד, איז איר געלונגען צו אנטלויפען; און זי האָט צופוס אוועקגעוואנדערט קיין נ ע א פ ע ל, און פון דאר־טען קיין ר ו י ם.

זי האָט זיך געזען מיט איינפלוסרייכע מענשען. זי האָט פאר

זיי געווײַנט מיט ביטערע טרערן, געבעטען מען זאָל איר אָפּגעבען אירע קינדער. אָבער ווידער אָהן ערפאָלג.

צו יענער צייט, אין א בריוו צו דעם הארצלאָזען הערצאָג פון מאָדענאַ, האָט זשיאורדיטא געשריבען:

„איך וועל דורכגיין די טויערען פון שטאָט. איך וועל זען מיינע קינדער, און דאַן, אויב איר ווילט, מעגט איר מיר ארעסטירען."

זי האָט אויך געהאלטען וואָרט. זשיאורדיטא האָט זיך ווי עס איז ארײַנגע'גנב'עט אין מאָדענאַ, וואו זי האָט געפונען דעם וועג צו אירע קינדער, און האָט מיט זיי פארבראכט אייניגע גליקליכע שטונדען.

פאר דעם דאָזיגען קורץ דויערנדען פארגעניגען, האָט זי אָבער געמוזט גאנץ טייער באצאָלען.

קעגען איר ווילען, און איבער איר ביטערען פּראָטעסט, האָט מען אירע דריי טעכטער ארײַנגעגעבען אין א מאָנאסטיר, און איר איינציגען זון האָט מען אָפּגעשיקט אין א יעזואיטיש־מיליטערישער אקאדעמיע.

* * *

די גאנצע צייט, האָט זי זיך דורכגעשריבען מיט מאציני'ן. זייער בריוו וועקסעל איז געווען א געהיימער און אין דער פראנצויזישער שפּראך. די דאָזיגע בריוו פלעגען אָבער טראָגן אלע פאָרזיכטיגקייטען, פון צייט צו צייט ארײַנפאלען אין די הענט פון פּאָליציי שפּיאָנען, וועלכע פלעגען זוכען און אָפטמאָל אויך געפינען ניצליכע אינפאָרמאציע פאר די פּאָליציי ארכיוון.

מאציני און זשיאורדיטא פלעגען באקומען פילע בריוו — שטארק צענזורירט. אָפט מאָל כמעט אין גאנצען פארפלעקט.

און אזוי, אין לויף פון א סך יאָרען, האָבען די צוויי פארליבטע געלעבט אין געצוואונגענער אָפּגעזונדערטקייט.

זשיאודיטא סידאָלי איז געווען די פאַרמיטלערין צווישען מאַ־
ציני און די רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטען אין איטאַליען. זי האָט
פאַר אים אָפט דורכגעפירט די סאַמע געפערליכסטע אויפגאַבען.

אָט זיינען איינינע ציטאַטען פון דער דערמאָנטער קאָרע־
ספּאָנדענץ.

פון מאַציני׳ס א בריוו צו זשיאודיטאַ׳ן*)

זשענעווא, 22טען פעברואַר, 1834.

„מיין טייערע.

..... באַקומען פון דיר אַזוי פיל בריוו אין איינינע טעג!
איך בענש דיר ניט בלויז איין מאָל, נאָר טויזענדע מאָל, דו
מלאך פון טרייסט. איך בענש אויך דעם צופאַל, וואָס האָט
פאַראורזאַכט, אַז אַלע דיינע בריוו זאָלען מיר דערגרייכען
כמעט מיט אַמאָל.

„גאָט מיינער! ווי איך נויטיג זיך אין זיי און אין אַ
גרוס פון דיר. ווייל דו ביסט מיין לעבען... אויסער דיר איז
אַלץ טריב און טרויעריג. דו רעדסט צו מיר מיט טיפער לי־
בע! דיין בריוו פון פופצענטען האָט נאָך מער באַשטעטיגט
יענע אויסדריקע פון ליבע, וועלכע האָבען מיך געמאַכט ציטע־
רען פאַר פרייד..... צווייפעל ניט אין מיר און אין מיין ליבע.
דער מינדסטער צווייפעל פון דיין זייט וועט זיין אַ זינד. —
ווייל אין די לעצטע טעג האָב איך אַליין דערקענט דעם כח
פון דער ליבע, וועלכע פאַראייניגט אונז.“

„אין אַ מאָמענט ווען איך בין געווען נאָענט צום טויט,
אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיגער אומבאַוואוסטזיניגקייט,

*) אָפּגעדרוקט אין די
Scritti editi e inediti de Guissepa Mazzini
באַנד 9. זז. 212—210. (1910).

— האָב איך דיר פאַר זיך דערזען, אין דער נאָענטקייט פון טויט האָב איך בלויז פון דיר געטראַכט —

— — ..... „מיט קושען באַדעק איך דעם מעדאַליאָן מיט דיין לאָק האָר, וועלכען איך טראָג אלעמאָל אויף מיין הארצען. איך האָב עס געהאַט פאַרלאָרען. וואָלסטו נאָר געוואוסט אונטער וועלכע אומשטאַנדען.*)

צוזאַמען מיט'ן מעדאַליאָן איז געווען אַביסעל סם, וואָס איך האָב אָפּגעהיט און מיט זיך אַרומגעפירט.....

ערשט נעכטען האָב איך דאָס צוריקגעקראָגען. דיין האָר איז מיר ווי אַ קמיע, וואָס וועט מיך באַגליקען צום זיג".....

„אַך, ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט דיך ווידער זען — דיך אַרומנעמען..... איין מאָל באַטש איינשלאָפען מיט מיין קאָפּ אָנגעשפאַרט אויף דיר. —

אַדיע. ליב מיר נאָר וויפיל דו קאָנסט, און איך וועל דיך ליבען וויפיל דו פאַרלאַנגסט.....

אַדיע, שרייב מיר אויף אַלע מעגליכע אַדרעסען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך אומאַרם דיך טויזענדע מאָל,

דיין

יאָזעף.

און פון אַ צווייטען בריוו דאַטירט „בערן, אַפּריל דעם 2טען, 1834.

---

*) זעט Siritti editi e inediti de G. M. באַנד 9. זייט 279. דאָס איז פאָרגעקומען אין צייט פון דער אומגליקליכער סאַוואָיער עקס־פּעדיציע.

..... „שרייב מיר פון זיך. זעסטו כאָטש די ליכטיגע וועלט? האָסטו ביכער? — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„איך קום איצט פון פּרעפעקט. מען טרייבט מיר אַצינד אַרויס פונ׳ם קאַנטאָן. איך וועל דיר נאָך שרייבן וועגן דעם.....

„ליב מיר! און עס אַרען מיך ניט די גרויזאַמסטע פאַר־פאָלגונגען אין דער וועלט.....״

* * *

און אָט איז אַן אויסצוג פון זשיאָודיטאַ׳ס א בריוו צו מאַ־ציני׳ן:

„דערהאַלטען דיינע בריוו פון זעקסטען און זיבעטען, אין גאַנצען אויסגעשמירט אין שוואַרצען..... לאַנג, לאַנג האָב איך געבענקט נאָך דיין האַנדשריפט. נאָר ווען דיינע בריוו זיינען ענדליך געקומען, האָבען זיי מיר אָנגעפילט מיט שרעק.....

„דאָך דער פאַקט וואָס די אַדרעסע אויפ׳ן קאָנווערט איז געווען געשריבען אין דיין כתב־יד האָט מיך ענדליך באַ־רואיגט..... אָבער איך שרעק זיך. איך שרעק זיך נאָכאַנאַנד. איצט ליגען פאַר מיר אָפען דיינע בריוו, און איך וויין. איך וויין, ווייל איך פיל גאַנץ אינטענסיוו די נויטווענדיגקייט דיך צו זען, ווען אפילו פאַר איין איינציגער מינוט..... פאַר איין איינציגער מינוט, אין וועלכע צו לאָזען אויף דיר פאַלען מיי־נע טרערען, און דיר זאָגען ווי מיד איך בין פון לעבען.....״

שפּעטער, אין אַן אַנדער בריוו, שרייבט זי אים:

„יעדער נייער טאָג פאַרשטאַרקט אין מיר דעם באַ־

וואוסטזיין פון מיין שקלאפעריי; אָבער מיינע געדאנקען און מיינע בליקען זיינען אָנגעשטריינגט בלויז צו איין ציל — די פרייהייט!״

* * *

מאציני פלעגט צו איר אָפּט שרייבען אויף זיין מוטער׳ס אד־רעס, און זי פלעגט אים אָפּטמאָל ענטפערען דורך דער מוטער, ווע־מען זיי ביידע האָבען אדרעסירט „טאנטע״ — כדי אָפּצונארען די שפּיאָנען.

מאציני׳ס מוטער, האָט אין איינעם פון אירע אייגענע בריוו צו אים קיין לאָנדאָן, צוגערעדט איר געליבטען זון, ער זאָל שווין חתונה האָבען מיט זשיאודיטא׳ן. אָבער ער האָט זי אָפּגעענטפערט:

„אָה! ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט ערפילען דיין וואונש! עס וואָלט מיר געבראכט די גרעסטע טרייסט אין מיין לעבען. עס איז אָבער אונמעגליך. גלויב מיר מאמעניו, עס איז ניט מעגליך. ס׳איז ניט מעגליך פאר מיר צו זיין גליקליך.

... „אָבער איך ליב זשיאודיטא׳ן. איך ליב זי מיט מיין גאנצער נשמה. נאָך אַלעמען איז עס עפּעס ווערט, אין מיין פולשטענדיגער איינזאמקייט, צו קאָנען ליבען, און צו פילען דאָס איך ווער געליבט... שרייב צו איר. זי איז אומגליקליך. א פּאָר ליבע ווערטער פון דיר וועלען איר וואויל באקומען״.

* * *

מאציני און דזשיאודיטא האָבען איינער דעם צווייטען טיף און היים געליבט, אָבער פון חתונה האָבען, האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין. זיין אוימאויפהערליכער געצוואונגענער ארומוואנדערען, האָט עס ניט דערלויבט.

ווען דער אלטער סידאָלי, — דזשיאודיטא׳ס שווער, — איז

געשטאָרבען, האָט זי ענדליך געוואונען איר לאַנגיאָריגען קאמף. זי האָט צוריקגעקראָגען אירע קינדער, וועלכע האָבען זי איינפאך פאר־געטערט.

ביסלאכוויז האָט זי פון זיי פארטריבען דעם איינפלוס פון מאַנאסטיר, און האָט זיי דערצויגען אין דעם פרייהייטס־גייסט פון זייער פאָטער און פון איר געליבטען.

אין לויף פון דער גאנצער צייט, האָט מאציני צו זשיאודיטא'ן ניט אויפגעהערט שרייבען, אָבער צוליב זיינע וואנדערונגען און זיין קאמף האָבען זיי זיך אין משך פון לאנגע יאָרען ניט געזען.

ערשט אין דעם שטורעמדיגען יאָר 1848, אין דער שטאָט פלאָ־רענץ, האָבען זיי זיך געטראָפען צום ערשטען מאָל נאָך זייער צע־שיידונג.

און פאר זייער נייער צעשיידונג, האָט דזשיאודיטאַ סידאָלי אי־בערגעגעבען מאציני'ן איר איינציגען זון א כ י ל, צו דער דאָ־זיגער צייט שוין א דערוואקסענער יונגערמאן, ער זאָל מיטקעמפען און ווען נויטיג איז, אויך אָפגעבען זיין לעבען פאר דער איטאליע־נישער רעוואָלוציע.

דער יונגער בראווער א כ י ל ס י ד אָ ל י, האָט אָן אקטי־ווען און העלדישען אנטייל גענומען אין פילע פון די בלוטיגע קאמ־פען ארום רוים.

* * *

אין די שפּעטערע יאָרען פון זייער לעבען, האָבען זיך מאציני און דזשיאודיטאַ פילע מאָל געזען אין ט ו ר י ן.

אין פארלויף פון די פערציג יאָר פון זייער געצוואונגענער אָפּ־געזונדערטקייט, איז די הייסע ליבע פון זייער יוגענד צייט, איבער־געגאנגען אין א טיפע אינטימע און טרייע פריינדשאפט.

ביז צום סוף פון איר לעבען, איז זשיאודיטא סידאָלי געבלי־

בען די הייסעסטע אָנהענגערין פון די אידעאַלען פאַר וועלכע זיי ביידע האָבען אזוי פיל געאָפּפערט.

אין יאָר 1871, פערציג יאָר נאָך זייער ערשטער צע־שיידונג, איז דזשיאודיטאַ געשטאָרבען. איר טויט, ווי איר לעבען, איז געוועזן ווייט פון איר געליבטען.

פאַר דער גסיסה האָט איר דערגרייכט זיינער אַ בריוו. דאָס איז געוועזן איר לעצטע טרייסט... מאַציני האָט זי בלויז איין יאָר איבערגעלעבט.

ער איז געשטאָרבען ווי ער האָט געלעבט, — אַן עלענדער, אַ גלויבער. אַ פרעמדער אין זיין פאָטערלאנד, וועלכען ער האָט אזוי היים געליבט, און פאַר וועמעס פרייהייט ער האָט געווידמעט זיין גאַנצען לעבען.

אכטער קאַפּיטעל

א.

דזשוזעפּא מאַציני האָט פיל געשריבען איבער פּאָליטישע און ליטעראַרישע ענינים. פון די ערשטע וועל איך דאָ ברייננגען איינינע ציטאַטען, פון וועלכע עס וועלען זיך קלאָר ארויסווייזען זיינע אַנ־שויאונגען איבער דער פראַגע פון נ א צ י אָ נ א ל י ט ע ט.

אין די זעכציגער יאָרען פון לעצטען יאָרהונדערט, איז אין לאָנדאָן ערשינען אַן ענגלישע אויסגאבע פון מאַציני׳ס שריפטען. *)

די ארויסגעבער האָבען געבעטען מאַציני׳ן, וועלכער איז צו יענער צייט געווען אין לאָנדאָן, ער זאָל פאַר דער דאָזיגער אויס־גאבע אָנשרייבען אַן אויטאָביאָגראַפישען בילד פון זיין לעבען.

מאַציני האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. ער גיט אָן די אורזאַכע פאַר זיין האנדלונג אין דער קורצער אָבער טיף דורכגעפילטער פאָררעדע צו יענער אויסגאבע. די דאָזיגע פאָררעדע ווערט דאָ איצט געבראַכט, צוליב צוויי טעמים:

ערשטענס, ווייל עס איז אַן און פיר זיך אינטערעסאַנט, — און צווייטענס, ווייל מאַציני באַרירט אין דעם די פראַגע פון נ א־צ י אָ נ א ל י ט ע ט, וואָס צוליב דעם וועט עס דאָ קאָנען דינען ווי אַן איינלייטונג צו די ציטאַטען איבער דעם דאָזיגען וויכטיגען ענין.

* * *

„ווען מען האָט מיר געבעטען", — שרייבט מאַציני, — „איך זאָל אַלס פאָררעדע צו דער פאָרליגענדער אויסגאבע פון מיינע פּאָליטישע און ליטעראַרישע שריפטען, אָנשרייבען די

*) Life and Writings of Joseph Mazzini, London (1864)

געשיכטע פון מיין לעבען, האָב איך זיך דערפון אָפּגעזאָגט.

„די זייער ווייניג פריידען און די פיל ליידען פון מיין פריוואטען לעבען, זיינען ניט וויכטיג פאר יעדען, אויסער פאר אייניגע, וויינוגע נאָענטע פריינד, וועלכע איך ליב, און וועלכע ליבען מיר, מיט א טיפער אינדיווידועלער ליבע. ווי־פיל פון עפענטליכען לעבען איך האָב געהאַט, איז דאָ אריינ־געשריבען אין מיינע שריפטען. און אויף ווי ווייט די דאָזיגע שריפטען האָבען באאיינפלוסט די פאסירונגען פון דער איצ־טיגער צייט, איז א פראגע, וועלכע מוז געאורטיילט ווערען פון דעם פובליקום און נישט פון מיר".

„אין גאנצען גלייכגילטיג, לויט דעם איינגעבוירענעם טענדענץ פון מיין פארשטאנד, צו יענעם פוסטען גלאַנץ, וועלכען מענשען האָבען א נאָמען געגעבען ר ו ה ם; און פאראכטענדיג פון א נאַטירליכען שטאָלץ און א רואיגען גע־וויסען די פילע פארלוימדונגען, וועלכע האָבען פארפינסטערט מיין לעבענס וועג; — איבערצייגט ביז צו א טיפען גלויבען אין דעם, דאָס די פליכט פון אונזער עקזיסטענץ אויף דער וועלט איז צו פארגעסען דעם „זיך" אין דעם העכערען ציל, וואָס איז פאר אונז אָנגעצייכענט געוואָרען, דורך אונזערע אינדיווידועלע פעאיגקייטען און דורך די געבאָטען פון דער צייט, — האָב איך קיינמאָל ניט געהאלטען קיינע פארצייכע־נונגען פון דאטען, נישט געמאכט קיינע ביאָגראפישע נאָטי־צען און ניט געהאלטען קאפּיעס פון בריוו".

„און אפילו ווען איך וואָלט יאָ אזעלכע זאכען מיט גרויס פאָרזיכט אָפּגעהיט, וואָלט איך קיין מוט ניט געהאט איצט מיט זיי זיך צו באַנוצען. פּנים אל פּנים מיט דער ווי־דעראויפוואכונג פון יענעם פאָלק צו וועלכען אליין, נאָט האָט געגעבען די אויסצייכענונג, און יעדע פעריאָדע פון איר עק־

זיסטענץ, — צו טראנספאָרמירען אייראָפּא, — זעט אויס יעדע אינדיווידועלע ביאָגראַפיע אזוי קליין און אומבאדייטענד, ווי א וועקסען ליכטעל, וואָס ווערט אָנגעצונדען אין אנגעזיכט פון דער אויפגעענדער זון״.

„פון דעסטוועגען וועל איך אין די דאָזיגע בלעטער אריינמישען אזעלכע פארצייכענונגען פון פאסירונגען, וועלכע איך האָב ביינעוואוינט און וועגען די מענשען, וועלכע איך האָב געקאָנט, — וואָס קאָן דינען מער פארשטענדליך מאכען די אייראָפּעאישע באוועגונג אין לויף פון לעצטען דריטעל יאָרהונדערט. איך וועל אויך צוגעבען אזעלכע פערזענליכע עררינערונגען, וועלכע ווען אַם בעסטען קאָנען דערקלערען די אורזאכען און דעם צוועק פון די דאָזיגע שריפטען, און וועלכע זיינען ענג פארבונדען מיט דעם פּראָגרעס און דער אנטוויקלונג פון יענע פּאסירונגען, וועלכע שוין היינט צו טאָג, פארזיכערען דעם ענדגילטיגען נצחון פון די צוויי הויפט עלעמענטען פון דער קומענדער עפּאָכע, דאָס פאָלק און נאציאָנאליטעט!״

„אָפטמאָל איז מיין שטימע געווען דער קול פון די מאַסען, דער אויסדרוק פון דעם קאָלעקטיווען געדאנק פון אונזער יוגענד, — די איניציאַטאָרען פון דער צוקונפט״.

„און וועלכען ווערט מיינע שריפטען וועלכע האָבען, וועט עס זיין די ווערט פון א היסטאָרישען דאָקומענט. צוליב דעם, וועט די באשרייבונג פון וועלכען ניט איז אומשטאנד, וואָס קאָן דינען צו באשטעטיגען זייער ריכטיגקייט, און צו באווייזען זייער אינטימען צוזאמענהאנג מיט די אמת׳ע טענדענצען פון איטאליען, — פיליינכט פריער אָדער שפּעטער ניצליך זיין״.

„און מעגליך, זיך אריינגריבלענדיג אין דעם מקור פון דער איטאַליענישער באַוועגונג, וועלען מיינע לאַנדסלייט קאָנען לייכטער און בעסער פארשטיין די טעות'ן און די חסרונות פון דער געגענוואַרטיגער צייט".

דזשוזעפּאַ מאַציני.

ב.

וועגען נאַציאָנאַליזם *)

די פאָלגענדע ציטאַטע איז ארויסגענומען פון די הערות, וועל־כע דזשוזעפּאַ מאַציני האָט אָנגעשריבען צו די סטאַטוטען פון „יונג איטאַליען" אין דער יאָר 1833.

„מאָראַלע און פּאָליטישע פּרינציפּען פון דער אַסאָציאַ־ציע".

„די וועלט ווערט רעגירט פון איין איינציגען מאָראַלען געזעץ — דער געזעץ פון פּראָגרעס".

דער מענש איז באַשאַפען געוואָרען פאַר אַ גרויסען צוועק. דער ציל פאַר וועלכען ער איז באַשאַפען געוואָרען, איז די אינדיווידועלע ווי אויך די אָרגאַניזירטע אַנטוויקלונג פון זיינע פעאיגקייטען".

„דער מיטעל, וועלכער איז דעם מענשען געגעבען גע־וואָרען, מיט וועלכען צו דערגרייכען דעם דאָזיגען ציל, — איז, די געזעלשאַפטליכע פאַראייניגונג מיט זיינע מיטמענ־שען". „

---

*) די ציטאַטען, וועלכע ווערען דאָ געבראַכט אין דיזען קאַפּיטעל, ווערען ווי ווייט מעגליך געשטעלט אין כראָנאָלאָגישער רייע.

„די פעלקער וועלען נאָר דאמאָלסט קאָנען דערגרייכען דעם העכסטען פונקט פון דער אנטוויקלונג צו וועלכער זיי זיינען פעאיג, ווען זיי, די פעלקער, וועלען זיין פאראייניגט אין איין איינציגען בונד, און וועלען שטרעבען אין א געמיינשאפטליכע ריכטונג, רעגולירט פון די דערמאָנטע פּרינציפּען".

„יונג איטאליען אנערקענט אלזאָ די אוניווערסאַלע אַסאָציאַציע פון די פעלקער, אלס דעם ענד־ציל פון די באַשטרעבונגען פון אלע פרייע מענשען".

„זי אנערקענט און פּראָפּאַגאַנדירט די פאַרברידערונג פון די פעלקער".

„כדי אָבער די פארשיידענע פעלקער זאָלען קאָנען הארמאָנישען פאָרשריט מאַכען אויפ'ן וועג צו זייער געמיינשאפטליכער פאַרבעסערונג, — איז עס דורכאויס נויטיג אלס פּאָרבאַדינג, אז זיי זאָלען קאָנען אָנהויבען זייער פּראָגרעס פון א געמיינזאמען באַזיס פון גלייכהייט. איידער זיי קאָנען ראוי ווערען צו מיטגלידערשאַפט אין דער גרויסער אסאָציאציע, איז דורכאויס נויטיג זיי זאָלען האָבען א באַזונדער עקזיסטענץ, נאָמען און קראַפט".

„יעדער פאָלק איז דאריבער מחויב זיך צו קאָנסטיטואירען אין א נאַציע, איידער עס באַשעפטיגט זיך מיט דעם פּראָבלעם פון דער מענשהייט".

„אָן אמת'ע נאַציע קאָן ניט עקזיסטירען אָהן איינינקייט. און פּערמענענטע איינינקייט איז ניט מעגליך אָהן אומאָפּהענגינקייט!"

„דעספּאָטען, וועמעס ציל איז אָפּצושוואַכען די מאַכט

פון די פעלקער, זוכען אימערצו די צעגלידערונג פון יעדען פאָלק".

„ס'איז ניטאָ קיין אומאפהענגיגקייט אָהן פרייהייט!"

„כדי א פאָלק זאָל קאָנען ווי געהעריג איז אָפּהיטען זיין אומאָפּהענגיגקייט, איז נויטיג, אז דער דאָזיגער פאָלק זאָל זיין פריי. בלויז פ ר י י ע פעלקער קאָנען אורטיילען איבער די מיטלען מיט וועלכע אָנצוהאלטען זייער אומאָפּהענגיגקייט... ווייל זיי זיינען אליין גענוג פאראינטערעסירט אין דער אויפהאלטונג פון די דאָזיגע רעכט, צו זיין גרייט פאר זיי זיך מקריב צו זיין. און זיי זיינען טאַקע מחויב אזוי צו האנדלען".

„דער ציל פון „יונג איטאליען" איז דאריבער, צו דערגרייכען די איינינקייט, אומאפהענגיגקייט, און פרייהייט פון איטאליען".

* * *

קאָסמאָפּאָליטיזם און נאַציאָנאַליזם

(1834)

„אויב מיר פארשטייען אונטער דעם וואָרט ק אָ ס מ אָ פּ אָ ל י ט י ז ם, די פארברידערונג פון אלע מענשען, ליבע צו אלע מענשען, די אָפּשאפונג פון יענע פיינדליכע באגרענצונגען און באריערען, וועלכע צעטיילען און פאראורזאכען אנטאגאָניסטישע אינטערעסען צווישען פעלקער, — דאן זיינען מיר אלע קאָסמאָפּאָליטען!"

„אָבער בלויז באהויפּטען די דאָזיגע אמת'ן איז ניט גענוג."

„פאר אונז איז דער ריכטיגער פרוביר־שטיין די פראגע

פון דער מעגליכער פארווירקליכונג. ווי אזוי קאָנען מיר ביי־קומען די צווישען זיך אַלעאירטע רעגירונגען, וועלכע זיינען באַגרינדעט אויף פּריווילעגיע?"

„אזא זאך דורכצופירען פאָדערט זיך פאראייניגטע קרעפטען. דערצו איז נויטיג אַן אָרגאַניזאציע. און יעדער אָרגאַניזאציאָנס מיטעל מוז האָבען א באשטימטען אויס־גאנגס־פּונקט, ווי אויך א באשטימטען צ י ל".

„ווען מען פאנגט אָן בויען א הויכע געביידע, קאָן מען אָהן א הויב־שטאנג ניט אויסקומען. און א הויב־שטאנג איז נאָר דאמאָלסט ניצליך, ווען עס האָט א זיכערען באזיס אונ־טער זיך, אויף וועלכען זיך אָנצושפּארען בשעת ער איבט אוים זיין כח".

„פאר אונז איז דער אויסגאנגס־פּונקט: דאָס פאָטער־לאנד; דער ציל, — די קאָלעקטיווע מענשהייט".

„אַלע די אזוי אָנגערופענע קאָסמאָפּאָליטען, וועלכע לייק־קענען אָפּ די ספּעציעלע מיסיע פון די באזונדערע ראסען, און וועלכע האָבען בלויז פאראכטונג פאר דער אידייע און פאר דער ליבע צו נאציאָנאַליטעט, די זעלבע, וויבאלד עס דערהויבט זיך וועלכע ניט איז פראגע פון אקציאָן אָדער אָר־גאניזאציע, — זוכען צו מאכען זייער אייגען לאנד, אָדער זייער אייגענע שטאָט פאר דעם צענטער פון דער באוועגונג. ז י י ש א פ ע ן נ י ט א ָ פּ ד י נ א צ י א ָ נ א ל י־ט ע ט, נ א ָ ר ז י י ק א ָ נ פ י ס ק י ר ע ן א ַ ל ע א י ב־ר י ג ע נ א צ י א ָ נ א ל י ט ע ט ע ן ל ט ו ב ת ז י י ע ר א י י ג ע נ ע ר".

„אָן אתה־בחרתנו פאָלק, א נאפּאָלעאָן־פאָלק, איז דאָס לעצטע וואָרט פון אַלע זייערע סיסטעמען. אַלע זייערע פארניינונגען פון דעם נאציאָנאַליזם בכלל, טראָגען אין זיך

דעם וואָרעם פון אַן אוזורפּירענדען נאַציאָ־נאַליזם; אוזורפּירענד, ווען ניט דורך וואָפען, איז עס דורך דעם אָננעמען אויף א חוצפה'דיגען אופן, אַ שטענדיגע, אויסשליסענדע מאָראַלע און אינטעלעקטועלע איני־ציאַטיווע, — וועלכע איז פּונקט אזוי געפערליך פאר יענע שוואַכע פעלקער, וועלכע בויגען זיך פאר דעם, ווי וועל־כע אַן אַנדער פאָרם פון אוזורפּאַציע".

דזשוזעפּא מאַציני האָט געגלויבט, דאָס די געגנער פון דער אידייע פון נאַציאָנאַליזם, ווערען אומבאַוואוסטזיניגערהייט באַיינ־פלוסט פון פאָראורטיילע.

זיי נעמען, זאָגט ער, זייער דעפיניציע פון דעם וואָרט „נאַ־ציאָנאַליזם" פון דער פאַרגאַנגענהייט. דערפון נעמט זיך טאַקע זייער געגנערשאַפט און זייער חשד.

אָבער מיר, — זאָגט ער ווייטער, — מיר וועלכע גלויבען אין דעם קאָלעקטיווען לעבען פון דער מענשהייט, פאַרוואַרפען די באַגריפען פון יענער פאַרגאַנגענהייט.

„די נאַציאָנאַליטעט, וועלכע מיר פּרעדיגען, קאָן בלויז פון פרייע און פאַרברידערטע פעלקער דעפינירט ווערען. די דאָזיגע נאַציאָנאַליטעט פון די פעלקער, ווי מיר שטעלען זיך פאָר, האָט נאָך ביז איצט ניט עקזיס־טירט, — עס איז די אויפגאַבע פון דער צוקונפט."

„אין דער פאַרגאַנגענהייט געפינען מיר בלויז איין סאָרט „נאַציאָנאַליזם". דאָס איז געווען דער נאַציאָנאַליזם, וועלכער איז באַשטימט געוואָרען פון די קעניגע, אין פּאָלי־טישע אָדער מיליטערישע אָפּמאַכען צווישען די פּריווילעגיר־טע משפחות."

די דאָזיגע קעניגע האָבען אין זינען געהאַט בלויז זייערע אייגענע אינטערעסען; און די דערמאָנטע אָפּמאַכען זיינען

פארפאסט געוואָרען אין געשלאָסענע קאבינעטען, פון פער־זאָנען, וועלכע האָבען קיין אמת'ע מיסיע ניט געהאַט. די פאָלקס־מאסען האָבען קיין שום דעה אָדער איינפלוס ניט געהאַט אין די דאָזיגע באשלוסען, וועלכע האָבען אָנגערירט זייערע בלוטיגסטע לעבענס אינטערעסען; — קיין הויכע השגה פון הומאניזם האָט נישט באגייסטערט די דאָזיגע אויטאָקראַטישע הערשער, — טאָ ווי אזוי קאָן מען צו זיי צושרייבען וועלכע ניט איז „הייליגקייט?"

„פון אזעלכע אויטאָקראטישע אקטען איז ארויס א פאר־אכטליכער, און אומווירדיגער „נאציאָנאליזם", וועלכער איז בלויז א נאָכקרימעניש; א קאריקאטור אין פארגלייך מיט דעם אמת'ן נאציאָנאליזם ווי מיר פארשטייען עס היינט צו טאָג".

דזשוזעפא מאציני רעדט אָבער פון דעם נאציאָנאליזם פון די פעלקער מאסען. ער האַלט פיל פון דעם ווערט פון ביישפיל.

„דאָס ערשטע פאָלק, — שרייבט ער, — וואָס וועט זיך דער־הויבען אין נאָמען פון דאָס נייע לעבען פון די פעלקער, וועט אָפּוואַרפען יעדען געדאנק פון עראָבערונג און פון מלחמה־זיג, — א חוץ נאטירליך, דאָס באזיגען פון הערצער און מוחות דורך ביישפיל און דורך דעם אפאָסטאָלאַט פון אמת!"

„די פעריאָדע פון קאָסמאָפּאָליטיזם איז דאריי־בער צום ענדע, די פעריאָדע פון הומאניטעט האָט זיך אָנגעהויבען".

און הומאניטעט, לויט מאציני'ס לערע, איז דער פרייוויליגער פארבאנד פון די פעלקער, וואָס וועט דורך אלגעמיינעם פרידען און

אין ליבע, פאר זיי מעגליך מאכען די ערפאָלגרייכע דורכפירונג פון זייער פארשיידענאַרטיגער מיסיע.

די דאָזיגע אָרגאניזאציע פון פרייע און גלייכבארעכטיגטע פעלקער וועט מאכען פאָרשריט, אָהן שום אויסערליכע שטערונגען אָדער הינדערניש, און אירע מיטגלידער וועלען זיך געגענזייטיג שטיצען, און פּראָפּיטירען פון דער דאָזיגער ברידערליכער מיטהילף, אין... „דער פּראָגרעסיווער אנטוויקלונג פון דער ריכטליניע, וועלכע גאָט האָט אָפּגעשטעמפּעלט אויפ׳ן וויגעל, אויף דעם פארגאנגענעם לעבען, אויף דער נאַציאָנאַלער אידיאָמע, און אויף דער פיזיאָנאָמיע פון יעדען פאָלק״.

די דאָזיגע פּראָגרעסיווע אנטוויקלונג פון די באזונדערע פעלקער וועט ניט טראָגען אין זיך קיין שום געפאר פון לאנד־פארלוסט אָדער פון וועלכער עס איז אנדער פאָרם פון אָנטערעכטונג פאר די אנדערע פעלקערשאפטען, ווייל — „קיין מענש־קעניג ווי אויך קיין קעניג־פאָלק וועט ניט זיין, עס וועט נאָר עקזיסטירען אן אסאָציאציע פון ברידער, וועמעס אינטערעסען און ציל איז איין און דערזעלבער״.

„דער געזעץ פון פליכט, אָפען אנערקענט און אקצעפּטירט, וועט פארנעמען דעם אָרט פון יענע נייגונג צו אוזורפּירען די רעכט פון אנדערע, וועלכע האָט ביז איצט באהערשט די צווישענפעלקערליכע באציאונגען״.

דער רעגירענדער פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ, זאָגט ער ווייטער, וועט מער ניט זיין וואָס לענגער אָנצוהאלטען די שוואכקייט פון אנדערע, נאָר די פארבעסערונג פון אלע, די באמיאונגען פון אלע, דער פּראָגרעס פון דעם איינצעלנעם פאָלק לטובת די אלע איבעריגע פעלקער.

„און פאר אָט אזא צוקונפט דארפען מיר פון איצט אָן ווידמען אלע אונזערע כחות״.

* * *

„זיך אונטערנעמען אפּצומעקען דעם סענטימענט פון פאָטערלאַנד אין די פעלקער, אונטערצודריקען י ע ד ע נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט, צענויפמישען די פארשיידענע מיסיעס, וועלכע גאָט האָט אָנפארטרויט צו די באזונדערע שבטים פון דער מענשליכער משפחה, ארונטערצושלעפּען די פארשיידענע אסאָציאציעס פון מענשען צו דער כאַאָטישער ניווא פון אַ ציל־לאָזען קאָסמאָפּאָליטיזם, — הייסט אומ־שטירצען און צעברעכען דעם לייטער אויף וועלכען די מענש־הייט קאָן זיך דערהויבען צום אידעאַל".

דאָס צו פּרובירען, איז לויט מאַציני'ס מיינונג, „זיך אונטער־נעמען דאָס אונמעגליכע", — און די כחות, וואָס ווערען פאר אַזא צוועק פארוועגדעט, זיינען בלויז אומזיסט פארשווענדטע קרעפטען, וועלכע וועלען זיך ארויסווייזען אומפעאיג „איבערצואָנדערשען אָדער צו פעלשען דעם כאַראַקטער פון דער עפּאָכע, וועמעס אמת'ע מיסיע איז צ ו ה א ר מ אָ נ י ר ע ן ד י א י ד י י ע פ ו ן נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט מ י ט ד ע ר א י ד י י ע פ ו ן ה ו מ אַ נ י ט ע ט, — און אלץ, וואָס די געגנער פונ'ם פּראָגרעס און נאַציאָנאַליזם קאָנען אויפטאָן, איז „צו הינדערען אָדער פאר־ציען דעם ציל דערגרייכונג פון דער דאָזיגער מיסיע".

„דער מענשהייטס־פּאַרטראַג קאָן ניט אונטערגע־חתמ'עט ווערען פון יחידים. אונטערשרייבען קאָנען נאָר פרייע און גלייכבארעכטיגטע פעלקער, וועלכע האָבען אַ נאָ־מען, אַ באַנער, און דעם באַוואוסטזיין פון אַ באַשטימטע אינדיווידועלע עקזיסטענץ!"

און ווייל מען דאָס די פעלקער זאָלען ווערען אידעאַלע, מוז מען צו זיי רעדען „אין נאָמען פון לאַנד און פון נאַציאָנאַליטעט". „די פעלקער וועלען קיינמאָל ניט קאָנען נעמען קיין

באשטימטע איניציאטיווע, כל זמן זיי וועלן ניט האָבן א באשטימטע ראָלע צו שפּילן".

„פאַרפאַלקאָמען דאָס גאַנצע ווערק קאָן מען ניט דורך צעבערעכען די ווערקצייג. דעם הויבשטאַנג קאָן מען מער ניט געברויכען ווען מען ציט פון אונטען ארויס דעם אָנהאַלט אויף וועלכען ער באזירט".

„נאַציאָנען פארשווינדען ניט, איידער זיי פירען דורך זייער מיסיע. די דאָזיגע פעלקער קענט איר ניט פארניכטען דערמיט, וואָס איר לייקענט אָפּ זייער שליחות. איר קענט בלויז פארציען זייער אָרגאַניזירונג און שטערען זייער טעטיגקייט".

* * *

די נאַציאָנאַליטעטען־פראַגע, האָט מאַציני באטראַכט ניט ווי די אנערקענונג פון לאָקאַלען שטאָלץ, אָדער די דערגרייכונג פון געוויסע ארטיגע רעכט. ער האָט עס פארשטאַנען ווי — „א פּראָבלעם פון דער אייראָפּעאישער פאַנאַנדערטיילונג פון דער ארבייט". ער האָט פעסט געגלויבט, אז די נאַציאָנאַליטעטען פראַגע וועט ליפערן דעם נאָמען צו דעם יאָרהונדערט.

אין דעם יאָר 1849, קורץ נאָך דעם פאַלען פון דער רעוואָלוציאָנערער רעפּובליק אין רוים, האָט דזשוזעפּאַ מאַציני אָנגעשריבען זיין שוין פריער דערמאָנטע גלענצענדע שריפט „דער הייליגער אַליאַנץ פון די פעלקער". א פעלקער־בונד, וועלכער זאָל זיין באזירט אויף דעם יסוד פון פרייער נאַציאָנאַליטעט, און וואָס זאָל דינען ווי א געגען קראַפט צו דעם „הייליגען" אליאַנץ פון די הערשער, די קעניגע און די פּרינצען, וועלכער די לעצטע האָבן געגרינדעט אין יאָר 1815, באַלד נאָך דעם פאַלען פון קייזער נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע.

דער שרעק פאר׳ן פאָלק, דער אימת־מות פאר א מאסען־אויפ־שטאנד, דער דראָהענדער גייסט פון רעבעליאָן, — זייער געמיינ־שאפטליכער שונא, — האָט געטריבען די הערשער און די טיראנען פון איירָאָפּא צו גרינדען דעם דאָזיגען „הייליגען” בונד. און אין דער דערמאָנטער שריפט, אגיטירט מאציני פאר דער פאָרמירונג פון א הייליגען בונד פון די פעלקער, אין קאמף קעגען זייערע הערשער און אונטערדריקער.

און ער שרייבט דאָרט:

„עס איז אונזער פליכט צו באקעמפען דעם דאָזיגען בונד פון די פרינצען דורך א „הייליגען בונד פון די פעלקער”.

„מיר זיינען פארפליכטעט צו קאָנסטיטואירען דעמאָקראטי. און כדי דער בונד פון די פעלקער זאָל זיך קאָנען אנטוויקלען, שטארק און ארבייטס־פעאיג ווערען, און אויך האָבען אויסזיכטען אויף ערפאָלג, מוז ער זיך קודם כל שטיצען אויף א פעסטען פונדאמענט, און דער דאָזיגער פונדאמענט איז די נאציאָנאליטעט!”

„פון דער צייט ווען די אידייע פון דעם פראָגרעסיוו קאָלעקטיווען צוזאמענלעבען פון דער מענשליכער ראסע, איז א דאנק לאנג יאָריגען היסטאָריש און פילאָזאָפישען שטודיום, — געוואָרען דער אקצעפּטירטער גלויבען פון די גרעסטע אינ־טעלעקטען פון אונזער יאָרהונדערט, איז „די מענש־הייט” אנערקענט געוואָרען ווי דאָס העכסטע ציל פון יע־דער העכערער שטרעבונג און פון יעדען פּראָגרעס.

„פון דער דאָזיגער אנערקענונג, האָט זיך לאָגישערווייז, אנטוויקעלט דער באגריף פון דער נאציע אלס פאר־מיטלערין צווישען דער מענשהייט און דעם איינ־

צעלנעם מענשען, וועלכער, ווען איבערגעלאָזען צו זיינע שוואכע אינדיווידועלע באמיאונגען, אָהן דער מיטהילף פון דעם קאָלעקטיווען כח פון די מיליאָנען מענשען, וועלכע רעדען די זעלבע שפראך, און האָבען די זעלבע מנהגים, טענדענצען און טראדיציעס, — מוז צוליב זיין אומפעהיגקייט צו טאָן בעסערס, אראָפזינקען אין דעם תהום פון עגאָאיזם".

און עגאָאיזם — „איז דער שליסליכער און שענדליכער פועל יוצא פון די טעאָריען פון די קאָסמאָפּאָליטען".

„דער אבסורדער און ניט מאָראלער "Ubi bene, ibi Patria" (וואו מיר איז גוט, דאָרט איז מיין פאָטערלאנד) איז דער גרונד־זאַץ פון די באגרינדער פון דעם קאָסמאָפּאָליטיזם".

און די אידייע פון נאציאָנאליזם, זאָגט מאַציני, איז אנטשטאַנען אין דער ריכטיגער צייט, צו פארפילפאכען די כחות פון דעם יחיד, און באוואוסט מאכען די מיטלען מיט וועלכע די ארבייט און אָפּפער פון יעדען איינצעלנעם מענשען קאָן ווירקזאם און ניצליך ווערען פאר דער גאנצער מענשהייט.

* * *

„אָהן דער נאציע איז ניטאָ קיין מענשהייט. פונקט ווי עס קאָן ניט זיין קיין שנעלע און פרוכטבארע ארבייט, אָהן א ריכטיגע אָרגאניזירונג און אָהן א סיסטעמאטישער צעטיילונג".

„די פעלקער זיינען די בירגער פון דער מענשהייט, אזוי ווי די יחידים זיינען די בירגער פון דער נאציע".

„דער יחיד לעבט א צווייפאכען לעבען, אן אינערליכען און א רעלאטיווען. דאָס זעלבע איז אויך אמת בנוגע גאנצע פעלקער".

„אזוי ווי יעדער יחיד איז מחויב צו שטרעבן צו פאַר־גרעסערן דעם כח און נוצליכקייט פון זיין ספעציפישער פונק־ציע, אזוי זאָל אויך יעדע נאַציע, דערפילענדיג איר באַזונ־דערע שליחות, לויט אירע באַזונדערע פעאיגקייטען, — בייטראַגען איר טייל פון דער אַלגע־מיינער אַרבייט, און אויף אַזאַ אופן פאַרגרעסערען דעם פּראָגרעסיווען פאַרשריט פון דער גאַנצער מענש־הייט".

„נאַציאָנאַליטעט און הומאַניטעט זאָלען דעריבער באַ־טראַכט ווערען ווי גלייך הייליג".

צו פאַרגעסען אָן דער מענשהייט, הייסט אונטערצודריקען און אָפּמעקען דעם ציל פון אונזערע שטרעבונגען. אויסמעקען די נאַציע, איז די פאַר־ניכטונג פון דעם אינסטרומענט, אָהן וועלכען מען קאָן דעם ציל ניט דערגרייכען!"

* * *

אין זיין מייסטערהאַפטע ווערק „אי דאָוועריי דעל אואָמאָ", (די פליכטען פון דעם מענשען), ווידמעט מאַציני א גאַנצען קאַ־פּיטעל צו די „פליכטען צום פאַטערלאַנד".

אין דעם דאָזיגען קאַפּיטעל רופט ער אָן די באַזונדערע לענ־דער, די „ווערקשטאַטען פון דער מענשהייט". ווערקשטאַטען אין וועלכע יעדע פאָלק אַרבייט און שאַפט אויף זיין אייגענאַרטיגען שטייגער, לטובת דער גאַנצער וועלט.

מאַציני איז א פאַטריאָט. דער פאַטריאָטיזם פון וועלכען ער האַלט, און וועלכען ער פּרעדיגט, איז א הויכער, א ריינער, אַן איי־דעלער, אַן אַלטרואיסטישער פּאַטריאָטיזם. א פּאַטריאָ־

טיזם, וואָס אונטערשיידעט זיך ווי טאָג פון נאַכט, פון יענער נאָכקרימעניש, וואָס ווערט אָנגערופען —„מאָרד־פּאַטריאָ־טיזם". און ער רופט די מענשען, זיינע ברידער, זיי זאָלען ליבען דעם פאָטערלאַנד.

„אונזער פאָטערלאַנד איז אונזער היימאַט. ס'איז די הויז, וועלכע גאָט האָט אונז געגעבען. דאָרט געפינט זיך א גרויסע משפּחה, וועלכע ליבט אונז און וועלכע מיר ליבען. א פאַמיליע מיט וועמען מיר סימפּאַטיזירען מער, און ווע־מען מיר פאַרשטייען לייכטער ווי אנדערע; און וועלכע דורך דעם, וואָס זי איז קאָנצענטרירט ארום א געוויסען פּונקט, איז פון דער אייגענאַרטיגער נאַטור פון אירע על־מענטען, באַזונדערס צוגעפּאַסט צו א ספּעציעלער צווייג פון טעטיגקייט".

* * *

„אונזער לאַנד איז דער אָרט פון וואַנען די שאַפונגען פון אונ־זער אַקטיוויטעט ווערען פאַנאַנדערגעשיקט לטובת דער גאַנצער וועלט".

„דאָרט איז אָנגעזאַמעלט די ארבייטסגעצייג, וועלכע מיר קאָנען אַם בעסטען און אַם ניצליכסטען באַנוצען. די דאָזיגע געצייג טאָרען מיר ניט פאַרוואַרפען, סיי־דען מיר ווילען באַוואוסטזיניגערהייט אליין אָפּשוואַכען אונזער אייגענעם כח".

* * *

מאַציני פאַרגלייכט אויך די מענשהייט צו א גרויסער ארמיי, וואָס מאַרשירט „איינצונעמען נאָך־אומבאַקאַנטע לענדער" און ווע־מען עס קומט אוים צו קעמפען קעגען מעכטיגע און כיטרע שונאים.

די באַזונדערע פעלקער זיינען געגליכען צו די פאַרשיידענע קאָרפּוסען און דיוויזיעס פון דער דאָזיגער ארמיי. יעדע דעוויזיע האָט דורכצופירען אירע ספּעציעלע אויפגאַבען; און דער אַלגעמיינער און ענדגילטיגער נצחון הענגט אָפּ „אָן די פּינקטליכקייט מיט וועלכע די דאָזיגע פאַרשיידענע אויפגאַבען ווערען דורכגעפירט".

און ער אַפּעלירט דערפאַר, מען זאָל ניט שטערען דעם „גאַנג פון דעם קאַמף".

„פאַרלאָזט ניט די פאָן, וועלכע גאָט האָט אייך געגעבען. וואו נאָר איר געפינט זיך, אין מיטען פון דעם פאָלק, אין וועלכען די אומשטאַנדען האָבען אייך געשטעלט, זייט תמיד גרייט צו קעמפען פאַר דער פרייהייט פון דעם דאָזיגען פאָלק".

ניט אין א ר ע אַ ק צ י אָ נ ע ר ע ן אָדער אין א ש אָ־ וו ע נ י ס ט י ש ע ן זינען האָט זיך מאַציני פאָרגעשטעלט „אָן א מ ת ׳ ע ן פאָטערלאַנד" ווי ער רופט עס אָן.

„אַן א מ ת פאָטערלאַנד, איז א געמיינדע פון פרייע מענשען צווישען, וועלכע עס הערשט פולשטענדיגע ג ל י י כ ה י י ט און ב ר י ד ע ר ל י כ ק י י ט".

„ס׳איז ניטאָ קיין אמת פאָטערלאַנד. דאָרט וואו די דאָזיגע מענשענרעכט ו ו ע ר ע ן פ אַ ר ג וו אַ ל ט י ג ט ד ו ר ך ד ע ר ע ק ז י ס ט ע נ ץ פ ו ן א ו י ב ע ר ע ש י כ ט ע ן, פ ו ן פּ ר י וו י ל ע ג י ע ס א ו ן פ ו ן א ו מ ג ל י י כ ה י י ט".

„אין נאָמען פון יענער אלטרואיסטישער ליבע, מיט וועלכע איר ליבט אייער פאָטערלאַנד, מוזט איר באַקעמ־פען דעם עקזיסטענץ פון פריווילע־גיעס און אומגלייכהייט אין אייער אייגען לאַנד".

מאַציני אנערקענט בלויז איין איינציגע פריווילעגיע און הע־בערע מאַכט, און דאָס איז:

די פריווילעגיע פון געניאַליטעט וואו זי אַנטפּלעקט זיך פאַראייניגט מיט טוגענד".

אָבער אַזאַ מין פריווילעגיום איז א גאָט'ס גנאַד, און ווען דער מענש אַנערקענט זי און פאָלגט נאָך איר אינספּיראַציע, טוט ער עס פרייוויליג, געברויכענדיג פארנונפט און אייגענעם פרייען אויסוואַל.

יעדער אַנדער פריווילעגיע, באַזירט אויף מאַכט אָדער אויף ירושה־רעכט, וועלכע פאָדערט די בלינדע אונטערטעניגקייט פון דעם מענשען, איז

„אַן אוזורפּאַציע און א טיראַניי, וועלכע מיר זיינען פאַר־פליכטעט צו ווידערשטיין און צו פאַרניכטען".

דזשוזעפּא מאַציני האָט פאַרמאָגט א קלאָרען, מען קאָן זאָגען פּראָפעטישען בליק, אין דער צוקונפט. פילע פון זיינע מיי־נונגען און פאָראויסזאָגונגען בנוגע דער רעאָרגאַניזירונג פון אייראָ־פּאַ, שטייען היינט צו טאָג אויף דעם סדר היום פון די צווישען פעלקערליכע אינטערעסען.

„די לאַנד־קאַרט פון אייראָפּאַ וועט איבערגעאַנדערשט ווערן".

און קודם כל, זאָגט ער, מוז מען טיכטיג אויסאַרבייטען דעם אינסטרומענט אויף דורכפירען די דאָזיגע גרויסע ענדערונג.

„איידער מען פאַנגט אָן בויען, מוז דער באָדען זיין אָן איינגענער".

„די סאָציאַלע אידייע קאָן ניט פאַרווירקליכט ווערען איידער עס קומט פאָר די דאָזיגע גרויסע רעאָרגאַניזאַציע. איידער די פעלקער זיינען פריי אין זייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג און זעלבסטשטענדיגקייט, און איידער זיי זיינען פריי צו פאַרזיכערען דעם טריאומף פון די העכסטע אידעאַלען, דורך א פ ע ל ק ע ר א ל י א נ ץ אויפ'ן אָרט פון דעם אויטאָקראַטישען אַליאַנץ פון די הערשער, וואָס עקזיסטירט אַצינד".

* * *

און צום שלום, ברייננען מיר די פאָלגענדע נבואה פון דזשוזעפּאַ מאַציני:

„די לאַנד־קאַרטע פון דער וועלט וועט איבערגעצייכענט ווערען אויף דאָס ניי. פעסטגעשטעלט דורך דער אָפּשטימונג פון די מאַסען זעלבסט, וועלען זיך די לענדער פון די פעלקער דערהויבען אויף די חורבות פון

די לענדער פון די קעניגע און פון די פריווילעגירטע שיכטען, — און צווישען זיי וועלען הערשען ברי־דערליכע און הארמאָנישע באציאונ־גען".

„און צעטיילט לויט לאָקאַלע און לויט אַלגעמיינע פע־איגקייטען, וועט די ארבייט פון דער מענשהייט, — די אר־בייט פון דער לאנגזאמער אנטדעקונג און אַנפּאסונג פון דעם געזעץ פון לעבען, — אויסגעבילדעט ווערען אין א ברידער־ליכער און הארמאָנישער אנטוויקלונג און פאָרטשריט".

„געהאָלפען פון דער ליבע פון די מיליאָנען, וועלכע רע־דען די זעלבע שפּראך, זיינען באַלעבט מיט די זעלבע שטרע־בונגען, און דערצויגען אין די זעלבע היסטאָרישע טראדי־ציעס, — וועט דער יחיד דאמאָלסט קאָנען האָפען ניצליך צו זיין דער גאנצער מענשהייט, אויך מיט זיין אינדיווידו־עלער אָנשטרענגונג".

ג

שלום־וואָרט

אין אונזערע טעג מאַכט די מענשהייט דורך א גרויסע היס־טאָרישע עפּאָכע, וועלכע שיינט צו זיין דער פאָרשפּיל צו דער נאציאָנאלער און סאָציאלער באפרייאונג פון די פעלקער. מיר לעבען איבער די בלוטיגע נאָכוויי ענישען פון דער גרויסער וועלט־מלחמה, — נאָכווייענישען פון נאציאָנאלען האס, און נאציאָנאלען קאמף און פון סאָציאלע קאַ־טאַקליזמען.

באַלאַדען מיט אַ שרעקליכער ירושה, האַלב־בלינד, טאַפּט די מענשהייט און זוכט דעם וועג, וואָס זאָל זי אַרויספירען פון דעם פאַרבלוטיגטען תהו ובהו פון דער איצטיגער צייט.

צו זאָל אונז דען ניט דינען, ווי אַן עמוד האש אין דעם דאָזיגען שרעקענספולען ווירוואַר, די ליכטיגע געשטאַלט פון דזשוזעפּאַ מאַציני, זיין הערליכער גלויבען, און זיין העראָאישער קאַמף?

צו זאָל אונז דען ניט זיין לערע וועגען אַ **האַרמאָנישער צוזאַמענשמעלצונג פון דער אידייע פון פרייער נאַציאָנאַליטעט מיט די העכסטע סאָציאַלע אַספּיראַציעס**, ווייזען דעם וועג צו אַ פרייע און ליכטיגע צוקונפט?

און צו ליגט דען ניט דער באַשייד פון דער איצטיגער בלוטיגער רעטעניש, אין אַן אידעאַלען צושטאַנד פון צדק און יושר, ניט בלויז צווישען איינצעלנע מענשען, נאָר אויך צווישען גאַנצע פעלקער?

די טענדענץ פו דער איצטיגער צייט ווייזט, אַז דער דאָזיגער הויכער **הומאַניסטישער** אידעאַל, וועט אַלץ מער די האָפענונג פון דער ליידענדער מענשהייט. עס באַגייסטערט און קרעפטיגט די וועלכע ווידמען זיך צו דעם פאָרשריט און פרייהייט פון די אונטערדריקטע פעלקער. פאַר אונזערע אויגען האָבען זיך באַפרייט פעלקער זייט הונדערטער יאָרען אונטערדריקטע, פאַר אונזערע אויגען דערהויבען זיך צום פרייהייטס־קאַמף פעלקער שוואַכע און דערשלאָגענע.*)

---

*) פון באַזונדער וויכטיגקייט און אינטערעס איז דאָ ווערט צו פאַרצייכענען דער „קאָנגרעס פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטען", וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין רוים אין אַפּריל פון יאָר 1918. וועגען דעם דאָזיגען קאָנגרעס שרייבט דער פּראָפעסאָר פּיעטראַ סילוואַ:

אין אונזערע טעג צעקלינגען זיך שטימען פאר א ברידערליכע „פאראייניגטע שטאַאטען פון אייראָפּא", וועלכע זאָל זיך דערהויבען איבער די חורבות פון דעם נאָך בלוטענדען, פון סאָציאַלע אומוועלצונגען און נאַציאָנאַלע קאָנוואולסיעס צעטרייסעלטען אייראָפּעאישען קאָנטינענט. אַ פאראייניגטע שטאַאטען געבויט

„מערערע מאָל, אין לויף פון די זיצונגען האָט מען אויסגערופען דעם נאָמען מאַציני; עס קאָן באמת קאָנסטאַטירט ווערען, אַז דער גאַנצער קאָנגרעס איז געוועזן אָנגעפילט און אָנגעזאַפּט מיט דעם מאַציני'־שען גייסט, און באַבמער, מען קאָן אויך זאָגען, אַז דורכדעם ווערט פאַר־ווירקליכט איינע פון די פּאָראויסזאָגען פון דעם גרויסען פּריזהייטס אַפּאָסטעל. עס איז פון רוים, לויט דער אידייע פון מאַציני, דאָס דיזיזר וואָרט וועגען וועלט איינציגקייט דאַרף אַרויסקומען.

„דזשוזעפּא מאַציני איז איינער פון די ווייניגע מענשליכע ווערטען, וועלכע די געגענווארטיגע וועלט־מלחמה — אַ מעכ־טיגער ליקווידאַטאָר פון מענשען און פון סיסטעמען — האָט ניט אָפּ־געשוואכט, נאָר אין געגענטייל, פאַרשטאַרקט. אין אַ צייט ווען קעניגרייכען און אימפעריעס ברעק־לען זיך, בשעת געצען פאַלען פון זייערע פּעדעסטאַלען, און פילע אידעאַלען ווערען צעשמעטערט, שטייט מאַציני פעלזענפעסט. זיין באַגייסטערענדע אונטערשטיצענדע לערע קומט צו אונז צוריק פון יענעם אָקעאַן, איבערגעגאַסען אין די רעדעס פון פּרעזידענט ווילסאָן; זיין גייסט שוועבט אום איבער דעם צוזאַמענפאָר אין רוים, וועלכער צייכענט אָן אַ נייע ערא."

(אַרטיקעל אין .The New Europe — 9טען אַפּריל 1918).

אויף דעם יסוד פון דער פרייער נאציאָנאַלער עקזיסטענץ פון יעדען פאָלק, גרויס אָדער קליין. א פאראייניגטע שטאַאטען הארמאָניש פארבונדען אין אן אמת'ן פעלקער־בונד, א דעמאָקראטישער אליאנץ פון די פעלקער מאסען, און ניט ווי דער אמאָליגער „הייליגער אליאנץ" פון די הערשער און זיינע מאָדערנע נאָכאמונגען.

דאָס איז אויך די שטימע פון ז ש א ן ז ש אָ ר ע ס, דער נאָבעלסטער סאָציאליסט פון פאר דער וועלט מלחמה ; — א שטימע וואָס קלינגט צו אונז ווי פון זיין קבר.

אין זיין לעצטען ווערק "L'Armee Nouvelle" וואָס איז פאר־עפענטליכט געוואָרען נאָך זיין מארטירער טויט, און וועלכע איז געשריבען אין זיין כאראקטעריסטיש שיינעם און קרעפטיגען סטיל, שטעלט ער פעסט דעם געדאנק פון נ א צ י אָ נ א ל ע ן ס אָ ־ צ י א ל י ז ם מיט מערקווירדיגער קלאָרהייט און שארפזיניג־קייט.*)

די „נ י י ע מ ע נ ש ה י י ט" צו וועלכע עס שטרעבען אַלע פרייהייטס ליבענדע מענשען, אונטער וואָס פאר א פרייהייטס־פאָן זיי זאָלן ניט דינען, וועט, — אין די ווערטער פון זשאן זשאָרעס, — „ניט קאָנען זיין אינהאלטסרייך און לעבעדיג, סיידען די אָריגינאַליטעט פון יעדען פאָלק וועט זיך פארזעצען אין פאָל־

---

*) *Jean Jaures* "L'Armee Nouvelle" (Paris 1915)
"Mais ce haute ideal ils ne projettent pas dans la vide. Ils ne peuvent realizer qui dans la nation autonome, salon les methodes d'action et de combat que suggere ou qu'impose l'histoire de chaque pays avec les elements fournis par chacune des substances nationales. .(453 זייט)

IBID: .... Parce que l'Humanite Nouvelle ne sera Riche et vivante qui si l'originalite de chaque se prolongue dans l'harmonie totale, et si toutes les patries vibrent a la lyre humaine. .(458 זייט)

שטענדיגער הארמאָניע, און אַלע לענדער וועלען וויברירען צו דער מענשליכער לירע"....

די דעמאָקראטישע און רעפובליקאנישע אייראָפּא, וועלכע מאציני האָט פאָראויסגעזען, און צו וועלכע ער האָט געשטרעבט, האלט אין קומען. זי איז שוין איצט אומפארמיידליך. די אלטע דינאסטיען, די צארען און די קיסרים זענען געשטירצט, און די רעגירונגען גייען אריבער אין די הענט פון פאָלק. אידייען וועלכע מען האָט פריער באטראכט ווי פאנטאסטישע באגריפען פון א הייפּעלע אידעאליסטען, ווערען אין דער איצטיגער צייט, א דאנק דעם אויפשטייג פון דעם פּראָלעטאריאט צו פּאָליטישער מאכט, פארוואנדעלט אין ערענסטע פּאָליטישע פּראָבלעמען.

שוין באלד אריבער הונדערט יאָר פון דער צייט ווען מאציני האָט זיך צום ערשטען מאָל באוויזען אויף דער ארענא פון עפענטליכען לעבען, און האָט דער ערשטער אָנגעהויבען פּרעדיגען די דאָזיגע אוניווערסאלע פרייהייטליכע אידייען. דאמאָלסט האָבען זיי געקלונגען אוטאָפּיסטיש און פרעמד. דער בורבאָניזם איז נאָך געזעסען פעסט אין זאָטעל, און דער „פּאריא" האָט נאָך זיין קאָפּ נים אויפגעהויבען. היינט צו טאָג זיינען די זעלבע אידייען געווארען די פּאראָלען פון דער ליידענדער, אויפגעקלערטער, נאָך פריידען און פרייהייט דורשטענדער מענשהייט.

דער געגענוואַרטיגער אייראָפּעאישער כאאָס שטרייכט נאָך מער אונטער די נויטוועדיגקייט, ווי אויך די אומפארמיידליכקייט פון אינטערנאציאָנאלער הארמאָני און פרידען. און מער ווי ווען עס איז פריער ווערט קלאָר, אז דער ערפאָלג פון דעם קאמף פון די אונטערדריקטע פעלקער פאר זעלבסט־דערהאלטונג און נאציאָנאלע פרייהייט, איז א נויטיגער פאָרבאדינג, צו דער ערפּעננונג פון דעם וועג, וואָס פירט צו דעם דאָזיגען ציל.

טאָג טעגליך מערען זיך סמנים וועלכע ווייזען, דאָס די הויכע

אידעאלען פאַר וועלכע ד ז ש ו ז ע פּ א מ א צ י נ י האָט מקריב געוועזן זיין גרויס און ליכטיג לעבען, געפינען זיך איצט, — אַ האַלבען יאָרהונדערט נאָך זיין טויט, — אויפ׳ן וועג פון זייער פ אַ ר ו ו י ר ק ל י כ ו נ ג!

צוזאַץ

פון מאַציני'ס שריפטען *)

בייראָן און געטהע

(1838)

איך בין איין טאָג געשטאַנען אין א שווייצארישען דאָרף ביים פוס פון די יורא־בערג, און האָב זיך צוגעקוקט צו אַן אָנקור־מענדיגען שטורעם. שווערע, שווארצע וואָלקענס, זייערע ברעגען געפארבט פורפור פון דער אונטערגעהענדיגער זון, האָבען זיך ראַשיג באוועגט און האָבען געהאַלטען אין פארדעקען דעם שענסטען הימעל איבער איירָאפּא, חוץ איטאַליען. דער דונער האָט גע־ברומט פון דער ווייטענס, און שטויסען פון בייסענדען ווינט האָבען געטריבען גרויסע טראָפּענס רעגען איבער דער דורשטענדער לאַנד־פלעכע.

ארויפקוקענדיג אין דער הויך, האָב איך דערזען א גרויסען אלפּען פאָלק־פויגעל, וועלכער האָט זיך אָט דערהויבען און אָט אראָפּגעלאָזען בשעת ער איז מוטיג געפלויגען אין סאמע מיטען פונ'ם שטורעם, און איך האָב זיך כמעט געקענט פאָרשטעלען ווי ער באמיהט זיך צו ראנגלען מיט אים. ביי יעדען פרישען דונער־קראַך, האָט זיך דער נאָבעלער פויגעל דערהויבען העכער, אזוי ווי אין טראָציג־ארויסרופענדען ענטפער. איך האָב אים מיט מיינע

---

*) די דאָזיגע אויסציגע פון דזשוזעפּא מאַציני'ס שריפטען ווע־רען דאָ צום ערשטען מאָל איבערזעצט אין אידיש. זיי ווערען געבראַכט ווי וויט מעגליך בראָנאָלאָגיש, לויט דער צייט ווען זיי זיינען געשריבען געוואָרען.

אויגען נאָכגעפאָלגט א גאנץ לאנגע צייט, ביז וואנען ער איז אין גאנצען פארשוואונדען אין מזרח זייט.

אויף דער ערד, אומגעפער א פופציג טריט אונטער מיר, איז געשטאַנען א בושאל; פולשטענדיג רואיג און ניט־עמפפינדליך אין מיטען פון די קעמפענדע עלעמענטען פון דער נאטור. צווי אָדער דריי מאָל האָט זי א קער געטאָן איר קאָפּ צו דער זייט פון וואנען דער ווינט איז געקומען, מיט אן אומבאשרייבליכער מינע פון האלב גלייכגילטיגער נייגעריגקייט; אָבער לסוף האָט זי ארויס־געצויגען איינע פון אירע לאנגע פיס, באהאלטען איר קאָפּ אונטער איר פליגעל, און איז געלאסענערהייט איינגעשלאָפען.

און איך האָב געטראכט וועגען ב י י ר אָ ן און ג ע ט ה ע; וועגען דער שטורעמדיגער עקזיסטענץ, וועגען דעם לעבענסלאנגען קאמף פון דעם איינעם, און די רואיגקייט פון דעם צווייטען; און פון די צוויי מעכטיגע קוואלען פון פּאָעזיע, וועלכע זיי האָבען ביידע אויסגעשעפּט און פארשלאָסען.

בייראָן און געטהע — די צוויי נעמען, וועלכע איבערוועגען, און וואָס עס זאָל ניט קומען, וועלען אימער איבערוועגען, איבער אונזערע ערינערונגען פון די לעצטע פארגאנגענע פופציג יאָר. זיי רעגירען; — די מייסטער, איך וואָלט כמעט געקאָנט זאָגען די טיראנען, פון א גאנצע פּעריאָדע פון פּאָעזיע; גלענצענד אָבער טרויעריג; גלאָררייך אין יוגענדליכקייט און וואנענד, און דאָך צוגעפוילט פונ׳ם וואָרים, — פארצווייפלונג. זיי זיינען די

די ערשטע אָפּהאַנדלונג „בייראָן און געטהע“, וואָס קומט דאָ אין פ ו ל ש ט ע נ ד י ג ע ר פאָרמע, איז געשריבען געוואָרען פון מאַציני אין ל אָ נ ד אָ ן אין דעם יאָר 1838, ווען ער האָט דאָרט געלעבט אין גרויס אָרימקייט און עלענדקייט — אלס פּאָליטישער עמיגראַנט. די דאָזיגע שריפט איז געווען פון די ערשטע, וועלכע מאַציני האָט פּאָרעפּענטליכט אין אן ענגלישען זשורנאַל.

צוויי פּאַרשטייענדע פּאָעטען פון צוויי גרויסע שולען; און ארום זיי זיינען מיר געצוואונגען צו גרופּירען אלע קלענערע גייס־טער, וועלכע האָבען בייגעשטייערט די עפּאָכע גלאָררייך צו מאַ־כען. — די אייגענשאַפטען, וועלכע באַפּוצען און צייכענען אויס זייער ווערק, קאָן מען געפינען, הגם שיטערער פאַנאַנדערגעטיילט, אויך צווישען אנדערע פּאָעטען זייערע צייט־חברים; און דאָך קו־מען ניט ווילענדיג ז י י ע ר ע נעמען אויף אונזערע ליפּען, ווען מיר זוכען צו כאַראַקטעריזירען די טענדענצען פון דער עפּאָכע אין וועלכער זיי האָבען געלעבט און געווירקט.

זייער געניאַליטעט האָט נאָכגעפאָלגט פאַרשיידענע, מען קאָן זאָגען אנטקעגענגעזעצטע דרכים; און דאָך, זעלטען ווענדען זיך אונזערע געדאַנקען צו איינעם פון זיי, אָהן אין דער זעלבער צייט אַרויסרופענדיג דעם בילד פונ׳ם אנדערען, ווי א מין נויטיגע ער־גענצונג צום ערשטען. די אויגען פון איירָאָפּאַ זיינען געריכטעט אויף דער פּאָר, אזוי ווי צושויער אין א צירק קוקען אויף צוויי מעכטיגע ראַנגלער אין דער זעלבער אַרענאַ; און זיי, ווי נאָ־בעלע און ברייט־האַרציגע אַפּאָנענטען, האָבען איינער דעם צוויי־טען געלויבט, באַוואונדערט, און אויסגעשטרעקט די האַנט; קיי־נער איז ניט געווען פּאָפּולערער. אנדערע דיכטער האָבען גע־פונען קריטיקער, וועלכע האָבען זיי רואיג און אומפּאַרטייי־איש אָפּגעשעצט; אָבער ניט די דאָזיגע צוויי: פאַר ז י י האָ־בען זיך געפונען בלויז ענטוזיאַסטישע נאָכפאָלגער אָדער ביטערע שונאים, קראַנצען אָדער שטיינער; און ווען זיי זיינען ענדליך פאַרשוואונדען אין יענער אומענדליכער נאַכט, וועלכע נעמט ארום און טראַנספאָרמירט מענשען צוגלייך — האָט א טויטע שטילקייט געהערשט ארום זייערע קברים. ביסלעכווייס, איז די פּאָעזיע אוועק פון אונזער וועלט, און עס האָט אויסגעזען ווי זייער לעצטער זיפץ האָט אין גאַנצען אויסגעלאָשען דעם הייליגען פלאַם.

א רעאַקציע איז איצט איינגעטראָטען; גוט, אזוי ווייט ווי עס אַנטפּלעקט א דראַנג און א צוזאָג פון נייעם לעבען; שלעכט, אין אזוי ווייט ווי עס באַווייזט ענגע אַנשויאונגען, א טענדענץ צו זיין אומגערעכט צו פאַרשוואונדענער גאונות, און דעם פעלען פון וועלכען ניט איז פעסטגעשטעלטען געזעץ אָדער פּרינציפּ, וואָס זאָל אונז קאָנען דינען ווי א וועג־ווייזער אין אונזער פאַרשטענדניש פון דער פאַרגאַנגענהייט.

מענשליכע אורטיילע, אזוי ווי לוטהער'ס שיכור'ער פּויער, ווען פאַרהיט פון פאַלען אויף איין זייט, פאַלט גאַנץ אָפּט אריבער אויפ'ן אנדערען זייט. די רעאַקציע קעגען געטהע'ן, איבערהויפּט אין זיין אייגען לאַנד, וועלכע איז מוטיג און באַרעכטיגטערהייט אַנגעפאַנגען געוואָרען פון מ ע נ צ ע ל אין געטהע'ס לעבענס צייט, איז אָבער דערפירט געוואָרען צו איבערטרייבונג נאָך גע־טהע'ס טויט. געוויסע סאָציאַלע אַנשויאונגען, — מיט וועלכע איך זעלבסט בין אידענטיפיצירט, אָבער וועלכע, הגם באַזירט אויף א הייליגען פּרינציפּ, דאַרפען ניט ערלויבט זיין צו שטערען די אומפּאַרטייאישקייט פון אונזערע אורטיילע, — האָבען גאַנץ שווער אריבערגעוואויגען אין וואָג־שאָל. און פילע יונגע, היציגע, און ענטוזיאַסטישע נאַטורען פון אונזערע טעג, האָבען ווידערהאָלט ב ע ה נ ע 'ס מיינונג דאָס געטהע איז דער ערגסטער דעספּאָט; דער „ר אָ ק א ו י פ 'ן ד י י ט ש ע ן ק ע ר פּ ע ר".

די ענגלישע רעאַקציע קעגען בייראָן — איך רעד ניט פון יענ־נעם געמיש פון צבוע'אצטווע און דומהייט, וועלכע אַנטזאַגט דעם גרויסען דיכטער זיין אָרט אין ענגלישען קדשי־קדשים, ו ו ע ס ט ־ מ י נ ס ט ע ר ע ב י, — נאָר פון דער ליטעראַרישער רעאַק־ציע, — וועלכע האָט זיך אַרויסגעצייגט נאָך מער ניט־נאָכדענ־קענד ווי די אנדערע. מיר איז אויסגעקומען זיך טרעפען מיט פאַרגעטערער פון ש ע ל י, וועלכע האָבען געלייקענט דעם

פּאָעטישען געניוס פון בייראָן; און אַנדערע, וועלכע האָבען ערנסט פארגליכען זיינע פּאָעטישע שאפונגען מיט די פון ס י ר וואָל־ט ע ר ס ק א ט. א פיל איבערשעצטער קריטיקער שרייבט דאָס „בייראָן מאָדעלירט דעם מאן לויט זיין אייגענעם בילד, און די פרוי לויט די איםפולסען פון זיין אייגענעם הארצען; דער איינער איז אַ קאפריזנער טיראן, די צווייטע אַן אונטערטעניגע שקלאפין". דער דאָזיגער קריטיקער האָט הפנים פארגעסען דאָס אין דער זעלבער צייט ווען ער איז געזעסען און האָט גאַנץ גע־לאסענערהייט געשריבען זיין קריטיק, האָט בייראָן געבלוטעט און איז געשטאָרבען פאר דער ניי־געבאָרענער פרייהייט אין גריכענ־לאַנד. אלע האָבען געאורטיילט, און צו פיל אין די ביידע לענדער אורטיילען נאָך איצט אויך, די צוויי פּאָעטען, בייראָן און געטהע, לויט אַן אבסאָלוטען פאָלקאָמענעם טיפּ פון די שיינע, די אמת'ע אָדער די פאלשע, וועלכע זיי האָבען זיך אליין געשאפען אין זייער פּאָרשטעלונג; ניט נעמענדיג אין אַנבאטראכט דעם צושטאַנד פון די סאָציאלע פארהעלטעניסען, ווי זיי זיינען געווען, און זיינען אצינד; אָהן אַן אמת'ע השגה פון דעם שיקזאל אָדער דער מיסיע פון פּאָעזיע, אָדער פון דעם געזעץ לויט וועלכען די דיכטונג, און יעדער אנדער ארטיסטישער מאַניפעסטאציע פון מענשליכען לעבען, ווערט רעגירט.

אויף דער ערד עקזיסטירט ניט קיין פאָלקאָמענער געגענ־שטאַנד; דאָס פאָלקאָמענע עקזיסטירט אין דער געטליכער אי־דייע אליין; דעם לאנגזאמען באגריף פון וועלכער דער מענש איז פּאָראויסבאשטימט צו דערגרייכען; כאָטש איר פולשטענדיגע רעאליזירונג איז אויף דער ערד נישט מעגליך. די ערדישע עק־זיסטענץ איז בלויז איין פאזע פון דער אייביגער עוואָלוציע פונ'ם לעבען, מאניפעסטירט אין געדאנק און אין טאַט, געקרעפטיגט דורך די אלע אויספירונגען פון דער פארגאנגענהייט, און אוואנ־

סירענדיג פון איין עפּאָכע צו דער צווייטער, צו א ווייניגער אומפּאָל־קאָמענעם אויסדרוק פון יענער אידייע. אונזער ערדישער לע־בען איז בלויז איין פאזע פון דער אייביגער שטרעבונג פון דער נשמה צום פּראָגרעס, וועלכער איז אונזער געזעץ; זיך דערהוי־בענדיג אין נאָכאנאנד זיך פארגרעסערטען כח און ריינקייט, פון דאָס ענדליכע צו דאָס אומענדליכע; פון דעם רעאל צום אי־דעאל; פון דאָס, וואָס עקזיסטירט, צו דעם וואָס דארף ערשט קומען. אין דעם אומגעהויער גרויסען שפּייכלער פון די פאר־גאנגענע עוואָלוציעס פון דעם לעבען, צונויפגעשטעלט דורך אוני־ווערסאלער טראדיציע, און אין דעם נביא'ישען אינסטינקט, וואָס ליגט אין די טיפענישען פון דער מענשליכער נשמה, זוכט די פּאָ־עזיע איר באגייסטערונג. זי בייט זיך מיט דער צייט, ווייל זי איז איר אויסדרוק; זי ווערט טראנספאָרמירט אינאיינעם מיט דער געזעלשאפט, ווייל — באוואוסטזיניג צו אומבאוואוסטזיניג — זינגט זי דאָס ליד פון דער מענשהייט; הגם עס נעמט אָן אין לויף פון אויסארבייטונג, — לויט דער אינדיווידועלער נייגונג אָדער די אומשטענדען פון דיכטער, — די קאָלאָריט פון דער געגענ־ווארט אָדער פון דער צוקונפט, און פּאָראויסגעזען דורך דער אינ־ספּיראציע פון גאונות. דאָ זינגט זי א לויה־געזאנג און דאָרט א וויג־ליד; זי פירט אריין אָדער רעזומירט, ציט אונטער דעם סך הכל.

בייראָן און געטהע האָבען רעזומירט. איז דאָס גע־ווען אין זיי א מום? ניין; עס איז געווען דער געזעץ פון דער צייט, און דאָך היינט צו טאָג, צוואנציג יאָר נאָכדעם ווי זיי האָבען אויפגעהערט זינגען, נעמט זיך אונטער די געזעלשאפט זיי צו פארדאמען דערפאר, וואָס זיי זיינען געבוירען געוואָרען פאר זייער צייט. באמת גליקליך זיינען יענע פּאָעטען, וועמען גאָט דערהויבט צום אָנפאנג פון א נייער ערא, אונטער די שטראַלען פון

דער אויפגעהעגדער זון. דורות נאָך דורות וועלען מיט ליבשאַפט ווידערהאָלען זייערע פערזען, און צו זייער חשבון צושרייבען דעם נייעם לעבען, וועלכען זיי האָבען בלויז פאַראויסגעזען אינ׳ם זונ־מען־קערנדעל.

בייראָן און געטהע האָבען רעזומירט. דאָס איז גלייכצייטיג די פילאָזאָפישע ערקלערונג פון זייער ווערק, און דער סוד פון זייער פּאָפּולאַריטעט. דער גייסט פון א גאנצער עפּאָכע פון דער אייראָפּעאישער וועלט איז, ערב דעם אָפּשטארבען פון דער דאָזי־גער עפּאָכע, אין זיי פארקערפּערט געוואָרען, גענוי ווי עס איז אין דער פּאָליטישער ספערע, — אין י ו ל י ו ס צ ע ז א ר און א י ן א ל ע ק ס א נ ד ע ר מ ו ק ד ו ן פארקערפּערט גע־וואָרען איידער עס איז אָפּגעשטאָרבען, דער גייסט פון גריכענלאנד און פון רוים. זיי זיינען געווען דער פּאָעטישער אויסדרוק פון יענעם פּרינציפּ, פון וועלכען ענגלאנד איז דער עקאָנאָמישער, פראנקרייך דער פּאָליטישער,*) און דייטשלאנד דער פילאָזאָפי־שער אויסדרוק: די לעצטע פאָרמולע, באַמיהונג, און רעזולטאט פון א געזעלשאפט, וועלכע איז באזירט אויפ׳ן פּרינציפּ פון אינ־דיווידואליטעט. יענע עפּאָכע, וועמעס מיסיע ס׳איז געווען, צו־ערשט דורך דער ארבייט פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, און שפּע־טער דורך דעם קריסטענטום, — צו רעאבילימירען, באפרייען, און אנטוויקלען דעם י ח י ד, — שיינט צו האָבען קאָנצענטרירט אין זיי, אין פ י כ ט ע, און א ד א ם ס מ י ט, און אין דער פראנצויזישער שולע des droits de l'homme איר גאנצע ענער־גיע און כח, כדי פולשטענדיג פאַרצושטעלען און אויסדריקען אלץ, וואָס עס האָט דערגרייכט לטובת דער מענשהייט. עס איז געווען פיל; אָבער נימ דאָס גאנצע; און דעריבער איז די עפּאָכע

---

*) געשריבען אין דער צייט פון נאָך דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע.

פאראורטיילט געווען צו פארשווינדונג. מען האָט שוין געהאט געררעכנט די עפּאָכע פון אינדיווידואליטעט ווי גאָר נאָענט צום ציל; — און — מיט אמאָל זיינען גאָר אנטפּלעקט געוואָרען נ י י ע האָריזאָנטען; ברייטע אומבאקאנטע לענדער אין וועמעם אומבאטראָטענע וועלדער דער פּרינציפּ פון אינדיווידואליטעט איז געווען א ניט קאָמפּעטענטער וועג־ווייזער. א דאנק דער לאנגער פּיינפולער ארבייט פון יענער עפּאָכע, איז דאָס אומבאקענטע מענשליכע מהות באפרייט געוואָרען פון דעם קנויל פון די פארשיידענע מהות׳ן פון אונטערשיידענדע נאטורען מיט וועלכע ס׳איז ארומגערינגעלט; אָבער זי איז פארבליבען שוואך, איזאָלירט, און זיך צוריקציעהענד אין שרעק פאר דער גרויסער איינזאמקייט אין וועלכע זי האָט זיך געפונען. די פּ אָ ל י ט י ש ע ש ו ל ע ס פון דער עפּאָכע האָבען פּראָקלאמירט דאָס רעכט צו פרייהייט און גלייכהייט (פרייהייט פאר אלעמען) אָלס דעם איינציגען יסוד פון ציווילער אָרגאניזאציע, אָבער אויף זייער וועג האָבען זיי באגעגענט סאָציאלען כאאָס. די פּ י ל אָ ז אָ פ י ע פון דער עפּאָכע האָט באהויפּטעט די סואווערעניטעט פון דעם מענשליכען „עגאָ” און האָט געענדיגט מיט אן איינפאכער פארגעטערונג פונ׳ם „פאקט” אין ה ע ג ע ל י א נ י ש ע אומבאוועגזאמקייט. די ע ק אָ נ אָ מ י ע פון דער עפּאָכע האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז זי האָט אָרגאניזירט פ ר י י ע קאָנקורענץ, בשעת אין דער אמת׳ן האָט זי בלויז אָרגאניזירט די אונטערדריקונג פון די שוואכע דורך די שטארקע, אַרבייט דורך קאפּיטאל, ארמוט דורך רייכטום. די פּ אָ ע ז י ע פון דער עפּאָכע האָט אין איר יעדער פאזע פאָרגעשטעלט די אינדיווידואליטעט, האָט איבערזעצט אין סענטימענט דאָס, וואָס די וויסענשאַפט האָט טעאָרעטיש דעמאָנסטרירט; און עס האָט זיך צוזאמענגעטראָפען מיט לעערען רוים. אָבער אזוי ווי די געזעל־

שאַפט האָט לסוף איינגעזען דאָס די שיקזאַלען פון דער מענשליכער ראסע איז ניט איינגעשלאָסען בלויז אין א פּראָבלעם פון פרייהייט, נאָר גיכער אין דער *האַרמאָניזירונג פון פרייהייט מיט אַסאָסיאַציע*; — אזוי האָט אויך די פּאָעזיע זיך אָנגעשטויסען אָן דעם פאקט דאָס דער לעבען וועלכע זי האָט ביז איצט געצויגען בלויז פון דער אינדיווידואליטעט, איז פאראורטיילט צום אונטערגאנג צוליב מאנגעל אין נארונג; און דאָס איר צוקונפטיגע עקזיסטענץ איז אָפּהענגיג אָן דער פארגרעסערונג און טראַנספאָרמירונג פון איר ספערע. *ביידע*, די געזעלשאפט און די פּאָעזיע האָט ארויסגעלאָזען אַן אויסגעשריי פון יאוש; די גסיסה־אגאָניע פון א געזעלשאפטליכער פאָרמע האָט ארויסגערופען די אגיטאַציע, וועלכע מיר האָבען געזען זיך אין איין פארגרעסערען פון דעם יאָר 1815: די חבלי־גסיסה־אגאָניע פון א פאָרמע פון דיכטונג האָט ארויסגערופען בייראָן און געטהע. איך גלויב, אז דער דאָזיגער שטאַנדפונקט איז דער איינציגער וואָס קאָן אונז פירען צו א ניצליכער און אַן אומפארטייאישער אָפּשעצונג פון די דאָזיגע צוויי גרויסע גייסטער.

עס זיינען פאראַן צוויי פאָרמען פון אינדיווידואליטעט; די אויסדרוקען פון איר אינערליכען און אויסערליכען, אָדער — ווי די דייטשען וואָלטען זיך אויסגעדריקט — פון איר סוביעקטיווען און אָביעקטיווען לעבען. בייראָן איז געוועזען דער דיכטער פון דעם ערשטען, געטהע פון דעם צווייטען. אין בייראָן אנטפּלעקט זיך דער „עגאָ” אין זיין גאנצער שטאָלצקייט פון מאכט, פרייהייט, און לוסט, אין דעם ניט קאָנטראָלירטען איבערפלוס פון אלע זיינע פאקולטעטען; און באגיריג אָנצוכאפען דעם „תמצית פונ'ם לעבען”. די ארומיגע וועלט באהערשט אים ניט און פאָרמירט אים ניט. אין געגענטייל, דער בייראָנ'ישער עגאָ שטרעבט צו

באהערשען די וועלט אָבער בלויז לשם אויבערהערשאַפט, אויף איר אויסצואיבען דעם טיראַנישען כח פון זיין ווילען. ריכטיגער אויסגעדריקט, קאָן מען זאָגען, אז ער ציט ניט פון דער וועלט די יניקה פאַר זיין קאָלאָריט, טאָן, אָדער בילד פאָרמען; ווייל עס איז ע ר, וועלכער באַפאַרבט, ע ר, וועלכער זינגט, ע ר, וועמעס אָפּבילד ווערט איבעראַל רעפלעקטירט און רעפּראָדוצירט. זיין פּאָעזיע שטראָמט ארויס פון זיין אייגענער נשמה; און ווערט פון דאָרט פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער אַלע אויסערליכע גע־גענשטאַנדען; זיין מדינה געפינט זיך אין צענטער פון דעם אוניווערז, און פון דאָרט גיט ער ארויס די ליכט, וועלכע שטראַלט ארויס פון דער טיפעניש פון זיין אייגענעם גייסט.

בייראָן באַווייזט זיך ביים אָפּשלוס פון איין עפּאָכע, און פאַר'ן באַגינען פון א צווייטער; אין מיטען פון א געזעלשאַפט באַזירט אויף אַן אריסטאָקראַטיע, וועלכער האָט אריבערגעלעבט די ענערגיע פון איר יוגענד־צייט; ארומגערינגעלט מיט אַן איי־ראָפּא, וועלכע אַנטהאַלט אין זיך קיין גרויסעס, אויסער נ אַ־פּ אָ ל ע אָ ן אויף איין זייט און פּ י ט פון דער צווייטער, אין וועלכע געניאַליטעט איז דעגראַדירט צו א משרת־ראָלע ביי עגאָאיזם, און וואו אינטעלעקט איז געבונדען צום דינסט פון דער פאַרגאַנגענהייט. קיין נביא עקזיסטירט דאָרט ניט פאָראויסצו־זען די צוקונפט: ג ל ו י ב ע ן איז טויט, און דאָס, וואָס פאַר־נעמט איר פּלאַץ איז בלויז אַן אָנשטעל. אויפריכטיגע תפילה איז מער ניטאָ, ס'איז פאַראַן בלויז א מעכאַנישע באַוועגונג פון די ליפּען אין א באַשטימטען טאָג אָדער צייט, יוצא צו זיין פאַר דער משפחה אָדער פאַר דער עפענטליכער מיינונג: ליבע עקזיסטירט ניט מער, די תאוה האָט פאַרנומען איר אָרט; דער הייליגער שטרייט פון אידייען — די מחלוקה לשם שמים — האָט מען אויפ־געגעבען; און דער קאָנפליקט וואָס גייט אָן, איז דער פון אינטע־

רעסען. די פארגעטערונג און באגייסטערונג פאר גרויסע ערהאבענע געדאנקען איז פארשוואונדען. די „עקזיסטירענדע אָר־דענונג" דערהויבט דעם צעריסענעם באנער פון איינינגע טויטע טראדיציעס; און די „קומענדיגע" אָרדענונג ערהויבט דעם פלאג בלויז פון פיזישע נויטען און מאטעריעלע אפעטיטען: ארום אים (בייראָנ'ען) געפינען זיך רואינען און אויף יענער זייט, איז א וויספע; דער האָריזאָנט איז א פוסטער. א לאנגער אויסגעשריי פון פיין און פון צאָרן רייסט זיך ארויס פון בייראָנ'ס הארצען; מען ענטפערט אים מיט אנאטעמאס. ער פאָרט אוועק פון זיין היימלאנד; ער איילט זיך דורך אייראָפּא זוכענדיג אן אידעאל צו פארגעטערען; ער רייזט ארום דעם קאָנטינענט א צעשטריי־טער, אן אויפגערעגטער, מיט שטארקע הארץ־קלאפעניש, ווי מ א ־ ז ע פּ א אויפ'ן ווילד גאלאָפּירענדען פערד, געשטויסען פון א צערייצטען באגער, נאָכגעיאָגט פון די וועלף „קנאה" און פארלוימ־דונג". ער באזוכט גריכענלאנד; ער באזוכט איטאליען; אויב עס טליעט נאָך ערגעץ וואו א פונק פון דעם געטליכען פייער, א שטראל פון געטליכער פּאָעזיע, מוז עס דאָך זיין „דאָרטען"... גאָר נישט. בלויז א גלאָררייכע פ א ר ג א נ ג ע נ ה י י ט , א דע־גראדירטע ג ע ג ע נ וו א ר ט ; קיין סימן פון דער פּאָעזיע פונ'ם לעבען; קיין שום באוועגונג, חוץ יענע פון דעם ליידענ־דען, וועלכער קערט זיך איבער אויף זיין קראנקען־בעט, אביסעלע צו לינדערן זיינע ווייטאָגען. און בייראָן, פון דער איינזאמקייט פון זיין גלות, ווענדעט ווידער זיינע בליקען צו ענגלאנד; און ער זינגט. וואָס זינגט ער? וואָס שפרינגט ארויס פון יענער מיס־טעריעזער און אומפארגלייכבארער קאָנצעפּציע, וועלכע רעגירט אי־בער אלץ וואָס בלייבט ניט באמערקט אין זיין שלאָפלאָזער שמירה? — די לויה־הימנע, דעם טויטען־געזאנג, דעם עפּיטאף פון דעם א ר י ס ט אָ ק ר א ט י ז ם; מ י ר האָבען עס

אויסגעפונען, מיר די קאָנטינענטאַליסטען; ניט זיינע אייגענע לאַנדסלייט. זיינע טיפּען נעמט ער פון צווישען די יעניגע, וועלכע זיינען פּריווילעגירט דורך שטאַרקייט, שיינ־קייט, און אינדיווידועלער קראַפט. זיי זיינען גראַנדיעז, פּאַטעטיש, העראָאיש, אָבער איינזאַם; זיי האָבען קיין געמיינשאַפטליכעס מיט דער ארומיגער וועלט, סיידען זי צו באהערשען; זיי וואגען אָפען ארויסצוטרעטען קעגען דעם פּרינציפּ פון גוטעס און שלעכ־טעס עגאָל; זיי „וועלען זיך ניט בויגען ניט פאר איינעם און ניט פאר'ן צווייטען". אין לעבען ווי אין טויט „שטייען זיי אויף זייער אייגענער קראַפט"; זיי ווידערשטייען יעדע מאכט, ווייל זייער אייגענטום איז אין גאַנצען זייערם; ס'איז געקויפט גע־וואָרען מיט

— העבערע וויסענשאַפט — תשובה טאָן —
וואגען — לאַנגער גערולדיגער אָפּוואַרטען —
שטאַרקייט פון גייסט — און די פעאיגקייט צו
קאָנען פארשטיין אונזער אורעלטערען".

יעדער איינער פון זיינע טיפּען פערזאָניפיצירט, א ביסעלע פאר־ענדערט דאָ און דאָרט, איין איינציגען טיפּ, איין איינציגע אי־דייע — דעם יחיד; פריי, אָבער מער ניט ווי פריי; ווי די עפּאָכע, וועלכע האלט זיך אין שליסען האָט פון אים גע־מאכט; — פאוסט, אָבער אָן דעם קאָנטראַקט, וועלכער אונ־טערוואַרפט אים צום שונא; ווייל בייראָנס העלדען שרייבען אזעלכע קאָנטראַקטען ניט אונטער. זיי האָבען ניט קיינע פאר־וואנדטע: זיי לעבען זייער אייגענעם לעבען; זיי שטויסען אָפּ דער מענשהייט, און באַטראַכטען דעם המון מיט פאר־אַכטונג. יעדער איינער פון זיי זאָגט: „איך גלויב אין זיך אליין"; און קיין מאָל ניט „איך האָב אמונה אין אונזער געמיינזאַמען כח".

אלע, שטרעבען זיי צו דערגרייכען מאכט, אָדער גליק. און ביידע, אי מאכט, אי גליק, מיידעט זיי אויס; ווייל זיי טראָגען אין זיך, ניט אויסגעדריקט, אומבאוואוסטזיניגערהייט, דעם פאָרגעפיל פון א לעבען, וועלכען די פרייהייט אליין קאָן זיי ניט געבען. זיי זייי־נען פריי; אייזען־שטארקע נשמות איינגעפאסט אין אייזערנע ראמען, זיי קלעטערען די אלפען פון גערדאנק; און דאָך איז אויף זייערע פנימ׳ער אָפּגעשטעמפּעלט א פינסטערער ניט־אויסמעקבא־רער טרויער; און זייער נשמה איז ענטוועדער „באטרונקען מיט דער אייביגקייט”, אָדער זי לויפט דורך די ברייטע סטעפּע אָדער דעם אומענדליכען איקאָנוס מיט דעם „אומגלויביגען” אָדער מיט׳ן „קאָרסאר” — פארפאָלגט פון א געהיימען און אייביג וואכזאמען שרעק. ווי זיי וואָלטען פאר׳משפט געווען אויף אייביג צו שלעפען מיט זיך, געשמידט צו זייערע פיס, די אָפּגעבראָכענע טיילען פון דער קייט, וועלכע זיי האָבען צעריסען, אָדער זייער נשמה פילט זיך געשמידט און באגרענעצט ניט בלויז אינערהאלב די קליינ־ליכע געזעלשאפט קעגען וועלכע זיי רעבעלירען; נאָר אויך אין דער וועלט פון גייסט. וואָס קאָנען זיי טאָן מיט דער פ ר י י־ה י י ט, וועלכע איז דערגרייכט געוואָרען א דאנק א גרויסע און פיינפולער אָנשטרענגונג? אויף וועמען און אויף וואָס פארווענ־דען די איבערפליסיגע לעבענס־קראפט, וואָס געפינט זיך אין זיי? ז י י ז י י נ ע ן ד אָ ך א י י נ ז א ם א ו ן א ל י י ן; אָט דאָס איז דער סוד פון זייער אומגליקליכקייט און זייער אימ־פּאָטענץ. זיי „דורשטען נאָך גוטעס” — ווי בייראָנ׳ס ק י ן האָט פאר זיי אלעמען זיך אויסגעדריקט — אָבער זיי קאָנען זייער ציל נישט דערגרייכען; ווייל זיי פארמאָגען נישט קיין מיסיע, קיין גלויבען, אפילו ניט א פארשטענדניש פון דער ארומיגער וועלט. זיי האָבען קיין מאָל נישט באגריפען די קאָנצעפּציע פון ה ו מ א נ י ט ע ט אין די מאסען, וועלכע האָבען פריער עק־

זיסטירט, וועלכע רינגלען זיי ארום אצינד, און וועלבע וועלען קור־ מען נאך זיי; זיי האבען זיך קיינמאל ניט פארטראכט וועגען זייער אייגענער פאזיציע צווישען דער פארגאנגענהייט און דער צוקונפט; וועגען דער אומאונטערבראכענקייט פון דער א ר־ ב י י ט, וואס פאראייניגט די אלע דורות אין איין ג א נ צ ע ם; וועגען דעם געמיינשאפטליכען ציל, וואס קאן דערגרייכט ווערען בלויז דורך דער געמיינשאפטליכער באמיאונג. וועגען דעם גייסטיגען השארת־הנפש'דיגען עקזיסטענץ פון דעם י ח י ד אויך אויף ד ע ר וועלט, דורך די געדאנקען, וועלכע ער גיט איבער צו זיינע ברידער.

באנאבט מיט א פרייהייט, וועלכע זיי ווייסען ניט ווי צו באַ־ נוצען; מיט א קראפט און אן ענערגיע, וועלכע זיי ווייסען ניט ווי אזוי אנצוואווענדען; מיט א לעבען וועמעס אויפגאבע און ציל זיי באגרייפען ניט; — שלעפען זיי זיך ווי עס איז דורך זייער נוצ־ לאזע און קאנוואולסיווע עקזיסטענץ. ביי'ראן פארניכטעט זיי איינעם נאכ'ן אנדערן, ווי ער וואלט געווען דער תליון — דער דורכפירער פון א גזר־דין מן השמים. זיי פאלען פון קיינעם ניט באוויינט, ווי עס פאלט א פארוועלקט בלאט אין דעם שטראם פון דער צייט.

„ניט די ערד און ניט דער הימעל וועט אן איינציג טרער ארויסלאזען, קיינע וואלקענס וועלען זיך מער אנ־ זאמלען, און קיין בלאט וועט ניט פאלען, קיין שטורעם וועט ניט ארויסאטעמען אן איינציג זיפץ פאר דיר, און פאר אלעמען".

זיי שטארבען, ווי זיי האבען געלעבט, א ל י י ן; און אן אלגע־ מיינע קללה שוועבט אום איבער זייערע אפגעזונדערטע קברים.

אט דאס, פאר די יעניגע, וועלכע קאנען לייענען מיט די אויג־ גען פון דער נשמה, איז וואס בייראן זינגט; אדער בעסער גע־

זאָגט: וואָס די מענשהייט זינגט דורך אים. די פּוסטקייט פון דעם לעבען און פון דעם טויט פון אָפּגעזונדערטער אינדיווידואַליטעט, איז אין ערגעץ ניט אַזוי קרעפטיג און אויף אַזאַ ווירקענדען אופן רעזומירט געוואָרען ווי אין די בלעטער פון בייראָן. דער המון באַגרייפט אים ניט; זיי הערען זיך צו פאַרגאַפט, ווערען אויף אַ רגע באַצויבערט; האָבען גלייך חרטה, און נעמען נקמה פאַר זייער קורצדויערענדער אַנטציקונג, דורך פאַרליימדען און באַליידיגען דעם דיכטער. זיין אינטואיציע וועגען דעם טויט פון אַ געזעלשאַפטס־פאָרמע, ווערט אָנגערופען פאַרוואונדעטע זעלבסט־ליבע; זיין ערגערניש און ליידען פאַר'ן כלל, ווערט פאַלש אויס־געטייטשט ווי פייגהאַפטיגער עגאָאיזם. זיי גלויבען ניט די סמנים פון טיפע ליידען, וועלכע זיינע געזיכטס־ציגע אַנטפּלעקען; זיי טרויען ניט דעם פאַרגעפיל פון אַ נייעם לעבען, וואָס רייסט זיך אַרויס פון ציט צו צייט פון זיינע ציטערדיגע ליפּען; זיי גלויבען ניט אין דער פאַרצווייפעלטער אומאַרמונג מיט וועלכער ער כאַפּט אַרום די מאַטעריעלע וועלט — די שטערען, אָזעראַס, אַלפּען בערג און דעם ים — און אידענטיפיצירט זיך מיט איר, און דורך איר מיט גאָט, פון וועמען, לפּחות פאַר אים — זי איז דער סימבאָל. אָבער זיי נעמען שוין יאָ אין אַנבאַטראַכט, און האַלטען אַ שטריינגען חשבון פון איינינע אומגליקליכע מאָמענטען, אין וועלכע ער, מיד פון דער פּוסטקייט פון לעבען, האָט דערהויבען, — בלי ספק מיט באַלדיגער חרטה — דעם כוס פון נידעריגען פאַר־געניגען צו זיינע ליפּען, אין דער האָפנונג און גלויבען אין דעם צו געפינען פאַרגעסליכקייט. וויפיל מאָל האָבען דען ניט זיינע אָנקלעגער אַליין אויסגעטרונקען דעם דאָזיגען בעכער ביז'ן סאַמען דעק, ניט אויסקויפענדיג די זינד דורך איין איינציגע גוטע מדה; אָהן — איך וועל ניט זאָגען אַליין טראָגען. — אָבער ניט האָבענדיג זאָגאַר די פעאיגקייט צו באַגרייפען די שווערקייט פון דער

לאסט, וועלכע האָט בייראָנ'ען ארונטערגעבויגען. און צי האָט ער דען אליין ניט צעשמעטערט אין ברעקלאָך דעם דאָזיגען געמיינעם בעכער, אזוי שנעל ווי ער האָט דערזען עפּעס וואָס איז ווירדיג געווען ער זאָל דערצו ווידמען זיין לעבען?

ג ע ט ה ע — אינדיווידואליטעט אין איר אָביעקטיווען לעבען — פארמאָגענדיג, ווי בייראָן, אן עמפינדונג פאר דער פאלש־קייט און די איבלען פון דער ארומיגער וועלט — האָט באטראַ־טען און איז געגאנגען אויף דעם פונקט אנטקעגענגעזעצטען וועג. נאָכדעם ווי ער האָט — אויך ער, אין זיין יוגענד — ארויסגעלאָ־זען אן אויסגעשריי פון אנגסט אין זיין ו ו ע ר ט ה ע ר; נאָכ־דעם ווי ער האָט אויפגעדעקט דעם פּראָבלעם פון דער עפּאָכע אין איר גאנצער נאַקעטקייט, אין פ א ו ס ט; האָט ער געפונ־נען, אז ער האָט שוין גענוג אויפגעטאָן, און האָט אנטזאגט זיך צו פארנעמען מיט דער לעזונג. עס איז גאנץ מעגליך, אז דער אימ־פּולס פון רעבעליאָן קעגען סאָציאַלען איבעל און אומגערעכטיגקייט, וואָס האָט זיך פאר א רגע ארויסגעריסען אין ווערטהער, האָט נאָך א לענגערע צייט געהיימערהייט געפּלאָגט זיין נשמה; ער האָט זיך אָבער קענטיג מיאש געווען פון דער אויפגאבע צו רעפאָרמי־רען די וועלט, ווי איבער זיינע כחות. ער האָט זיך אליין אויס־געדריקט, אין זיינע עלטערע יאָרען, קאָמענטירענדיג אויף דעם אויסרוף פון א פראנצויז, וועלכער האָט אים צום ערשטען מאָל געזען: „אָט דאָס איז דער פּנים פון א מענשען, וועלכער האָט פיל געליטען", אז יענער האָט בעסער באדארפט זאָגען „דאָס איז דער פּנים פון א מענשען, וועלכער האָט ענערגיש געקעמפט"... אָבער פון דעם דאָזיגען קאמף איז קיין צייכען ניטאָ אין זיינע ווערק. בשעת בייראָן האָט זיך געקאָרטשעט און האָט געליטען אונטער דער עמפינדונג צו די אומרעכטען און די שלעכטקייטען, וועלכע האָבען אים ארומגערינגעלט, האָט געטהע דערגרייכט די

רואיגקייט — איך קאָן נישט זאָגען פון נצחון — נאָר פון גלייכ־גילטיגקייט. אין בייראָן האָט געוועלטיגט דער מ ע נ ש, וועל־כער האָט צייטענווייס איבערוועלטיגט דעם ארטיסט: דער מענש איז אָבער פולשטענדיג פארלאָרען געגאנגען אין דעם ארטיסט אין געטהע'ן. אין אים איז ניט געווען קיין סוביעקטיווער לעבען; קיין אייניגקייט וואָס שטאמט פון הארצען צו פון קאָפּ. געטהע איז אן אינטעליגענץ, וועלכער איז מקבל, ארבייט אויס, און רע־פּראָדוצירט די פּאָעזיע, וועלכע פליסט צו אים צו, פון אלע אוי־סערליכע געגענשטאנדען; פון אלע פונקטען פונ'ם אומקרייז; צו אים אלס צענטער. ער וואוינט אין דער הויך אליין; א מעכ־טיגער שומר אין מיטען פון דער שאפונג. זיין נייגעריגע נאָכפאָר־שונג אונטערזוכט, מיט גלייכמאָסיגער דורכדרינגונג און אינטערעס, די טיפענישען פון דעם ים, און דעם בעכער־פארעם פון דער צאר־טער בלימעל. צו ער שטודירט די רויז בשעת זי גיט פון זיך ארויס אן אָריענטאלישען פארפיום, אָדער דעם אוקיאָנוס, וועל־כער ווארפט ארויס זיינע אָהן־צאָליגע רעשטען פון צעשמעטערטע שיפען אויפ'ן לאנד־ברעג, בלייבט דער שטערן פון דעם פּאָעט עגאל רואיג; פאר אים זיינען זיי ביידע ניט מער ווי צוויי פארמען פון דאָס שיינעם, צוויי קונסט־טעמאס.

מען האָט געטהע'ן אָנגערופען א פ א נ ט ה ע א י ס ט. איך וויים ניט אין וואָס פאר א זין די קריטיקער ווענדען אָן אויף אים דעם דאָזיגען קלאָרען און אָפט מיספארשטאנענעם וואָרט. עס איז פאראן א מאטעריאליסטישער פאנטהעאיזם און א גייסטיגער פאנטהעאיזם; דער פאנטהעאיזם פון ש פּ י נ אָ ז א און דער פון ז ש י א ד א נ א ב ר ו נ אָ; פון סאנט פאול; און פון פילע אנדערע; — אלע פארשידענארטיג. אָבער א פּאָעטי־שער פאנטהעאיזם איז אוממעגליך, חוץ בתנאי ער זאָל קאָנען אומ־פאסען די גאנצע וועלט פון פענאָמענא אין איין איינהייטליכער

קאָנצעפּציע; און פילען און באגרייפען דעם לעבען פון דעם אוניווערז אין זיין גאַנצער געטליכער איינהייט. פון דעם אלעם איז אין געטהע׳ן קיין שפּור ניטאָ. מען געפינט פּאטהעאיזם אין איינינע שטעלען אין ווארדזשוואָירט׳ס פּאָעמען; אין דעם דריטען טייל פון בייראָנ׳ס „טשיילד העראָלד“, און אין פילעם פון ש ע ל י; אָבער עס איז ניטאָ אפילו אין די וואונדערליכסטע קאָמפּאָזיציעס פון געטהע; אין וועלכע דער לעבען, באגריפען אויף א וואונדערבארען אופן און רעפּראָדוצירט אין י ע ד ע ן פון אירע פ אָ ל ג ע נ ד י ג ע מאניפעסטאציעס, ווערט אָבער קיין איין מאָל ניט פארשטאנען אלס ג אַ נ צ ע ס. געטהע איז דער דיכטער פון דעטאלען, אָבער נישט פון איינהייט; פון אנאליז, ניט פון סינטעזע. קיינער איז ניט אזוי פעאיג ווי ער, אויסצופאָרשען דעטאלען; אָפּזונדערען און באצירען די קלענ־סטע און אומוויכטיג־אויסזעענדע פּונקטען; קיינער קאָן נישט ווארפען אזא פּראכטפול שיינע ליכט אויף באזונדערע טיילען; אים פעלט אָבער דער פארבינדונגס־גליד. זיין ווערק איז ענליך צו א וואנדערבארע ענציקלאָפּעדיע, א ניט קלאסיפיצירטע. ער האָט י ע ד ע ז אַ ך געפילט; אָבער ער האָט ד אָ ס ג אַ נ־צ ע קיין מאָל ניט דערפילט. איבערגליקליך ווען ער האָט גע־פונען א שטראל פון שיינקייט אויף דאָס באשיידענסטע גרעזעלע באלויכטען מיט טוי; — איבערגליקליך ווען ער האָט אָנגעכאפּט די פּאָעטישע עלעמענטען אין א גאנץ פּראָזאאיש אויסזעענדען אינצידענט; — איז ער יעדאָך אומפעאיג געווען נאָכצופאָלגען אלץ צו איין געמיינזאמען מקור, און אויסגלייכען פון דאָס ניי דעם גראנדיעזען ארויפשטייגענדיגען וואָג־שאָל אין וועלכען, צו באנוצען ה ע ר ד ע ר ׳ ס שיינעם אויסדרוק, „יעדע באשעפעניש איז א „רעכנער“ פון דעם גרויסען „באַנעמער“, די נאַטור“. און ווי אזוי, טאַקע, האָט ער געזאָלט באגרייפען די דאָזיגע זאכען,

ער, וועלכער האָט קיין אָרט ניט געפונען אין זיין דיכטער הארץ פאר דער מ ע נ ש ה י י ט, מיט דער ליכט פון וועמעס קאָנצעפּציע א ל י י ן, מען קאָן אורטיילען און באשטימען דעם אמת׳ן ווערט פון וועלטליכע געגענשטאַנדען ? „רעליגיאָן און פּאָליטיק״, האָט ער זיך אויסגעדריקט, „זיינען באאומרואיגענדע עלעמענטען פאר דער קונסט״. אזוי ווייט ווי מעגליך האָב איך זיך פון זיי געהאלטען פון דער ווייטענס״. פראגען פון לעבען און טויט פון מיליאָנענקעפּיגע מאסען האָבען זיך ארום אים באַוועגט ; דייטשלאַנד האָט זיך אָפּגערופען צו ק ע ר נ ע ר ׳ ס מלחמה־לידער ; פ י כ ט ע, ביים שלום פון איינע פון זיינע לעקציעס, האָט אָנגעכאפּט זיין ביקס, און האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער מחנה פון די פריייווילינע, וועלכע האָבען זיך געאיילט — (אך ! וואָס האָבען די קעניגע ניט געמאכט פון יענעם גלענצענדיגען אויסברוך פון נאציאָנאַליטעט !) — צו קעמפען די שלאַכטען פון זייער פאָטערלאַנד. די אלטע דייטשע ערד האָט וויבּרירט אונטער זייערע פוס־טריט ; און ער, אן ארטיסט, האָט זיך צוגעקוקט אומבאוועגליך ; זיין הארץ האָט זיך ניט אָפּגערופען אויף דער אויפרעגונג, וועלכע האָט אויפגעטרייסעלט זיין לאַנד ; זיין געניאַליטעט, אין גאנצען פאסיוו, האָט זיך אָפּגערוקט פון דעם שטראָם, וועלכער האָט אוועקגעטראָגען און אָפּגעמעקט גאנצע ראַסען. ער האָט בייגעוואוינט די פראנצויזישע רעוואָלוציע אין איר גאנצע שרעקליכע גראנדיעזיטעט, און האָט געזען ווי די אלטע וועלט ווערט צעברעקעלט אונטער אירע האמער־קלעפּ ; און אין דער צייט ווען די בעסטע און ריינסטע גייסטער אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבען על־פּי־טעות אָנגענומען די גסיסה־וויי‍ען פון דער אלטער וועלט פאר די חבלי־לידה פון א נייער, זיינען געשטאַנען און האָבען געבראָכען די הענט ביי דעם שפּעקטאקל פון פאנאנדערפאַלונג ; — האָט ער אין דעם אלעס,

בלויז געווען א טעמא פאר אַ פארס. ער האָט געזען דעם רוהם און דעם פאלען פון נאַפּאָלעאָן; ער האָט בייגעוואוינט די רעאקציע פון די אונטעריאָכטע נאַציאָנאַליטעטען — דעם געטליכען פּראָלאָג פון דער גראַנדיעזער עפּאָפּע פון די פעלקער, וואָס איז באשערט פריער אָדער שפּעטער זיך פּאַנאַנדערצעוויקלען, — און ער איז פארבליבען א קאַלטער צושויער. ער האָט ניט געלערנט ווי צו שעצען די מענשען, זיי צו פארבעסערען, און אויך ניט צו ליידען מיט זיי אינאיינעם. אויב מיר שטעלען אוועק אָן א זייט א איינציגע אויסנאַמע זיינע, דעם שיינעם טיפּ בערליכינגען, א פּאָעטישע אינספּיראציע פון געטהע'ס יוגענד־צייט, האָט דער מענש, אלס באשאפער פון גערדאנק און טאַט; דער שעפּפער פון דער צוקונפט ווענען שילער האָט אזוי נאָבעל סקיצירט אין זיינע דראמעס, — קיין איין פאָרשטייער ניט אין זיין ווערק. די דאָזיגע קאַלטקייט און גלייכגילטיגקייט זיינע האָט ער אויך אריינגעטאָן אין דעם אופן אין וועלכען זיינע העלדען באגרייפען די ליבע. געטהע'ס אַלטאַר איז באצירט מיט די שענסטע געקליבענע בלומען, די דעליקאטסטע פארפיומען, די ערשטע פרוכטען פון דער נאַטור; אָבער דער פּריסטער פעלט. אין זיין ארבייט פון צווייטען בריאת עולם — און מען קאָן נישט לייקענען, אז עס איז געווען אזא, — איז ער דורכגעגאנגען דעם ברייטען קרייז פון לעבעדיגע און זיכטבאַרע זאכען; האָט זיך אָבער אָפּגעשטעלט פאר דעם זיבעטען טאָג. גאָט האָט זיך פאר יענער צייט פון אים צוריקגעצויגען; און די באשעפענישען, וועלכע דער דיכטער האָט ארויסגערופען, וואנדערען אום שטומע און אָהן געבעט, איבערהאלב דעם דאָזיגען קרייז; און ווארטען ביז דער מענש

וועט זיך אויף זיי דערבאַרעמען, און קומען זיי געבען א נאָמען, און פאר זיין באשטימען א געוויסען ציל.

ניין, געטהע איז ניט דער פּאָעט פון פּאנטהעאיזם. ער איז א פּ אָ ל י ט ה ע א י ס ט אין זיין מעטאָד אלס קינסטלער; דער געצענדינערישער דיכטער פון מאָדערנע צייטען. זיין וועלט איז מער פון אלץ, די וועלט פון פאָרמען; א פארפילפאכיגער אָ ל י מ פּ ו ס. דער מאָזאאישער הימעל ווי דער קריסטליכער איז פאר אים פארדעקט. ווי די געצענדינער, טיילט ער אויס פון דער נאַטור פראגמענטען, און פארוואנדעלט יעדען שטיק אין א געטליכקייט; אזוי ווי זיי, דינט ער ליבערסט דאָס גשמיות'דיגע איידער דאָס גייסטיגע; ער זעט, רירט אָן, און הערט, פיל מער איידער ער פילט.

ס'איז אין דעם באהאלטען א גאנצע סיסטעמע פון פּאָעטישען מאַטעריאליזם, וואָס פארנעמט דעם אָרט פון דעם דינסט צום אידעאל; איינוויקלענדיג אין זיך א גאנצע סעריע פון קאָנסע־קווענצען, וועלכע פירען געטהע'ן אלס לאָגישער פּועל־יוצא צו דער ג ל י י כ ג י ל ט י ג ק י י ט, יענעם מאָראלישען זעלבסט־מאָרד פון איינע פון די נאָבעלסטע ענערגיען פון גאונות. די פול־שטענדיגע קאָנצענטראציע פון יעדען פאקולטעט פון באָאבאכטונג אויף י ע ד ע ן א י י נ ע ם פון די פאָרגעשטעלטע געגענ־שטאַנדען, אָהן שום שייכות צו דער הארמאָנישער פאראייניגונג; דאָס גענצליכע אויסמיידונג פון יעטווידען איינפלוס וואָס וואָלט געקאָנט מאָדיפיצירען דעם אָנבליק פון וועלכען ניט איז געגענ־שטאַנד; ווערט אין זיינע הענט איינע פון די ווירקענדסטע מיט־לען פון דער קונסט. אין זיינע אויגען איז דער פּאָעט ניט דער ראשיג פליסענדער שטראָם, וועלכער ווערט א הונדערט מאָל אי־בערגעריסען אין זיין גאנג, וואָס דאָס מאכט מעגליך זיין ברייננגען פרוכטבאַרקייט אויך צו דער ארומיגער ערד; און אויך ניט דער

הערליכער פלאם, וואָס פארצערט זיך אליין אין דער ליכט, וועלכען ער גיט פון זיך ארויס בשעת ער דערהויבט זיך צום הימעל; — נאָר גיכער די געלאסענע אָזורא, וועלכע שפּיגעלט אָפּ אין זיך, צוגלייך די רואיגע לאנדשאפט ווי דעם דונער־וואָלקען; בשעת זיין אייגענער אויבערפלאך ווערט נישט אויפגערעגט אפילו פון דעם מילדסטען ווינטעל. א זאנפטע און פּאסיווע געלאסענקייט, מיט דער פולשטענדיגער קלאָרקייט און דייטליכקייט פון נאָכפאָלגענדע איינדרוקען, אין יעדע איינע פון וועלכע ער ווערט בשעת מעשה אין גאנצען אריינגעטאָן, — איז די באזונדערע כאראקטעריסטיק פון געטהע. „די געגענשטאנדען וועלכע איך זוך צו פארשטיין ערלויב איך, צו ווירקען געלאסענערהייט אויף מיר", זאָגט ער; דערנאָך באאָבאכט איך דעם איינדרוק וועלכען איך האָב פון זיי באקומען, און איך באמי זיך עס געטריי איבערצוזעצען"... אין די דאָזיגע ווערטער זיינע, האָט געטהע פאָלקאָמען אָפּגעמאָלען זיין יעדען געזיכטסצוג. ער איז געווען ביים לעבען דאָס וואָס די בארימטע פרוי פאָן־ארמין האָט געזוכט אים פאָרשטעלען נאָכ'ן טויט; אן ערענווירדיגער זקן, מיט א רואיגען כמעט שטראלענדיגען פּנים; געקליידעט אין אן אלטערטימליכען מאנטעל, האלטענדיג א לירע, וועלכע רוט אויף זיינע קני, און זיך צוהערענדיג צו די מעלאָדיען, וועלכע ענטווידער די הענט פון א זשעני אָדער דער אָטעם פון די ווינטען ציען פון איר ארויס. די לעצטע אקאָרדען האָבען מיטגענומען זיין נשמה צום מזרח; צום לאנד פון אומאקטיווער באאָבאכטונג. און ס'איז שוין באמת צייט געווען: אייראָפּא איז שוין צופיל אויפגערעגט געוואָרען פאר אים.

אזעלכע זיינען געווען בייראָן און געטהע אין זייער אלגעמיינער כאראקטעריסטיק; ביידע גרויסע דיכטער;

גאנץ פארשידענארטיג, און דאָך, ווי ניט פולשטענדיג דער קאָנ־
טראסט צווישען זיי איז ניט געווען, און ווי ווייט פאנאנדערגע־
טיילט די וועגען אויף וועלכע זיי גייען, דערגרייכען ביידע איין און
דעם זעלבען פונקט. לעבען און טויט, כאראקטער און פּאָעזיע, אלץ
איז אין די ביידע פארשידען, און דאָך איז איינער די ערגענצונג
פונ׳ם צווייטען. ביידע זיינען די קינדער פון פאטאליזם — ווייל
ס׳איז באזונדערם צום סוף פון עפּאָכען, ווען דער געטליכער גייסט,
וועלכער דירעקטירט די דורות, נעמט אָן בנוגע יחידים דעם אויס־
זען פון פאטאליזם — און זיי ווערען פון דעם געצוואונגען צו דער־
פילען א גרויסע מיסיע. ג ע ט ה ע באטראכט די וועלט אין
טיילען, און גיט איבער די איינדרוקען, וועלכע די דאָזיגע טיילען,
איינער נאָכ׳ן אנדערען, מאכען אויף אים בשעת די געלעגענהייט
ברייננט זיי פאָראוים. ב י י ר אָ ן באטראכט די וועלט פון אַן
איינציגען אומפאסענדען שטאנדפונקט; און פון דער הויך פון
דעם דאָזיגען שטאנדפונקט מאָדיפיצירט ער אין זיין אייגענער
נשמה די איינדרוקען, וועלכע די אויסערליכע געגענשטאנדען מא־
כען אויף אים בשעת זיי שוועבען פארביי אים. געטהע לאָזט
נאָכאנאנד אריינזינקען זיין אייגענע אינדיווידואליטעט אין יעדען
פון די געגענשטאנדען, וועלכע ער זוכט צו רעפּראָדוצירען. בייראָן
שטעמפּעלט אָפּ יעדען געגענשטאנד מיט זיין אייגענער אינדיווי־
דואליטעט. ג ע ט ה ע ׳ ן איז די נאטור די ס י מ פ אָ נ י ע;
ב י י ר אָ נ ׳ ע ן איז זי בלויז א פ ר ע ל י ו ד ע. צו דעם איי־
נעם שטעלט זי צו די גאנצע טעמא; און צום אנדערען בלויז די
געלעגענהייט פאר זיינע פערזען. דער איינער פירט אויס אירע
הארמאָניען; דער אנדערער קאָמפּאָנירט אויף דער טעמא, וועלכע
זי, די נאטור, האָט אָנגעדייטעט. ג ע ט ה ע האָט אם בעסטען
אויסגעדריקט ל ע ב ע נ ס; און ב י י ר אָ ן דעם ל ע ב ע ן.
דער איינער איז ברייטער; און דער צווייטער—טיפער. דער איי־

נער זוכט איבעראַל פאַר דאָס שיינע, און ליבט העכער פון אַלץ, הארמאָניע און רו; דער צווייטער זוכט דאָס געטליכע, און פאַר־געטערט טאט און קראפט. פיגורען ווי ק א ר י אָ ל א נ ו ס און ל ו ט ה ע ר, האָבען געטהע'ן באאומרואיגט. איך ווייס ניט אויב ער האָט, וואו עס איז, אין איינע פון זיינע פילע קריטיקען, גערעדט פון ד א נ ט ע; ס'איז אָבער אָהן שום ספק, אז ער האָט בנוגע דאנטע'ן געטיילט סיר וואָלטער סקאָט'ס אנטיפּאטיע; און הגם ער וואָלט געווען רעספּעקטירט זיין גאונות אים אריינ־צונעמען אין זיין פּאַנטהעאָן, וואָלט ער פונדעסטוועגען ארונטער־געצויגען א פאַרהאנג צווישען זיין גייסטיגען אויג און דעם גראנ־דיעזען אָבער מעלאנכאָלישען פיגור פון דעם אין גלות־פּארטרי־בענעם נביא, וועלכער האָט געטרוימט פון צוקונפטיגע וועלט־הערשאפט פאר זיין לאנד, און פון דער הארמאָנישער אנטוויקלונג פון דער וועלט אונטער איר אָנפירערשאפט. בייראָן האָט געליבט און געצויגען באגייסטערונג פון דאנטע. ער האָט אויך ליב גע־האט װ א ש י נ ג ט אָ ן און פ ר א נ ק ל י ן, און האָט נאָכגעפאָלגט, מיט די אַלע סימפּאטיען פון א נשמה, וועלכע דורש־טעט נאָך אַקציאָן, די צו אַ מעטעאָר ענליכער קאריערע פון דעם גרעסטען געניע פון טאָט. וועלכען אונזער עפּאָכע האָט ארויסגע־בראכט נ א פּ אָ ל ע אָ ן; פילענדיג צאָרנדיג־אויפגעבראכט, וואָס ער איז ניט געשטאָרבען אין קאמף.

אויך דאמאָלסט, ווען זיי האָבען ארומגערייזט די צווייטע פּאַ־טערלאנד פון אַלע פּאָעטישע נשמות — א י ט א ל י ע ן — האָ־בען די דאָזיגע פּאָעטען נאָך אַלץ נאָכגעפאָלגט אנטקעגענגעזעצטע וועגען; דער איינער האָט דורכגעמאכט ס ע נ ס א צ י ע ס"; און דער צווייטער, א טיפע א ו י פ ר ע ג ו נ ג פון געפיל און געמיט; דער איינער האָט זיך הויפּטזאכליך אָפּגעגעבען מיט דער נאטור; דער צווייטער מיט דער פארשטאָרבענער גרויסקייט.

מיט די לעבעדיגע אומגערעכטיגקייטען, און מיט די מענשליכע זכרונות.*)

(מאציני'ס אייגענער נאָטיץ.)

*) דער קאָנטראַסט צווישען די בײדע פּאָעטען איז אין ערגעץ ניט אַזוי בולט אַרויסגעוויזען ווי אין דעם אופן אין וועלכען זיי זיינען גערירט געוואָרען דורך דעם אָנבליק פון דער שטאָט ר ו י ם. אין ג ע ט ה ע 'ס „עלעגיען" און אין זיינע „נסיעות אין איטאַליען" געפינען מיר בלויז די איינדרוקען פון דעם קינסטלער. ער האָט רוים נישט פאַרשטאַנען. די אייביגע סינטעזע, וועלכע, ווען מען קוקט אַרונ־טער פון דער הויך פונ'ם קעפּיטאָל און פון סאַנט פּעטרוס, — וואָס ווי־קעלט זיך פאַנאַנדער אין וואָס ווייטער אלס גרעסערע און אויסגעברייטערטע צירקלען, אומפּאַסענדיג צוערשט אַ נאַציע, און דערנאָך גאַנץ אייראָפּא, ווי עס וועט שליסליך אומפאַרמײדליך אומפאַסען די גאַנצע מענשהייט, איז פאַר אים געבליבען אין גאַנצען ניט אַנטפּלעקט; ער האָט געזען בלויז דער צירקעל פון פּאַגאַניזם, די אַם ווינציגסט פרוכטבאַרע, ווי אויך אַם ווינציגסטע הײמישעס. עס האָט געקאָנט אויסדוכטען, אַז ער האָט פאַר איין רגע יאָ געכאַפּט אַ בליק פון דעם, ווען ער האָט געשריבען דאָס „די היסטאָריע ווערט דאָ געלעזען פיל אַנדעריש ווי אַנדערשוואו אין דער וועלט; אַנדערשוואו לעזען מיר זי אַריין פון דרויסען אינוויינינג; אָבער דאָ, שיינט עס, קאָן מען זי אַרויסלייענען פון אינוויינינג"; — אָבער אויב, ער האָט שוין יאָ געכאַפּט אַ בליק, פאַרלירט ער עס ווידער, און איז שוין אויף דאָס ניי אַריינגעטאָן אין די שיינקייטען פון דער נאַטור..." צו מיר שטעלען זיך אָפּ אָדער מיר גייען ווייטער, אַנטדעקען מיר אַ לאַנדשאַפט, וועלכע האלט זיך אין איין באַנייען אויף טויזענט־ערליי אופנים. מיר געפינען דאָ פּאַלאַצען און חורבות; גאָרטענס און איינזאַמקייטען; דער האָריזאָנט פאַרלענגערט זיך פון דער ווייטענס, אָדער עס ווערט פּלוצלונג פאַרקירצט; כאַטקעס און שטאַלען, עמודים און

און דאָך, נישט קוקענדיג אויף די אַלע קאָנטראַסטען פון וועלכע איך האָב מער נישט ווי געגעבען אָנצוהערעניש, און וועל־כע וואָלטען בעסער זיך ארויסגעזען דורך די ציטאַטען פון זייער

טריאומף־אַרקען, ליגען דאָ אלע אָנגעווארפען, און אָפטמאָל אזוי נאָענט איינס פון צווייטען דאָס מיר וואָלטען געקאָנט געפינען אָרט פאר זיי אויף דעם זעלבען פּאַפּיר־בויגען."

אין רוים האָט ב י י ר אָ ן פארגעסען ליידענשאַפטען, טרויער, זיין אייגענע אינדיווידואַליטעט, אַלץ, אין דער אנגעזיכט פון אַ גרוי־סער אידייע; באַטראַכט דעם דאָזיגען אויסגוס פון אַ נשמה, וועלכע איז געבאָרען געוואָרען פאַר איבערגעבענהייט; —

"O Rome! My country! City of the soul!
The orphans of the heart must turn to thee,
Lone mother of dead empires! And control
In their shut breast their petty misery."

„אָ רוים! מיין לאנד! די שטאָט פון מיין נשמה!
די יתומים פון האַרץ מוזען זיך צו דיר ווענדען,
צו דיר דו איינזאמע מוטער פון טויטע אימפעריעס! און קאָנטראָלירען
אין זייער פאַרשלאָסענעם בוזים זייערע קליינליכע עלענדקייטען."

ווען ער איז ענדליך געקומען צו זיך און האָט ווידער רעאַליזירט זיין פּאָזיציע, איז עס געווען מיט אַ האָפענונג פאר דער וועלט (פערז 98 און אַ פאַרגעבונג פאַר זיינע שונאים. פון דעם פערטען טייל פון "Childe Harold" וואָלט בייראָנ'ס טאָכטער מער געקאָנט לערנען און אַרויסזען דעם אמת'ן גייסט פון איר פאָטער, ווי פון אלע פארלוימדערי־שע באַריכטען, וועלכע זי האָט זיך אָנגעהערט וועגען אים, און פון אלע ביכער, וועלכע זיינען וועגען אים געשריבען געוואָרען."

מאַציני.

ווערק; האָבען זיי ביידע דערגרייכט. — ג ע ט ה ע דער פּאָעט פון דער אינדיווידואַליטעט און זיין אָביעקטיווען לעבען — דעם עגאָאיזם פון ג ל י י כ ג י ל ט י ג ק י י ט; און ב י י ר אָ ן — דער דיכטער פון דער אינדיווידואַליטעט אין זיין סוביעקטיווען לעבען — צום עגאָאיזם — (איך זאָג עס — מיט באַדויערען, ווייל אויך דאָס איז עגאָאיזם) פון פ א ר צ ו ו י י פ ל ו נ ג. א צוויי־פאכער גזר־דין אויף דער עפּאָכע פון וועלכע ס'איז געווען זייער מיסיע צו זיין די פאָרשטייער און אָפּשליסער.

ב י י ד ע — איך רעד ניט פון זייער ריין ליטעראַריטעער ווערט, וועלכע ווערט פון קיינעם ניט באַשטריטען און פון דער גאַנצער וועלט אַנערקענט — איינער דורך דעם גייסט פון ווידער־שטאַנד, וואָס אָטעמט אַדורך אַלע זיינע שאַפונגען; דער צווייטער דורכ'ן גייסט פון סקעפּטישע איראָניע, וועלכע דרינגט דורך זיינע ווערק, און דורך דער אומאָפּהייִנגיגער סואַווערעניטעט, וועלכע ווערט צוגערעכענט צו דער קונסט איבער אַלע סאָציאַלע באַציאונ־גען — האָבען פיל מיטגעהאָלפען אין דעם קאַמף פאַר אינטעלעק־טועלער עמאַנסיפּאַציע, און האָבען ערוועקט אין די מחות פון מענשען דעם סענטימענט פון פ ר י י ה י י ט. ביידע, — איינער אויף א דירעקטען אופן, דורך דער ביטערער מלחמה, וועלכע ער האָט אָנגעפירט קעגען די זינד און די אַבסורדיטעטען פון די פּריי־ווילעגירטע קלאַסען, און אינדירעקט, דורך באַגאַבען זיינע העלדען מיט אַלע אַטריבוטען פון דעם דעספּאָט, און דערנאָך ווי אין גרויס צאָרן זיי אין שטיקער צערייסען; — דער צווייטער דורך דער פּאָע־טישער רעאַביליטירונג פון די באַשיידענסטע פאָרמען, און די אומ־באַרייטענדסטע געגענשטאַנדען, ווי אויך דורך דער וויכטיגקייט צוגעשריבען צו דעטאַלען — האָט באַקעמפט אַריסטאָקראַטישע פאָראורטיילע, און האָט אַנטוויקעלט אין די מחות פון די מענשען דעם סענטימענט פון ג ל י י כ ה י י ט. און האָבען דורך זייער

קינסטלערישער אויסצייכענונג ערשעפטביידע פֿאָרמען פֿון דער פּאָעזיע פֿון אינדיווידואַליטעט; זיי האָבען פֿאַרענדיגט דעם ציקל פֿון אירע פּאָעטען; און דערמיט האָבען זיי רעדוצירט אַלע, וועלכע האָבען זיי נאָכגעפאָלגט אין דער דאָזיגער ספּערע, צו דער אונטערגעאָרדענטער פּאָזיציע פֿון נאָכאמער, און באשאפען די נויטווענדיגקייט פֿון א נייע פֿאָרמע פֿון פּאָעזיע; אונז לערנענדיג צו אנערקענען א נויטווענדיגקייט וואו מיר האָבען פֿריער געפֿילט בלויז א פֿאַרלאַנג. צוזאמען האָבען זיי באערדיגט אן ערא; און האָבען עס צוגעדעקט מיט א טויטען־צודעק, וועלכען קיינער טאָר ניט אויפהויבען; און כדי ווי געהעריג איז צו פּראָקלאמירען איר אָפּשטארבען צום נייעם דור, האָט די פּאָעזיע פֿון געטהע אָנגעשריבען איר היסטאָריע, בשעת די פֿון בייראָן האָט אויסגעקריצט איר עפּיטאַף.

און איצט אַדיע צו געטהע; אַדיע צו בייראָן! אַדיע צו דעם טרויער, וועלכער צעדריקט אָבער הייליגט ניט — צו דער פּאָעטישער פֿלאַם, וועלכע באַלייכט אָבער וואַרימט ניט — צו דער איראָנישער פֿילאָזאָפֿיע, וועלכע פֿאַלמעסט אָהן ווידער צו־נויפֿשטעלען — צו דער גאַנצער פּאָעזיע, וועלכע אין אן עפּאָכע אין וועלכע עס איז פֿאַראַן אַזוי פֿיל צו ט אָ ן, פֿאַרעדיגט אונז אומאַקטיווע באָאָבאַכטונג; אָדער וועלכע, אין א וועלט וועלכע נויטיגט זיך אַזוי פֿיל אין איבערגעבענהייט, זוכט גאָר אריינצו־פֿליסען פֿאַרצווייפֿלונג. אַדיע, צו אַלע טיפֿען, וועלכע פֿאַרמאָגען קראַפֿט אָבער ניט קיין ציל, צו אַלע פֿערזאָניפֿיצירונגען פֿון איינזאמער אינדיווידואַליטעט, וואָס זוכט א ציל און געפֿינט עס ניט, און ווייס ניט ווי אַזוי אָנצואווענדען דעם לעבען וואָס באוועגט זיך אין איר; — צו אַלע עגאָאיסטישע פֿריידען און ליידען. אַדיע, און א לאַנגען אָפּשייד צו דער פֿאַרגאַנגענהייט! דער ב אַ ג י־נ ע ן פֿון דער צוקונפֿט איז שוין אנאָנסירט פֿאַר אַלע די, וועלכע

קאָנען לייענען אירע סמנים, און צו איר מוזען מיר זיך ווידמען אין גאנצען.

דער ד ו א ל י ז ם פון דעם מיטעלאַלטער, נאָכדעם ווי ער האָט יאָרהונדערטע געקעמפט אונטער די באַנערס פון ק י ס ר און פּ א פּ ס ט; נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלאָזען זיין צייכען און געטראָגען פרוכט אין יעדען צווייג פון אינטעלעקטועלער אנטוויקלונג; איז ווידער ארויף צום הימעל — זיין מיסיע דורכגעפירט — אין דעם צווילינג פלאַם פון פּאָעזיע, וועלכען מען רופט געטהע און בייראָן. צוויי ביז אהעריגע קלאָר־באַשטימטע לעבענספאָרמען זיינען פארקערפּערט געוואָרען אין די דאָזיגע צוויי מענער. בייראָן איז דער איזאָלירטער מענש, וואָס שטעלט פאָר בלויז די אינערליכען ערשיינונג פון לעבען; געטהע דער איזאָלירטער מענש, וואָס שטעלט פאָר בלויז דאָס אויסערליכע.

העכער פון די דאָזיגע צוויי אומפּולשטענדיגע עקזיסטענצען; ביי א קרייץ־פּונקט צווישען דיזע צוויי שטרעבונגען צו א הימעל, וועלכען זיי זיינען ניט ביכולת צו דערגרייכען, וועט זיך אנטפּלעקען די פּאָעזיע פון דער צוקונפט; פון דער מ ע נ ש ה י י ט; צוליב דעם וואָס מיר געפינען זיך אויפ'ן שוועל פון א נייער עפּאָכע, וועלכע מיר וואָלטען אָהן זייער הילף ניט דערגרייכט; — זאָלען מיר דען ארונטעררייסען די יעניגע, וועלכע האָבען פאר אונז ניט מער געקאָנט טאָן, ווי אריינצוואווארפען זייערע גיגאַנטישע קערפּערס אין דעם תהום, וועלכער האָט אונז אלעמען אין זיך געהאלטען, פארצווייפעלט און אין ספקות, אויף דער אנדער זייט? פון די פריסטע צייטען האָט מען די גניאליטעט געמאכט פאר'ן שעיר לעזאזל פון די דורות. דער געזעלשאַפט האָט קיינמאָל ניט אויסגעפעלט מענשען, וועלכע האָבען זיך צופרידענגעשטעלט מיט פאָרוואָרפען די ט ש ע ט ע ר ט א נ ס פון זייערע טעג פאר ניט זיין מוסטערן פון זעלבסטערגעבענהייט, אַנשטאָט פיזישע

און מאָראלע זעלבסטמערדער, זיך נישט פרעגענדיג צו האָבען זיי ווען ניט איז, אין זייער לעבענסצייט, געזוכט צוצושטעלען צו די דאָזיגע יונגע ליידענדע גאונים, עטוואָס אנדערש ווי צווייפעל און ביטערע אָרימקייט. איך פיל די נויטווענדיגקייט פון פּראָטעסטירען פייערליך קעגען דער רעאקציע, וועלכע געווייסע דענקער האָבען אָנ־געפאַנגען קעגען די וועלכע האָבען פאַרמאָגט מעכטיגע נשמות, א רעאַקציע, וועלכע דינט אלס צודעק פאַר דעם חסרונות־זוכענדען גייסט פון מיטעלמעסיגקייט. ס'איז דאָ עפּעס אכזריות'דיגעס, אָפּ־אָפּשטויסענדעס און אומדאַנקבאַרעס אין דעם דעסטרוקטיווען אינ־סטינקט, וועלכער פאַרגעסט אזוי אָפט דאָס וואָס איז יאָ אויפ־געטאָן געוואָרען פון די גרויסע גייסטער, וועלכע האָבען גע־לעבט איידער אונזער צייט, צו פאָדערען פון זיי דין וחשבון פון מער וואָס וואָלט געקאָנט אויפגעטאָן ווערען. איז דען דאָס קישעלע פון סקעפּטיציזם אזוי ווייך פאַר געניאַליטעט רעכטצופאַרטיגען דעם שלום, דאָס עס איז בלויז אדאַנק עגאָאיזם, וואָס זיי רוען צומאָל אָפּ אויף דעם, זייער פיבערהאפטען שטערן? זיינען מיר דען אזוי ריין פון דעם איבעל, וועלכער איז אָפּגעשפּי־געלט אין זייערע פּערזען, צו האָבען דאָס רעכט צו פאַרדאַמען און באשמוצען זייער אָנדענק? דעם דאָזיגען איבעל האָבען זיי דאָך ניט אריינגעבראַכט אין דער וועלט. זיי האָבען עס געפונען, עס געזען, געפילט, און איינגעאָטעמט; עס האָט זיך געפונען ארום און ארום, אויף יעדען זייט, און זיי אליין זיינען געווען זיינע גרע־סטע קרבנות. ווי אזוי האָבען זיי עס געקאָנט אויסמיידען און עס ניט רעפּראָדוצירען אין זייערע ווערק? ניט דורך ארונטערוואַרפען געטהע'ן אָדער בייראָן וועלען מיר פאַרניכטען דעם סקעפּטיציזם אָדער די גלייכגילטיגקייט צווישען אונז. מיר קאָנען עס בלויז טאָן דורך אליין ווערען גלויביגע און אָרגאַניזאַטאָרען. אויב מיר זיינען אזעלכע, דאַרפען מיר פאַר קיין זאַך זיך ניט שרעקען. ווי ס'איז

דאָס פובליקום אזוי וועט זיין דער דיכטער. אויב מיר ערען ענטוזיאזם, דאָס פאָטערלאנד, די מענשהייט; אויב אונזערע הערצער זיינען ריין און אונזערע נשמות געטריי און געדולדיג וועט נישט פעלען די געניאליטעט. וואָס וועט פארטייטשען אונזערע שטרעבונגען, און צום הימעל טראָגען אונזערע אידייען און אונזערע ליידען. טאָ זאָלען שטיין די דאָזיגע סטאטוען. די נאָבעלע מאָנומענטען פון פעאָדאלע צייטען באשאפען ניט קיין פארלאנג זיך אומצוקערען צו די טעג פון לייב־אייגענטום.

מען וועט מיר אָבער זאָגען, אז עס זיינען דאָ נאָכאמער. איך ווייס עס צו גוט. אָבער וואָס פאר א דויערהאפטען איינפלוס קאָנען אויף'ן סאָציאלען לעבען אויסאיבען די יעניגע, וועלכע פארמאָגען ניט קיין אמת'ן אייגענעם לעבען? אין דעם טאָג ווען די לעבעדיגע וועלען זיך דערהויבען און וועלען פארנעמען דעם פלאַץ פון דער טויטער געזעלשאפטליכער פאָרמע, וועלען די דאָזיגע פארשווינדען ווי די געשפענסטער ביים ערשטען קרעה פון האָן. וועלען מיר דען קיינמאָל ניט זיין פעסט גענוג אין אונזער גלויבען, צו קאָנען וואגען ארויסצוצייגען פאסענדען יראת הכבוד צו די גראנדיעזע פיגורען פון אַ פריערדיגע עפּאָכע? עס וואָלט געווען נוצלאָז בכלל צו רעדען וועגען סאָציאלער קונסט, אָדער וועגען דעם באגריף פון דער מענשהייט, אויב מיר וואָלטען ניט געקאָנט אויפבויען מזבחות צו די נייע געטער, ניט אראָפּוואַרפענדיג די אלטע. נאָר די יעניגע זאָלען וואגען ארויסצורעדען דעם הייליגען נאָמען פון פּראָגרעס, וועמעס נשמות פארמאָגען גענוג אינטעליגענץ צו באגרייפען די פארגאנגענהייט, און וועמעס הערצער פארמאָגען גענוג פּאָעטישע רעליגיע ארויסצוצייגען יראת הכבוד פאַר איר גרויסקייט. דער בית המקדש פון די אמת גלויביגע אין דער קונסט איז ניט די קאפּעלע פון וועלכער ניט איז סעקטע; עס איז אַ ברייטער פאנטעאָן, אין וועלכען די גלאָררייכע סטאטוען פון געטהע

און בייראָן וועלען פאַרנעמען א בכבוד׳יגען אָרט, לאַנג נאָך דעם ווי געטהעאיזם און בייראָניזם וועלען האָבען אויפ־געהערט צו זיין.

ווען מענשען, געריינינגט גלייכצייטיג פון נאָכאמונג און פון אומצוטרוי, וועלען זיך אויסלערנען ארויסצואווייזען באַרעכטיגטען יראת הכבוד צו די מעכטיגע געפאַלענע, ווייס איך ניט צו געטהע וועט דאמאָלסט באַקומען א גרעסערען חלק פון זייער באַוואונ־דערונג אַלס קינסטלער, איך בין אָבער איבערצייגט, אַז בייראָן וועט זיי באַגייסטערען מיט מער ליבע, אי אַלס מענש, אי אַלס פּאָעט, — א ליבע, וועלכע וועט זיין פאַרגרעסערט אַלס פאַרגי־טיגונג פאַר דעם גרויסען אומרעכט, וועלכען מען האָט אים ביז איצט צוגעטיילט. אין דער צייט ווען געטהע האָט זיך געהאַלטען אָפּגעזונדערט פון אונז, און האָט פון דער הויכטקייט פון זיין אָלימפּישע רואיגקייט, מיט גרינגשעצונג געשמייכעלט אויף אונ־זערע פאַרלאַנגען, אונזערע קעמפּע, און אונזערע ליידען, — האָט בייראָן געוואַנדערט דורך דער וועלט, טרויעריג, מעלאַנכאָליש און באַאומרואיגט; פאַרוואונדעט און טראָגענדיג דעם פייל אין דער וואונד. איינזאם און אומגליקליך אין זיין קינדהייט, אומגליקליך אין זיין ערשטער ליבע, און נאָך מער און גרויזאמער אומגליקליך אין זיין ניט־איבערלייגטער הייראַט; פאַרליימדעט און אטאַקירט פאַר זיינע טאַטען און אויך פאַר דעם וואָס ער האָט בדעה געהאַט צו טאָן, אָהן נאָכפראַגע און אָהן א פאַרטיידיגער; פאַרפאָלגט דורך פינאַנציעלע שוועריגקייטען; געצוואונגען צו פאַרלאָזען זיין לאַנד, זיין הויז, און קינד; אָהן א פריינד — מיר האָבען עס דאָך צו בולט ארויסגעזען נאָך זיין טויט — פאַרפאָלגט און נאָכגעיאָגט אפילו אויפ׳ן קאָנטינענט פון א טויזענט אבסורדע און שענדליכע שקרים, — און דורך דער אייז־קאַלטער בייזווילליגקייט פון א וועלט, וועלכע האָט אפילו זיינע ליידען אויסגעטייטשט אַלס פאַרברעכען;

האַט ער פונדעסטוועגן, אין מיטען פון אן אומפארמיידליכע רע־אקציע, אָנגעהאלטען גאנץ און אומבאפלעקט זיין ליבע פאר זיין שוועסטער, און זיין אדאַ; זיין מיטגעפיל און רחמנות פאר אלע אומגליקליכע; זיין געטרייקייט צו די פריינדשאפטען פון זיין קינדהייט און יוגענט, פון לאָרד קלעיר ביז צו זיין אלטען דינער מאָרעי, און צו זיין אַם מערי גרעי. ער איז געווען פרייגיביג מיט זיין געלט צו יעדען איינעם וועמען ער האָט געקאָנט העלפען אָדער דינען אָנהויבענדיג מיט זיינע ליטערארישע פריינד און פארענדיגענ־דיג מיט דעם עלענדען פארלוימדער עש. און הגם געשטויסען דורך דעם כאראקטער פון זיין געניאליטעט, דורך דער פעריאָדע אין וועלכער ער האָט געלעבט, און פון יענעם פאטאליזם פון זיין מיסיע, וועלכען איך האָב אָנגעדייטעט, — צו א פּאָעטישער אינ־דיווידואליטעט, די אומפארמיידליכע אומפאָלקאָמענהייט פון וועל־כען איך האָב זיך באמיט צו ערקלערען, — האָט ער אין קיין פאל ניט געזוכט עס צו דערהויבען ווי א מוסטער. דאָס ער האָט פראָפעטיש אָנגעזאָגט די צוקונפט מיט דער פאָראויסזעאונג פון גאונות, באווייזט אונז זיין דעפיניציע פון דעם וואָרט „פּאָעזיע" אין זיין טאָג־בוך, א דעפיניציע, וועלכע איז ביז איצט מיספאר־שטאנען געוואָרען, אָבער וועלכע איז דאָס בעסטע, וואָס איך האָב ביז איצט געטראָפען. „פּאָעזיע איז דער געפיל פון א פריערדיגע וועלט און פון א קומענדיגע". פּאָעט ווי ער איז געווען, האָט ער אימערצו פאָרגעצויגען אקטיוויטעט פאר גוטעס, צו דאָס בעסטע וואָס זיין קונסט האָט געקאָנט אויפטאָן. ארומגערינגעלט מיט שקלאפען און זייערע אונטערדריקער; א רייזענדער אין לענדער אין וועלכע אפילו ערינערונגען האָבען אויסגעזען ווי אָפגעמעקט; האָט ער פאר קיין איין רגע ניט דעזוערטירט די אינטערעסען פון די פעלקער מאסען; ער איז קיין איין מאָל ניט פאלש געווען צו מענשליכע סימפאטיען, א צושויער צו דער אנטוויקלונג פון דער

רעסטאווראציע, און דעם טריאומף פון דעם „היילינגען אליאנץ״, האָט ער זיך קיינמאָל ניט אָפּגעווענדעט פון זיין מוטיגער אָפּאָזי־ציע; ער האָט אָנגעהאלטען און עפענטליך פּראָקלאמירט זיין גלויבען אין די רעכט פון די פעלקער און אין דעם ע נ ד ג י ל ־ ט י ג ע ן טריאומף פון דער פרייהייט.*)

דער פאָלגענדער אויסצוג פון בייראָנ׳ס טאָג־בוך איז דער אבסטראקט פון דעם געזעץ, וועלכער רעגירט די באמיאונגען פון דער אמת׳ער פארטיי פון פּראָגרעס היינט צו טאָג: .... „אין פאָר־אוים! ס׳איז איצט די צייט פאר אקציאָן; און וואָס פאר א באַ־טרעף האָט דער איינצעלנער „איך״, אויב איין איינציגער פונק פון דאָס וואָס וואָלט זיך געקאָנט פארגלייכען מיט א גלאָררייכער פאר־גאנגענהייט**) וועט קאָנען ניט־אויסלעשבאַר, איבערגעלאָזען ווערן בירושה צו דער צוקונפט? עס איז ניט איין מענש, אויך ניט א מיליאָן מענשען, נ אָ ר ד ע ר ג ײ ס ט פ ו ן פ ר י י ־ ה י י ט, וועלכער מוז פארשפּרייט ווערען. די ים־כוואליעס, וועלכע האלטען זיך אין ווארפען אויפ׳ן לאנד־ברעג, ווערען צע־בראָכען איינער נאָך דער אנדערער; אָבער דאָך באזיגט דער י ם.

---

*) "Yet, Freedom! Yet, thy banner torn, but flying
Streams like the thunder-storm, *against* the wind:
Thy trumpet voice, though broken now and dying,
The loudest still the tempest leaves behind.
The tree had lost its blossoms, and the rind,
Chopped by the axe, looks rough and little worth,
But the sap lasts—and still the seed we find
Sown deep, even in the bosom of the North,
So shall a better spring less bitter fruit bring forth."

—*Byron.*

**) געשריבען אין איטאַליען.

ער האָט איבערוועלטיגט די מעכטיגע ארמאדא*), ער ניצט אָפּ דעם פעלז; און אויב מען זאָל גלויבען די נעפּטוניאַנער**), האָט דער ים נישט בלויז פארניכטעט נאָר אויך באשאפען א וועלט"..... אין נעאפּעל, אין דער ראָמאגנא, און וואו נאָר ער האָט דערזען זיך רירענדיג א ניצוץ פון גאָבעלען לעבען, איז ער גרייט געווען פאר יעדער באמיאונג; אָדער געפאר, אבי דעם דאָזיגען פונק פאנאנ־דערצובלאָזען אין א פלאם. ער האָט בראנדמארקירט די נידער־טרעכטיגקייט, היפאָקריטסטוואָ, און אומגערעכטיגקייט וואו נאָר זיי האָבען זיך באוויזען.

אזוי האָט בייראָן געלעבט אומאויפהערליך ארומגעשטויסען פונ׳ים שטורעם צווישען די איבלען פון דער געגענוואַרט און זיין בייענקעניש נאָך דער צוקונפט; אָפטמאָל ניט גלייכמעסיג; אין געוויסע מאָמענטען זאָגאר סקעפּטיש; אבער אימערצו ליידענד — אָפט אם מערסט ליידענד ווען עס האָט אויסגעזען ווי ער לאַכט;***) און אימער ליבענדיג אפילו דאן ווען עס האָט זיך אויסגעדרוקט דאָס ער שילט.

נאָך קיינמאָל פריער איז דער „אייביגער גייסט פון דעם אומ־געפּענטענטען געדאנק" צווישען אונז ערשינען אין א ליכטיגערע געשטאלט. אין געוויסע מאָמענטען האָט ער אויסגעזען ווי א טראנספאָרמאציע פון יענעם אומשטערבליכען פ ר אָ מ אָ ט ע ־

---

*) די בארימטע שפּאַנישע קריגס־פלאָטע.

**) נעפּטון — איז דער גאָט פון ים.

***) "And if I laugh at any moral thing,
'Tis that I may not weep:"

„און לאַך איך ווען פון שטערבליכען וועזען,
איז עס צו פארהאַלטען מיינע טרערען."

א ו ס, ווען ער האָט אזוי שיין געשילדערט; ווען אויסגעשריי פון פיין, וואָס האָט אין זיך אנטהאַלטען אן אָנדייט פון דעם לעתיד לבוא, — האָט אָפּגעקלונגען איבער׳ן וויגעל פון דער איירָאָפּעאישער וועלט, און ווען גראַנדיעזע און מיסטעריעזע פיגור, א י ד ע אַ ל י ז י ר ט דורך דער צייט, באווייזט זיך ווידער פון דור צו דור, צווישען דער באַרדיגונג פון איין עפּאָכע און דער טראָן־באשטייגען פון א צווייטער; דער מקונן פון גאונות, וועלכע ווערט געפּייניגט פון דעם פאַרגעפּיל פון זאכען, וועלכע זי קאָן ניט זען רעאַליזירט אין איר אייגענער צייט. בייראָן, אויך, האָט פאַרמאָגט דעם „פעסטען ווילען" און דעם „טיפען געפיל"; ער, אויך, האָט געמאכט „פון טויט א נצחון". ו ו ע ן ע ר ה אָ ט ד ע ר ה ע ר ט ד ע ם א ו י ס ג ע ש ר י י פ ו ן נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט א ו ן פ ו ן פ ר י י ה י י ט ז י ך אַ ר ו י ס ר י י ס ע ן א י ן ד ע ם ל אַ נ ד, ו ו ע ל כ ע ע ר ה אָ ט א ז ו י ה י י ס ג ע ל י ב ט א ו ן פ ו ן ו ו ע ל כ ע ע ר ה אָ ט ג ע ז ו נ ג ע ן א י ן ז י י ן פ ר י ע ן י ו ג ע נ ט, ה אָ ט ע ר צ ע ב ר אָ כ ע ן ז י י ן ה אַ ר פ ע א ו ן ה אָ ט ז י ך אַ ר ו י ס ג ע ל אָ ז ע ן צ ו ם ק אַ מ ף. און אין דער צייט ווען די „קריסטליכע" מאכטען האָבען זיך געאַמפּערט און פּראָטאָקאָלירט, — בשעת די „ק ר י ס ט ל י כ ע" פעלקער האָבען אויסגעציילט פּרוטות צו העלפען דעם קרייץ, וועלכער האָט זיך געראַנגעלט מיט דער האַלבער לבנה; האָט ער, דער פּאָעט און פרעטענדירטער סקעפּטיקער, זיך געאיילט אוועקצולייגען זיין אייגענטום, זיין געניאַליטעט, און זיין לעבען, צו די פיס פון דעם ערשטען פאָלק, וואָס האָט זיך אין זיין צייט, דערהויבען אין נאָמען פון דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט און פ ר י י ה י י ט, וועלכע ער האָט געליבט.

איך ווייס ניט פון קיין שענערען סימבאָל פון דעם צוקונפטי־

גען שיקזאל און מיסיע פון דער קונסט, ווי דער טויט פון בייראָן אין גריכענלאנד. דער היילינער אליאנץ פון דער דיכטונג מיט'ן פרייהייטס־קאמף פון די פעלקער; דער בונד — וועלכער איז נאָך עד היום אזוי זעלטען, — וועלכער אליין פארפאָלקאָמט דאָס מענש־ליכע וואָרט, און איז פאָראויסבאשטימט צו באפרייען די וועלט; די גראנדיעזע סאָלידאריטעט פון אלע פעלקער אינ'ם קאמף צו עראָבערען די רעכט, וועלכע גאָט האָט באשטימט פאר אלע זיינע קינדער, און אין דער דורכ־פירונג פון יענער מיסיע צוליב וועלכער אליין אזעלכע רעכט עק־זיסטירען; — אָט דאָס אלץ איז אצינד די רעליגיע און די האָפע־נונג פון דער פארטיי פון פראָגרעס אין גאנץ אייראָפא, און איז אזוי גלענצענד פערזאָניפיצירט אין דעם דאָזיגען געשטאלט, וועלכען מיר, בארבארען וואָס מיר זיינען, האָבען שוין פארגעסען.

דער טאָג וועט קומען ווען די דעמאָקראטיע וועט געדענקען אלץ וואָס זי איז שולדיג בייראָנ'ען. ענגלאנד, אויך, האָף איך, וועט זיך דערמאָנען די מיסיע — אזוי גענצליך ענגליש, און דאָך פון איר פארקוקט — וועלכע בייראָן האָט דערפילט אויפ'ן קאָנטינענט; די אייראָפעאישע ראָלע, וועל־כע די ענגלישע ליטעראטור האָט אים געגעבען, און די אנערקענונג און סימפאטיע פאר ענגלאנד, וועלכע ער האָט צווישען אונז דערוועקט.

איידער ער איז געקומען, האָט מען ביי אונז געקענט די ענג־לישע ליטעראטור בלויז פון דער פראנצויזישער איבערזעצונג פון שעקספיר, און דורך דער אנאטעמא, וועלכע וואָלטער האָט געשליידערט אויפ'ן „שיכור'ען בארבאר". א דאנק בייראָן, האָבען מיר אייראָפעער אָנגעפאנגען שטודירען שעקספיר'ן און אנדערע ענגלישע שרייבער. פון אים, דאטירט די סימפאטיע, וועלכע לעבט ביי די אלע טריי־הארציגע צווישען אונז,

פאַר דיזען לאַנד פון פרייהייט; ווּעמעס אמת׳ן באַרוף ער האָט אַזוי ווירדיג מיט זיך פאַרגעשטעלט צווישען אַלע אונטערדריקטע. ער האָט די געניאַליטעט פון בריטאַניען געפירט אויף אַ היילינגען „עולה לרגל״ דורך גאַנץ אייראָפּאַ.

ענגלאַנד וועט אַמאָל באַגרייפען און דערפילען ווי שלעכט עס איז — ניט פאַר בייראָן נאָר פאַר איר אַליין — דאָס וואָס דער אויסלאַנדער, וועלכער באַטרעט אירע לאַנד־ברעגעס, איז געצוואונגען אַרומצוזוכען און ניט קאָנען געפינען אין דעם טעמפּעל וועלכער האָט באַדאַרפט זיין איר נאַציאָנאַלער פּאַנטעאָן, דעם פּאָעט, וועלכער איז באַליבט און באַוואונדערט פון אַלע אייראָפּעאישע פעלקער, און וועמעס פריצייטיגען טויט גריכענלאַנד און איטאַליען האָבען באַוויינט, אַזוי ווי עס וואָלט געווען דער טויט פון איינעם פון די נאָבעלסטע פון אירע אייגענע זין.

אין די דאָזיגע עטליכע זייטען — אומגליקליכערווייז געאיילטערהייט אָנגעשריבען — איז מיין ציל און אבזיכט געוועזען, ניט אַזוי פיל צו קריטיקירען ענטווידער בייראָן אָדער געטהע, אָן אויפגאַבע פאַר וועלכער עס פעלט אי צייט אי פּלאַץ, נאָר פאָרצושלאָגען, און אויב מעגליך אַרויספירען די ענגלישע קריטיק אויף אַ ברייטערען, מער אומפּאַרטייאישען און ניצליכערען וועג, ווי דער וועלכער ווערט געוויינליך באַנוצט. געוויסע רייזענדע פון דעם עלפטען יאָרהונדערט דערציילען דאָס זיי האָבען אין ט ע נ ע ־ ר י ף געזען אַ וואונדערבאַר הויכען בוים, וועלכער האָט אַ דאַנק דעם אומגעהויער גרויסען אומפאַנג פון זיין באַבלעטערונג, אָנגעזאַמעלט אַלע פּאַרעס פון דער אַטמאָספערע; כדי זיי אַרויסצוגעבען ווען מען טרייסעלט אויף אירע צווייגען, אין דער פאָרמע פון אַ גוס קלאָרע דערפרישענדע וואַסער. גאונות איז ענליך צו דעם דאָזיגען בוים, און די אויפגאַבע פון דער קריטיק באַדאַרף זיין, פאַנאַנדערשאָקלען די צווייגען. היינט צו טאָג אָבער, איז עס מער

ענליך צו א ווילדען מענשען, וועלכער באמיט זיך דעם דאָזיגען נאָבעלען בוים ארונטערצוהאקען ביז צו די וואָרצלען.

פון די „פליכטען פון דעם מענשען"

די פרוי

.....ליבט און רעספעקטירט די פרוי. זוכט ניט אין איר א נחמה, נאָר אויך שטארקייט, דערמונטערונג, אַ פארצווייפאַכונג פון אייערע אינטעלעקטועלע און מאָראלע אייגענשאפטען. מעקט לחלוטין אויס פון אייער געדאנק וועלכע ניט איז אידייע פון העכערקייט לגבי איר. איר פארמאָגט ניט אַזוינס.

א דאנק אומגלייכע בילדוגס־מעגליכקייטען און שטענדיגער אונטערדריקונג מצד דעם געזעץ, האָט דער דורות־לאנגער פאָרורטייל באשאפען יענע שיינבאר נידעריגערע אינטעלעקטועלער מדרגה, וועלכע איר באנוצט היינט צו טאָג אלס ארגומענט אויף ווייטער אָנצוהאלטען די דאָזיגע אונטערדריקונג.

לערענט אונז דען ניט די געשיכטע פון אלע פארפאָלגונגען, דאָס די אונטערדריקער באזירען זייער רעכטפארטיגונג אויף צושטאנדען, וועלכע זיי אליין האָבען באשאפען אָדער געהאָלפען באשאפען?

כמעט ביז צו אונזער צייט, האָבען די פעאָדאלע קלאַסען צוריקגעהאלטען בילדונג פון אייך, זיהן פון פאָלק; און דערנאָך, — פון דעם פאקט וואָס אייך פעלט בילדונג, האָבען זיי געצויגען, און ציען נאָך עד היום זייערע ארגומענטען פאר אויסשליסען אייך פון א דעה זאָגען אין דער פארוואלטונג פון וואָל־רעכט,

וואָס גיט אייך די מעגליכקייט דורכצופירען אייער סאָציאַלע מיסיע.

די אייגענטימער פון די נעגער שקלאפען אין אמעריקא*) דערקלערען יענע אומגליקליכע ראסע אלס עקסטרעם נידעריג און אלס גאנץ אומפעאיג אויפצונעמען בילדונג, און דאָך פארפאָלגט מען די וועלכע זוכען צו בילדען און ציוויליזירען די נעגערס.**)

העכער א האלבען יאָרהונדערט האָבען די אונטערשטיצער פון די רעגירענדע דינאַסטיען, באהויפטעט, דאָס מיר איטאַליענער זיינען אומפאסיג און אומפעאיג פאר פרייהייט; און בשעת מעשה, האָבען זיי דורך זייערע געזעצע און זייערע געדונגענע ארמייען, געזוכט צו פארשפארען פאר אונז די אלע וועגען, דורך וועלכע מיר וואָלטען אליין געקאָנט בייקומען די דאָזיגע שוואכקייט אָדער

*) מען דאַרף געדענקען, אַז מאציני האָט דאָס געשריבען איידער די אָפּשאפונג פון נעגער־שקלאפעריי אין נאָרד אַמעריקא. די דאָזיגע אָפּשאפונג איז געקומען אַלס פאָלגע פון׳ם בלוטיגען פיר־יאָריגען בירגער קריג, און הויפּטזאכליך א דאנק דער איניציאַטיווע פון פרעזידענט אייבראהאם לינקאָלן.

**) דאָס איז געווען אמת ניט בלויז אין דער „סאוטה“ (די זידליכע שקלאפען־האלטענדע שטאַאטען) נאָר אויך אין געוויסע טיילען פון דער „נאָרד“ (צפון שטאַאטען), ווי עס באווייזט דער פאַקט דאָס אין יאָר 1833 האָט מען אין דעם שטאַאט קאָנעקטיקוט (אין „ניו־ענגלאנד“ — די וויגעל פון דער „אַבאָליציאָנס“ באוועגונג) — אָנגענומען א געזעץ, וועלכער דערקלערט אַלס קרימינאלען אַקט יעדען פאַרזוך צו עפענען אַ שולע פאַר נעגערס. (זעט: „דהי ניגראָ יער בוק“ פון יאָר 1919. זייט 159.)

רעכט־אומפעאינקייט, — אזוי ווי טיראַניי וואָלט געקאָנט זיין אַן אויסבילדונג צו פרייהייט!

נון, זיינען מיר אַלע געווען, און זיינען איצט אויך שולדיגע אין אַן ענליכען פאַרברעכען קעגען דער פרוי. באַפרייט זיך אפילו פון דעם שאָטען פון דעם דאָזיגען חטא. אין גאָט׳ס אויגען איז ניטאָ קיין גרעסערע זינד ווי יענער, וואָס צעטיילט די מענשליכע פאַמיליע אין צוויי באַזונדערע קלאַסען, און צווינגט אַרויף אָדער דערלויבט די אונטערוואַרפונג פון איינער צום אַנדערן.

פאַר דעם איין גאָט און פאָטער עקזיסטירט ניט קיין מ א ן אָדער פ ר ו י, נאָר ד אָ ס מ ע נ ש ל י כ ע ב אַ ש ע־פ ע נ י ש, דער וועזען אין וועמען, סיי אין מענער׳שען אָדער פרויען־פאָרם, עס עקזיסטירען יענע כאַראַקטער שטריכען, וועלכע אונטערשיידען דעם מענשליכען מין פון דער קאַטאַגאָריע פון חיות; נעמליך — סאָציאַלער טענדענץ, די פעאיגקייט צו דערציאונג און די פעאיגקייט צו פּראָגרעסירען.

וואו נאָר די דאָזיגע כאַראַקטער־שטריכען אַנטפּלעקען זיך, עקזיסטירט די מענשליכע אייגענשאַפט, און אַלס לאָגישער פועל יוצא אויך די גלייכהייט פון פליכט און די ג ל י י כ ב אַ ר ע כ־ט י ג ו נ ג.

ווי צוויי צווייגען, וועלכע וואַקסען אַרויס פון דעם זעלבען שטאַם, אַזוי וואַקסען אַרויס אין פאַרשיידענער פאָרם, דער מאַן און די פרוי פון אַ געמיינשאַפטליכען באָדען — די מענשהייט, קיין שום אומגלייכהייט עקזיסטירט ניט צווישען זיי, אויסער יענער וואַריאַציע וואָס מען זעט אַמאָל אויך צווישען צוויי מענער — אַ פאַרשיידענאַרטיגקייט פון טענדענץ, פון ספּעציעלען באַרוף.

זיינען דען אומגלייך אָדער פון אַ פאַרשיידענער נאַטור צוויי נאָטען פון דער זעלבער אַקאָרדע? מאַן און פרוי זיינען די צוויי

טענער אָהן וועלכע דער מ ע נ ש ל י כ ע ר אקאָרד איז ניט מעגליך.

נעמט צום ביישפּיל צוויי פעלקער. איינע פון זיי, א דאנק איר אייגענארטיגער באגאבטהייט, אָדער איר אומגעבונג, אירע אומשטאנדען פון לעבען, — איז בארופען צו פארשפּרייטען דעם געדאנק פון מענשליכער אסאָציאציע, ד ו ר ך ג ר י נ ד ע ן ק אָ ל אָ נ י ע ס. און די אנדערע, עס צו פּרעדיגען דורך דער פּראָדוצירונג פון אלגעמיין באוואונדערטע מייסטערווערק אין קונסט אָדער אין ליטעראטור.

זיינען דען אנדערש די אלגעמיינע רעכט אָדער פליכטען פון די דאָזיגע צוויי פעלקער? ביידע פעלקער זיינען אפּאָסטאָלען, באוואוסטזיניגע אָדער אומבאוואוסטזיניגע, פון דער זעלבער געטליכער קאָנצעפּציע, און זיינען גלייכע און ברידער אין זייער מיסיע.

מאַן און פרוי, ווי די דאָזיגע צוויי פעלקער, האָבען צו דער־פילען פארשיידענע פונקציעס אין דער מענשהייט. אָבער די דאָ־זיגע פארשיידענע פונקציעס זיינען ג ל י י ך הייליג און נויט־ווענדיג צו דער אלגעמיינער אנטוויקלונג, און ב י י ד ע שטעלען מיט זיך פאָר דעם געדאנק, וועלכען גאָט האָט ווי א נשמה אריינ־געגעבען אין דעם אוניווערז.

באטראכט דאריבער די פרוי, ווי א חבר'טע און אנטייל־נעמערין ניט בלויז אין אייערע פריידען און אין אייערע ליידען, נאָר אויך אין אייערע שטרעבונגען, אייערע געדאנקען, אייערע שטודיען און אייערע באמיאונגען פאר סאָציאלער פארבעסערונג.

באטראכט זי ווי אייער גלייכען אין פ ר י וו א ט ע ן און אין פּאָ ל י ט י ש ע ן ל ע ב ע ן. זייט צוזאמען, איר און זי, ווי די צוויי פליגלען פון דער מ ע נ ש ל י כ ער נשמה, די

פליגלען, וועלכע דערהויבען צו דעם אידעאל, וועלכען מיר מוזען דערגרייכען.

תורת משה באהויפטעט: ג א ט ה א ט ב א ש א פ ע ן ד ע ם מ א ן, א ו ן ד י פ ר ו י פ ו ן ד ע ם מ א ן; א ב ע ר א י י ע ר ב י ב ע ל, ד י ב י ב ע ל פ ו ן ד ע ר צ ו ק ו נ פ ט ו ו ע ט ז א ג ע ן: ג א ט ה א ט ב א־ ש א פ ע ן ד י מ ע נ ש ה י י ט, ו ו ע ל כ ע מ א נ י פ ע ס־ ט י ר ט ז י ך ד ו ר ך ד ע ר פ ר ו י א ו ן ד ו ר ך ד ע ם מ א ן.

קינדער

...ליבט אייערע קינדער... אבער ליבט זיי מיט אן אמת׳ער, טיפער און שטרייגער ליבע; נישט מיט א ווייכער, זינלאזער און בלינדער ליבע, וועלכע איז בלויז ע ג א א י ז ם, און אויך אן אומגליק פאר זיי.

אין נאמען פון אלץ וואס אייך איז הייליג, פארגעסט ניט דאס איר האט אונטער אייער אויפזיכט די קומענדע דורות. דאס איר האט בנוגע די דאזיגע נפש׳לאך, וועלכע זיינען אייך אנפאר־ טרויט, און בנוגע גאט, די אומגעהויערסטע פאראנטוואָרטליכקייט פון וועלכע דער מענש קאן באוואוסטזיניג זיין.

איר מוזט זיי מדריך זיין, ניט אין די פארגעניגענס פון לע־ בען, נאר אין דעם לעבען זעלבסט, אין די פליכטען פון דעם לע־ בען און אין דעם מאראלען געזעץ, וועלכער רעגירט דעם לעבען.

וויניג מוטערס, וויניג פאטערס אין דעם איצטיגען גאט־ לאזען יארהונדערט, בפרט צווישען די וואלהאבענדע קלאסען, —

פארשטייען די ערנסטקייט און די הייליגקייט פון זייער דער־
ציערישער מיסיע.

ווייניג מוטערס, ווייניג פאָטערס פארטראכטען זיך וועגען דעם, דאָס די פיל קרבנות, די אומאויפהערליכע קאמפען, און דער לאנגער מארטירערטום פון אונזערע צייטען, זיינען אין א גרויסער מאָס די פרוכטען פון יענעם עגאָאיזם, וועלכער איז מיט דרייסיג יאָר פריער אריינגעלאָזען געוואָרען אין די מחות פון זייערע קינדער, דורך שוואכע מוטערס און נאָכלעסיגע פאָטערס. עלטערען, וועלכע האָבען זיי דערלויבט זיך אריינצולאָזען אין דער געוואוינהייט פון באטראכטען דעם לעבען ניט ווי א פליכט און א מיסיע, נאָר ווי א זוכעניש פון פארגעניגען און א באמיאונג נאָך אייגעננוציגען וואוילזיין.

פאר אייך, זון פון פראָלעטאריאט, זיינען די דאָזיגע סכנות ניט אזוי גרויס. פיל פון אייערע קינדער לערנען אויס, ליידער צו גוט, דעם לעבען פון נויט. דערצו נאָך, האָט איר, וועלכע ווערען א דאנק אייער נידעריגערען סאָציאלען שטאנד, געצוואונ־גען צו אומאויפהערליכער שווערער און ביטערער פראצע, — ווייניגער מעגליכקייטען אייערע קינדער ווי געהעריג איז צו דער־ציען. פונדעסטוועגען קענט איר אויך, אפילו ווען טיילווייז, דער־פילען די דאָזיגע שווערע אויפגאבע דורך אייערביישפיל און דורך אייער וואָרט.

איר קענט עס טאָן דורך ביישפיל.

„..... אייערע קינדער וועלען זיין ווי איר זייט, פארדארבען אָדער טוגענדהאפט, ווי ווייט איר אליין זייט טוגענדטאפט אָדער פארדאָרבען.

„ווי אזוי קאָנען זיי אויפוואקסען ע ר ל י כ ע מיט דער מידה פון רחמנות, און מענשליך, אויב אין אייך זעלבסט פעלט דער שטריך פון מענשענליבע צו אייערע ברידער?

„ווי אזוי וועלען זיי קאָנען איינצאמען זייערע גראָבע אפּע־טיטען, אויב זיי זעען טאָג טעגליך ווי איר אליין גיט זיך איבער צו אוממעסיגקייט? ווי אזוי זאָלען זיי אָנהאַלטען אומבאַשעדיגט זייער נאַטירליכען אומשולד, אויב איר האָט קיין מורא ניט צו פארגוואלטיגען די באשיידענהייט אין זייער אָנוועזענהייט. דורך אומאנשטענדיגע אקטען און דורך שמוציגע רייד?

„איר זייט דער לעבעדיגער מאָדעל אויף וועלכען זייער איינ־דרוקס פעאיגע נאַטורען פאָרמירען זיך.

„אָן אייך אליין, איז אָפּהיינגיג, צי אייערע זין וועלען אויפ־וואַקסען מענשען אָדער אויסוואורפען.״ *)

און איר קענט זי דערציען דורך אייער וואָרט. רעדט צו זיי פון זייער לאַנד, פון דעם, וואָס עס איז אמאָל געווען, וואָס עס איז אַצינד, און וואָס עס באַדאַרף זיין.

אין די אָוונטען, ווען דער שמייכעל פון זייער מוטער און די ניט געקינצעלטע פּלאַפּלערייען פון די קינדערלאַך אויף אייערע קני, מאַכט אייך פארגעסען די שווערינקייטען פון טאָג, — דערציילט זיי ווידער און נאָכאַמאָל פון די גרויסע טאַטען פון דעם פּשוט׳ען המון אין די אלטערטימליכע רעפּובליקען, לערנט זיי די נעמען פון די גוטע מענשען, וועלכע האָבען געליבט דאָס פאָלק און דעם לאַנד, און וועלכע טראָץ פּערזענליכע ליידען, פארלוימדונג, און

---

*) דעם דאָזיגען ציטירטען פּאַראַגראַף האָט מאַציני אַנטנומען פון לאַמאַנעי׳ס „בוך פון פאָלק״

(*Lamenias*: *Livre du Peuple XII*)

לאַמאַנעי איז געווען אַ פראַנצויזישער פילאָזאָף און טעאָלאָג, וועל־כער האָט צונויפגעמישט רעוואָלוציאָנערע דאָקטרינען מיט זיינע טעאָ־קראַטישע אויפפאַסונגען. געבאָרען אין יאָר 1782 און איז געשטאָרבען אין יאָר 1854.

פארפאָלגונג, האָבען זיך באמיט צו פארבעסערען די לאגע פון די ליידענדע פאָלקס מאסען.

פארפלאנצט אין זייערע צארטע הערצעלאך, ניט דעם האס צו די אונטערדריקער, נאָר אַן ענערגישע אַנטשלאָסענקייט צו ווידערשטיין אונטערדריקונג.

זאָלען זיי לערנען פון אייערע ליפען און פון דער שטילער צושטימונג פון זייער מוטער, ווי שיין עס איז צו גיין אויף דעם דרך הישר פון טוגענד, ווי גרויס עס איז צו שטיין מוטיג אלס אפּאָסטאָלען פון דעם אמת, ווי הייליג עס איז זיך מקריב זיין, אויב נויטיג איז, פאר די ברידער מענשען.

און בשעת איר פארפלאנצט אין זייערע צאַרטע מחות די זאמען פון רעוואָלט קעגען יעדער אויטאָריטעט, וועלכע איז אוזורפירט און וועלכער ווערט אָנגעהאלטען מיט'ן כח פון ברוטאלע מאכט, — צינדט דאָרט אויך אָן דעם יראת הכבוד פאר דער איינציגער אמת'ר אויטאָריטעט — די אויטאָריטעט פון טוגענד געקרוינט מיט געניאליטעט.

זעט זיי זאָלען אויפוואקסען אין דער רעליגיע פון געוויסען, באגייסטערט אָבער ניט געבונדען דורך טראדיציעס. זיי זאָלען האסען טיראנייע און סאָציאלען כאאָס צוגלייך.

אין דער דאָזיגער דערציערישער ארבייט דארף אייך די נאציע באהילפיג זיין. איר האָט, אין נאָמען פון די קינדער, — א רעכט, דאָס פון איר ארויסצובאקומען.

אָהן א נאציאָנאלע דערציאונג איז ניטאָ קיין אמת'ע נאציע.

עלטערן

ליבט אייערע עלטערן. דערלאָזט ניט, אז די פאמיליע, וועלכע וואקסט פון אייך ארויס, זאָל אייך ווען עס איז מאכען פארגעסען די פאמיליע פון וועלכער איר אליין זייט אויסגעוואקסען.

צו אָפט לײדער, ווערען די אלטע פאמיליען־בענד לויז געמאכט דורך די נייע, ווען די לעצטע וואָלטען באדארפט זיין בלויז **א נייע רינגעלע אין דער קייט פון ליבע**, וועלכע זאָל צונויפבינדען **די דריי דורות פון א משפחה**.

רינגעלט ארום די ווייסע קעפּ פון דער מוטער און דעם פאָטער, מיט צארטער און רעספעקטפולער ליבע, ביז צו זייער לעצטען טאָג. באשפרינקעלט מיט בלומען זייער וועג צום קבר. מיט דער שטאנדהאפטיגקייט פון אייער ליבע אָטעמט אריין אין זייערע מידע נשמות, דעם אנגענעמען דופט פון גלויבען אין אומשטערבליכקייט. און זאָל די ליבע, וועלכע איר האָלט אומפארלעצט פאר אייערע עלטערן, זיין א פארזיכערונג פון יענער ליבע, וועלכע אייערע אייגענע קינדער וועלען האָבען פאר אייך.

זאָלען די עלטערן, שוועסטער און ברידער, פרוי און קינדער, זיין צו אייך ווי צווייגען, וועלכע וואקסען ארויס אין פארשיידענער פאָרם און רייע, פון דעם זעלבען בוים.

פארהייליגט די משפחה אין דער אייניגקייט פון ליבע. פארוואנדעלט זי אין א טעמפעל, אין וועלכען איר זאָלט קאָנען צוזאמען קרבנות ברייגען פאר אייער לאנד.

איך ווייס ניט אויב איר וועט גליקליך זיין, אָבער איך ווייס, אז אויב איר וועט אזוי טאָן, וועט אפילו אין מיטען פון אומגליק, — צו אייך קומען א געפיל פון זאנפטען פרידען, **די גע־**

לאסענקייט פון א רואיגען געוויסען, וואָס וועט אייך קרעפטיגען דורך יעדען נסיון, און וואָס וועט אין מיטען פון יעדען שטורעם, אנטפּלעקען פאר אייערע אויגען, א בלויע שטרעקע פון הימעל.

צום אָנדענק פון די מאַרטירער קאסענזא

(הינגעריכטעט דעם פינף און צוואנציגסטען יולי, 1844)

(די פאָלגענדע רעדע האָט דזשוזעפּא מאציני געהאלטען אין מילאן דעם 25־טען יולי, אין דעם שטורעמדיגען יאָר 1848. (אויפ'ן פארלאנג פון דעם „נאציאָנאלען קאָמיטעט") צו דער געלעגענהייט פון א פייערליכען יאָרצייט־פארזאמלונג, צו ערען דעם אנדענק פון די ברידער באנדיערא און זייערע חברים, וועלכע זיינען דער־שאָסען געוואָרען מיט פיר יאָר פריער).

* * *

ווען איר האָט מיך איינגעלאדען, יונגע לייט, דאָ אין דיזען טעמפּעל, צו זאָגען א פּאָר ווערטער אין אָנדענק פון די ברי־דער באנדיערא, און פון זייערע חברים — מארטי־רער פון קאָסענזא, האָב איך געטראכט דאָס פילע פון מיינע צוהערער וואָלטען געקאָנט מיט בארעכטיגטען צאָרן אויסשרייען: צוליב וואָס באוויינען די טויטע? די מארטירער פון קאסענזא קאָנען אם ווירדיגסטען געעהרט ווערען, דורך פאר־ענדיגען זייער ארבייט; דורך געווינען די שלאכט, וועלכע זיי האָ־בען אָנגעפאנגען; קאָסענזא, דאָס לאנד וואו זיי זיינען געפאלען, איז נאָך עד היום פארשקלאפט; ווענעציע,

זייער געבורטס־שטאָט, איז נאָך אלץ ארומגערינגעלט פון אויס־לאַנדישע שונאים. — לאָמיר צוערשט באפרייען די דאָזיגע שטעט; און ביז יענעם מאָמענט זאָל פון אונזערע ליפּען נישט פאלען קיין אנדער וואָרט ווי „ק ר י ג".

עס דערהויבט זיך אָבער אן אנדער געדאנק. ווארום זיינען מיר ניט ערפאָלגרייך? ווי קומט עס, דאָס אין דער זעלבער צייט, וואָס מיר דאָ אין צ פ ו ן איטאַליען, קעמפען פאר אומ־אפּהענגיגקייט, גוסס'ט די פרייהייט אין ד ר ו ם?

פארוואָס איז עס, וואָס א מלחמה, וועלכע האָט ווי מיט א לייבען־שפּרונג א שפּרייז געטאָן אזש ביז די אלפּען בערג, קריכט שוין באלד פיר מאָנאטען צייט, מיט דעם לאַנגזאַמען אומזיכערען גאנג פונ'ם עקדיש, וועלכער איז ארומגערינגעלט פון א צירקעל פון פייער? ווי אזוי איז די מעכטיגע אינטואיציע פון א פ אָ ל ק וואָס האָט זיך דערהויבען צו א נייעם לעבען, אזוי שנעל פארוואנדעלט געוואָרען אין א מידען, הילפלאָזען אָנשטריינג פון אן ערנסט קראַנקען מענשען, וועלכער באמיט זיך מיט אלע זיינע כחות, זיך איבערקערען פון איין זייט צום צווייטען?

אָה! ווען מיר וואָלטען זיך אלע געקאָנט דערהויבען אין דער הייליגקייט פון דער אידייע פאר וועלכע אונזערע מארטירער זיינען געשטאָרבען, — וואָלט נאָר דער באגער פון זייער טיפען גלויבען, אין פאַראויס געגאנגען פון אונזער יוגענד אין קאמף; וואָלטען מיר בלי שום ספק דערגרייכט יענע אייניגקייט פון לעבען, וועלכע האָט ז י י אזוי שטאַרק געמאכט, און עס וואָלט אונזער יעדע טאַט פארוואנדעלט אין א געדאנק, און אונזער יעדען גע־דאנק אין א טאַט; ווען מיר וואָלטען מיט ערפורכט צונויפגע־זאמעלט זייערע לעצטע ווערטער אין אונזערע הערצער, און פון זיי געלערנט דאָס פרייהייט און אומאָפּהענגיגקייט זיינען איינס,

דאָס גאָט און דאָס פאָלק, פאָטערלאַנד און מענשהייט, זיינען אומ־אָפּטיילבארע אויסדרוקען פון דעם דעוויז פון יעדען פאָלק, וואָס שטרעבט צו ווערען א נאציע; דאָס איטאַליען קאָן נישט האָבען קיין אמת'ן לעבען איידער זי ווערט פאראייניגט, געהייליגט אין דער גלייכהייט און אין דער ליבע פון אלע אירע קינדער, גרוים אין דינסט פון דעם אייביגען א מ ת, און געווידמעט צו אן ערהאַ־בענער מיסיע, א מאָראַלען פּריסטערטום צווישען די פעלקער פון אייראָפּא. — וואָלטען מיר איצט אנשטאט מ ל ח מ ה געהאט א ז י ג; קאסענזא וואָלט ניט ווי איצט, ג ע ה י י מ ע ר־ה י י ט, געעהרט דעם אָנדענק פון אירע מארטירער, און אין ו ו ע נ ע צ י ע וואָלט מען ניט פארבאָטען, ווי איצט, אויפצו־שטעלען א מאָנומענט אין זייער עהרע!

און מיר, דאָ פארזאמעלט, וואָלטען מיט פרייד געקאָנט ארויסרופען זייערע היילינע נעמען, אָהן די מינדסטע אומזיכער־קייט וועגען אונזער צוקונפטיגען שיקזאל אלס פאָלק, אָדער א וואָלקען פון טרויער אויף אונזערע שטערענס, און זאָגען צו די נשמות פון די דאָזיגע פרייהייטס־פּיאָנערן: „פרייט אייך! וויל אייער גייסט איז פארקערפּערט געוואָרען אין אייערע ברידער, און זיי זיינען אייך ווירדיג!"

די אידייע, וועלכע זיי האָבען געדינט, שיינט פאָרלויפיג נאָך ניט ארוים, און איר פולער ריינקייט און גאנצקייט, אויף אייער באַנער.

דעם ערהאבענעם פּראָגראם, וועלכען זיי האָבען, שטאַרבענ־דיג, איבערגעלאָזען בירושה צו דעם אויפוואקסענדען איטאַליע־נישען דור, דער דאָזיגער פּראָגראם איז אייערער, אָבער ער איז היינט צעבראָכען אין פראגמענטען דורך פאלשע דאָקטרינען, וועל־כע, געשטיצט אנדערשוואו, האָבען ליידער געפונען א מקום מנוחה צווישען אונז.

איך קוק זיך ארום, און וואו מיין בליק פאלט, זע איך דורך דער לענג און ברייט פון אונזער האלב־אינזעל א זאָנדערבארען מיש־מאַש. די קאמפען פון פארצווייפעלטע מאסען, א מאָדנע וועקסלעניש פון ערהאבענעם צאָרן און פון אומווירדיגע רואיגהייט; פון לאָזונגען פון פרייהייט, און פון פאָרמולען פון קנעכטשאפט.

אָבער וואו איז די נשמה פון אונזער לאנד? וואָס פאר א איינינגקייט איז דאָ אין דער דאָזיגער אומגלייכער און פארשיידענארטיגער באוועגונג? וואו איז יענער וואָרט, וועלכער זאָל בכח זיין צו דאָמינירען די הונדערטע פארשיידענע און אנטקעגענגעזעצטע עצות, וועלכע פארנארען און פארפירען די מאסען?

איך הער פראזען, וועלכע אויזורפירען די נאציאָנאַלע אלמעכטינקייט. — „די איטאַליען פון צפון” — „די ליגע פון די שטאַאטען” — פעדעראַטיווע אָפּמאַכען צווישען די פרינצען”. אָבער וואו איז איטאַליען? וואו איז די געמיינשאַפטליכע לאנד, די לאנד, וועלכע די ברידער באַנדיערא האָבען באגריסט אלס די דריי־פאכע איניציאטאָרען פון א נייער ערא אין דער אייראָפּעאישער ציוויליזאציע?

פאר׳שכור׳ט פון אונזער ערשטע נצחונות, נישט צוגענרייט פאר דער צוקונפט, האָבען מיר פארגעסען די אידייע, וועלכע גאָט האָט אנטפּלעקט צו די, וועלכע האָבען געליטען; און צוליב אונזער קורצקייט פון זכרון האָט גאָט אונז באשטראָפט דורך אָפּלייגען אונזער נצחון.

די איטאַליענישע באוועגונג, מיינע לאַנדסלייט, איז צו גלייכער צייט אויך די אייראָפּעאישע באוועגונג. מיר דערהויבען זיך צו געבען א פארפליכטונג פון מאָראלען פראָגרעס, צו דער אייראָפּעאישער וועלט. אָבער קיינע

פּאָליטישע פּיקציעס אָדער דינאַסטישע פאַרגרעסערונגען, אָדער טעאָריען וועגען צופּאַסען זיך צו די אומשטאַנדען, זיינען נישט בכח איבערצואַנדערשען אָדער צו באַנייען דעם לעבען פון די פעל־קער.

די מענשהייט לעבט און באַוועגט זיך דורך גלויבען. גרויסע פּרינציפּען זיינען די וועגווייזענדע שטערען, וועלכע פירען אייראָפּא פאָראויס צו דער צוקונפט. לאָמיר זיך ווענדען צו די קברים פון אונזערע מארטירער, און זוכען באַגייסטערונג פון יענע, וועלכע זיינען פאַר אונז אַלעמען געשטאָרבען. דעם סוד פון נצחון וועלען מיר געפינען אין דינסט פון א הויכען גלויבען.

ד ע ר מ ל א ך פ ו ן מ א ר ט י ר ע ר ט ו ם א ו ן ד ע ר מ ל א ך פ ו ן נ צ ח ו ן ז י י נ ע ן ב ר י ד ע ר, אָ ב ע ר א י י נ ע ר ב ל י ק ט א ר ו י ף צ ו ם ה י מ ע ל א ו ן ד ע ר אַ נ ד ע ר ע ר ק ו ק ט א ר ו נ ט ע ר צ ו ד ע ר ע ר ד; א ו ן נ אָ ר ד א מ אָ ל ס ט, א י ן ל ו י ף פ ו ן ד י ע פּ אָ כ ע ן, ו ו ע ן ע ס ב אַ ג ע ג ע נ ע ן ז י ך ז י י ע ר ע ב ל י ק ע ן צ ו ו י ש ע ן ה י מ ע ל א ו ן ע ר ד, ו ו ע ר ט ד י ב אַ ש אַ פ ו נ ג ב א ר י י כ ע ר ט מ י ט א נ י י ע ם ל ע ב ע ן, א ו ן א פ אָ ל ק ד ע ר־ה ו י ב ט ז י ך פ ו ן ק ב ר — אַ ן ע ו ו אַ נ ג ע ל י ס ט אָ ד ע ר א נ ב י א.

אין איינציגע ווערטער וועל איך פאַר אייך איצט רעזומירען דעם דאָזיגען גלויבען פון אונזערע מארטירער; זייער א ו י ס ע ר ל י כ ע ר ל ע ב ע ן איז דאָך צו יעדען פון אייך באַקענט; עס באַלאַנגט שוין איצט צו דער היסטאָריע, און פאַר אייך דאַרף איך עס נים ווידערהאָלען.

דער גלויבען פון די ברידער באַנדיערא, וועלכער איז געווע־זען, און איז אויך איצט אונזער גלויבען, איז באַזירט געוועזען אויף

איינינגע איינפאכע אומבאשטרייטבארע אמת'ען, וועלכע זייער ווייניג וועלען וואגען צו דערקלערען אלס פאלש, אָבער וועלכע ווערען פונדעסטוועגען, פארראטען פון פילע. —

גאָט און דאָס פאָלק.

גאָט אויף דער הויך פון דער סאָציאלער געביידע; דאָס פאָלק, די אוניווערזאליטעט פון אונזערע ברידער, — ביי דעם יסוד. — גאָט, — דער פאָטער און דערציער; דאָס פאָלק, — דער פראָגרעסיווער פארטייטשער פון זיין געזעץ.

קיין אמת'ע געזעלשאפט קאָן ניט עקזיסטירען אָהן א געמיינשאפטליכען גלויבען און אָהן א געמיינשאפטליכען ציל. די רעליגיע וויקעלט פאנאנדער דעם גלויבען און דעם ציל. די פּאָליטיק רעגולירט די געזעלשאפט אין דער פראקטישער פאר־ווירקליכונג פון דעם דאָזיגען גלויבען און גרייט צו די מיטלען מיט וועלכע דעם ציל צו דערגרייכען. די רעליגיע שטעלט פאָר דעם פּרינציפּ, און פּאָליטיק, די אָנווענדונג.

בלויז איין זון איז דאָ אין הימעל פאר דער גאנצער ערד. ס'איז צוגלייך דער געזעץ פאר דעם איינצעלנעם מענשען, ווי פאר דער קאָלעקטיווער מענשהייט. מיר זיינען דאָ אויף דער ערד, ניט צוליב דער קאפּריזנער אויסאיבונג פון אונזערע אייגענע אינדיווידועלע אייגענשאפטען, — אונזערע אייגענשאפטען און אונזער פרייהייט זיינען בלויז די מיטלען און נישט דער ציל; נישט אויסצואַרבייטען אונזער אייגענעם גליק אויף דער ערד; גליק קאָן מען נאָר דערגרייכען אנדערשוואו. און דאָרטען ארבייט שוין גאָט פאר אונז; — נאָר צו ווידמען אונזער עקזיס־טענץ צו דער אנטדעקונג פון א טייל פון דעם געטליכען געזעץ, און אויף אזוי פיל ווי אונזערע אינדיווידועלע אומשטאנדען און

כחות ערלויבען אונז, עס צו פראקטיצירען, און צו פארשפרייטען דעם וויסען און די ליבע פון דעם, צווישען אונזערע ברידער.

מיר זיינען דאָ, אונטען אויף דער ערד, צו ארבייטען ברידערליך אויפצוהויבען די אייניגקייט פון דער מענשליכער משפחה, ביז די צייט וועט קומען, ווען עס וועט באמת ווערען איין גרויסע געמיינשאַפט, באזעעלט מיט דעם גייסט פון גאָט — פון העכערען געזעץ.

אונז באהילפיג צו זיין אין אונזער זוכען דעם אמת, האָט אונז גאָט געגעבען די טראדיציע, די שטימע פון דער פאָראויסשטייענדער מענשהייט, און די שטימע פון אונזער אייגענעם געוויסען. וואו די דאָזיגע צוויי פארשטענדיגען זיך, — איז אמת, וואו זיי זיינען אנטקעגענגעזעצט, — איז אירטום.

צו דערגרייכען א הארמאָניע און א צוזאמענזעצונג צווישען דעם געוויסען פון דעם יחיד און דעם געוויסען פון דער מענשהייט, איז א ציל פאר וועלכען קיין שום קרבן איז נישט צו גרויס.

די פאמיליע, די שטאַט, דאָס לאנד און די מענשהייט, זיינען בלויז פארשיידענע ספערען אין וועלכע אויסצואיבען אונזער טעטיגקייט און אונזער כח פון אָפפער צו דעם דאָזיגען הויכען ציל.

גאָט באטראכט פון אויבען דעם אומפארמיידליכען פראָגרעס פון דער מענשהייט, און פון צייט צו צייט דערהויבט ער די יעניגע, וועלכע זיינען גרויס אין גייסט, אין ליבע, און געדאַנק אָדער אין טאַט, אלס כהנים פון זיין אמת און אלס וועגוויייזער פאר די מאסען, וועלכע געפינען זיך אונטערוועגס.

די דאָזיגע פרינציפען, — אָנגעדייטעט אין זייערע בריוו, אין

זייערע פראָקלאַמאַציעס און אין זייערע געשפּרעכען, — צו־זאַמען מיט א טיפען באַוואוסטזיין פון דער מיסיע, וועלכע גאָט אָנפאַרטרויט צו דעם יחיד און צו דער מענשהייט, זיינען געווע־זען צו אַטילאַ און עמילאַ באַנדיעראַ, און אויך צו זייערע חברים־מאַרטירער, דער וועגווייזער און די טרייסט פון א מידען לעבען; און ווען מענשען און אומשטאַנדען צוגלייך האָבען זיי פאַרראַטען, האָבען די דאָזיגע פּרינציפּען זיי געקרעפטיגט אין דעם מאָמענט פון טויט, אין רעליגיעזער רואיגקייט און אין די שטילע זיכער־קייט פון דער פאַרווירקליכונג פון זייערע אומשטערבליכע האָפ־נונגען פאַר דער צוקונפט פון איטאַליען. —

די אומגעהויער גרויסע ענערגיע פון זייערע נשמות איז אַרויסגעוואַקסען פון דער אינטענסיווער ליבע וואָס האָט פאַר־שטאַרקט זייער גלויבען. און ווען זיי וואָלטען איצט געקענט זיך אויפהויבען פון זייערע קברים און רעדען צו אייך, וואָלטען זיי, גלויבט מיר, צו אייך גערעדט, — הגם מיט א גאָר אנדערן כח פון דעם, וואָס איז מיר געגעבען געוואָרען, אין גאַנץ ענליכען ראַט צו דער, וועלכער איך לייג אייך פאָר אצינד.

ל י ב ע! ליבע איז דער שטייגען פון דער נשמה צו גאָט, צו דאָס גרויסע, די ערהאַבענע און די שיינע, וועלכע זיינען גאָט׳ס שאָטען אויף דער ערד. ליבט אייער פאַמיליע, די טיילנעמערין פון אייער לעבען, יענע אַרום אייך, וועלכע זיינען גרייט מיט אייך צו טיילען אייערע פריידען און אייערע ליידען; — ליבט די פאַרשטאָרבענע, וועלכע זיינען אייך טייער געווען, און צו וועמען איר זייט געווען טייער. אָבער אייער ליבע זאָל זיין די, וועלכע ד אַ נ ט ע האָט אייך געלערענט און וועלכע מיר פּרעדיגען, — די ליבע פון געמיינשאַפטליך שטרעבענדע נשמות. קריכט נישט אַרום אויף דער ערד זוכענדיג א גליקזעליגקייט, וועלכע עס איז נישט דעם מענשען׳ס שיקזאַל דאָ אונטען צו דערגרייכען; גיט

זיך נישט איבער צו א פארבלענדעניש, וועלכע וועט אייך אומ־פארמיידליך ארונטערשלעפּן צו עגאָאיזם.

צו ליבען, איז צו געבען און אויך נעמען א פארפליכטונג פאר דער צוקונפט. גאָט האָט אונז געגעבען ליבע, כדי די מידע נשמה זאָל אויפ'ן לעבענסוועג קאָנען געבען און אויפנעמען שטיצע.

ליבע איז א בלום, וואָס שפּראָצט ארויס אויפ'ן וועג פון פליכט, אָבער אומבייטען דעם מ א ר ש ר ו ט פון לעבען איז זי ניט בכח.

רייניגט, שטאַרקט און פארבעסערט אייך דורך ליבע. האנ־דעלט אימער, אפילו מיט'ן קאָסט פון פארגרעסערען אירע ערדישע זאָרג, — אזוי, דאָס די שוועסטער־נשמה, וועלכע איז פארבונדען מיט אייערע, זאָל זיך ניט דארפען פארשעמען דאָ אָדער אנדערש־וואו, ד ו ר ך א י י ך אָדער צ ו ל י ב א י י ך.

די צייט וועט קומען, ווען פון די הויכקייטען פון א נייעם לעבען, א לעבען וואָס וועט אומפאסען די גאנצע פארגאנגענהייט און באגרייפען איר סוד, וועט איר ביידע קאָנען שמייכלען צוזאַ־מען, אויף די ליידען, וועלכע איר האָט געליטען, און די נסיונות וועלכע איר האָט דורכגעלעבט, און זייט בייגעקומען.

ליבט אייער לאנד. אייער לאנד איז דער אָרט וואו אייערע עלטערן שלאָפען, וואו עס ווערט גערעדט יענע שפּראך אין וועל־כער די אויסדערוויילטע פון אייער הארצען האָט, זיך רויטלענדיג, צו אייך געשעפּצעט דאָס ערשטע וואָרט פון ליבע; עס איז די היים, וועלכע גאָט האָט אייך געגעבען, וואו, דורך שטרעבען זיך צו פארפאָלקאָמען דאָרט, וועט איר זיך צוגרייטען צו דערהויבען זיך צו אים. עס איז אייער נאָמען, אייער קרוין, אייער צייכען צווישען פאָלק. ווידמעט איר אייערע געדאנקען, אייערע עצות, אייער בלוט. הויבט זי אויף, גרויס און שיין, ווי אונזערע גרויסע לייט האָבען פאָראויסגעזאָגט, און זעט דאָס איר זאָלט זי פאר־

לאָזען אומפאַרשמוצט דורך וועלכען נישט איז שטריך פון פ א ל ש ק י י ט אָדער פון ק נ ע כ ט ש א פ ט; ניט פאַר־שוואַכט דורך צעגלידערונג, זאָל זי זיין איינס ווי דער געדאַנק פון גאָט. איר זייט פינף און צוואַנציג מיליאָן אין צאָל, באַגאַבט מיט אַקטיווע, הערליכע אייגענשאַפטען; איר פאַרמאָגט א טראַדיציע פון א גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע די אַנדערע פעלקער פון אייראָפּא זיינען אייך מקנא; א ריזיגע צוקונפט ערוואַרט אייך; איר קענט אויפהויבען אייערע אויגען צו דעם שענסטען הימעל, און אַרום אייך שמייכעלט די שענסטע לאַנדשאַפט אין אייראָפּא; איר זייט אַרומגערינגעלט פון די אַלפּען־בערג און פון ים, גרענעצען וועלכע גאָט'ס פינגער האָט אָנגעצייכענט פאַר א ראַסע פון ריזען, — איר זייט מחויב אַזעלכע צו ווערען, אָדער גאָרניט.

זאָל קיין איינציגער פון יענע פינף און צוואַנציג מיליאָן פאַרבלייבען אויסערהאַלב דעם ברידערליכען בונד, וועלכער איז פון שיקזאַל באַשטימט געוואָרען אייך צו פאַראייניגען; זאָל קיין איין בליק ניט אויפגעהויבען ווערען צו יענעם הימעל, וועלכער איז ניט דער בליק פון א פרייען מענשען.

זאָל רוים ווערען דער אויסגאַנגס־פּונקט פון אייער אויסלייזונג, דער טעמפּעל פון אייער נאַציע. איז זי דען צוויי מאָל ניט געווען דער טעמפּעל פון דעם שיקזאַל פון אייראָפּא?

ווי די צווייפאַכע דימענטען פון א דיאַדעם, ליגען אין רוים צ ו ו י י אָ פּ ג ע ש ט אָ ר ב ע נ ע ו ו ע ל ט ע ן, ד י ג ע־צ ע נ ד י נ ע ר י ש ע און ד י פּ א פּ ס ט ל י כ ע. — ציט אַרויס פון די דאָזיגע א ד ר י ט ע וועלט, פיל גרעסער און וויכטיגער פון די צוויי אַנדערע.

פון רוים, די אייביגע שטאָט, די שטאָט פון ליבע, וועלען די ריינסטע און די קליגסטע פון צווישען פאָלק, דערוויילט דורך די

שטימען, און געקרעפטיגט פון דער באגייסטערונג פון א גאנצען פאָלק, דיקטירען דעם אָפּמאך וואָס וועט אונז פאראייניגען, און וועלען אונז פארטרעטען אין אלע קינפטיגע פארבינדונגען מיט די פעלקער. ביז יענער צייט, וועט איר ענטוועדער גאָר קיין לאנד נישט האָבען, אָדער איר וועט זי האָבען פאראומרייניגט און פאר־שוועכט.

ל י ב ט ד י מ ע נ ש ה י י ט. אייער אייגענע מיסיע קענט איר בלויז אויסגעפינען פון דעם ציל, וועלכען גאָט האָט אוועקגעשטעלט פאר דער גאנצער מענשהייט. גאָט האָט אייך געגעבען אייער לאנד אלס אייער וויגעל, און די מענשהייט אלס אייער מוטער. איר קענט ניט ריכטיג ליבען אייערע ברידער פון וויגעל, אויב איר ליבט ניט די געמיינשאפטליכע מוטער.

אויף יענער זייט פון די אלפען בערג, אריבער דעם ים, זיי־נען פאראן אנדערע פעלקער, וועלכע קעמפען איצט, אָדער גריי־טען זיך אצינד — צו קעמפען דעם הייליגען קאמף פאר אומאָפּ־הענגיגקייט, נאַציאָנאַליטעט און פרייהייט. אנדערע פעלקער, וועלכע שטרעבען דורך פארשיידענארטיגע וועגען צו דערגרייכען דעם זעלבען ציל, פארבעסערונג, אסאָסיאציע, און די פארפעס־טיגונג פון אן אויטאָריטעט, וואָס זאָל א סוף מאכען צו מאָראַלען כאָאָס, און אויף דאָס ניי פארבינדען די ערד צום הימעל; — אן אויטאָריטעט, וועלכען די מענשהייט וועט קאָנען ליבען, און פאָלגען אָהן פארדרוס און אָהן בזיון.

פאראייניגט אייך מיט זיי! זיי וועלען זיך פאראייניגען מיט אייך! אפעלירט ניט נאָך זייער מיטהילף ווען אייערע איי־נענע כחות וועלען אייך געניגענען צו זיגען; זאָגט זיי אָבער, דאָס די שעה וועט קירצליך שלאָגען פאר א שרעקליכען און ריזיגען קאמף צווי־שען גערעכטיגקייט און בלינדער מאַכט,

— און דאָס אין יענער שעה וועט איר זיך געפינען זייט ביי זייט מיט די וועלכע האָבען אויפגעהויבען דעם זעלבען באַנער, ווי אייערער.

און ליבט, יונגע לייט, ליבט און פאַרערט דעם א י ד ע א ל. דער אידעאַל איז דער וואָרט פון גאָט. ה ו י ך ד ע ר ה ו י ב ע ן א י ב ע ר ד ע ר מ ע נ ש ה י י ט ג ע פ י נ ט ז י ך ד י מ ד י נ ה פ ו ן ג י י ס ט, ד י ש ט אָ ט פ ו ן ד ע ר נ ש מ ה, אין וועלכע אַלע די וועלכע גלויבען אין דער אומפאַר־לעצבאַרקייט פון געדאַנק. און אין דער ערהאַבענקייט פון אונזער אומשטערבליכער נשמה, — זיינען ברידער; און דאָס די זאַל־בונג פון דער דאָזיגער ברודערשאַפט — איז מ אַ ר ט י ר ע ר־ט ו ם. פון יענער הויכער ספערע קומען אַרויס די פּרינציפּען, וועלכע אַליין זיינען ביכולת אויסצולייזען די פעלקער.

ד ע ר ה ו י ב ט א י י ך א י ן נ אָ מ ע ן פ ו ן ד י ד אָ ז י ג ע ה ו י כ ע פּ ר י נ צ י פּ ע ן, און ניט דורך אומ־געדולד מיט ליידען אָדער צוליב דעם שרעק פאַר אומגליק. צ אָ ר ן, ש ט אָ ל ץ, אַ מ ב י צ י ע און ד ע ר ד ר אַ נ ג נ אָ ך מ אַ ט ע ר י ע ל ע ן ע ר פ אָ ל ג, זיינען אַזעלכע וואָפען, וועלכע ווערען צוגלייך באַנוצט פון פאָלק און אויך פון די אונטער־דריקער פון פאָלק. אפילו ווען איר זאָלט היינט מיט אַזעלכע מיטלען זיגען, וועט איר מאָרגען ווידער פאַלען; פּ ר י נ צ י פּ ע ן אָ ב ע ר, באַלאַנגען אויסשליסליך צו די פ ע ל ק ע ר ש אַ פ ט ע ן, און זייערע אונטער־ד ר י ק ע ר קאָ נ ע ן נ י ט ג ע פ י נ ע ן ק י י נ ע ווירקזאַמע וואָפען מיט וועלכע זיך קע־נען זיי אַנידערצושטעלען.

פ אַ ר ג ע ט ע ר ט ע נ ט ו ז י אַ ז ם, ד י ח ל ו מ ו ת פ ו ן ד ע ר א ו מ ש ו ל ד י ג ע ר נ ש מ ה, און די פ אַ נ־

ט א ז י ע ס פ ו ן פ ר י ע ן י ו ג ע נ ד, — ווייל זיי זיינען פארפיום פון גן־ערן, וועלכע די נשמה נעמט מיט זיך מיט, בשעת זי קומט ארויס פון די הענט פון איר באשעפער. מער פון אלץ אין דער וועלט רעספעקטירט אייער ג ע ו ו י ס ע ן. האלט אויף אייערע ליפען דעם אמת, וועלכען גאט האט פארפלאנצט אין אייערע הערצער. און בשעת אייך קומט אוים — אין אלץ וואס דערצילט די באפרייאונג פון אונזער לאנד — הארמאניש צו ארבייטען מיט די וועלכע אונטערשיידען זיך פון אייך, ז א ל ט איר אימערצו הויך האלטען אייער איי־גענעם באנער, און מוטיג פראפאגאנדי־רען אייער אייגענעם גלויבען.

אזעלכע ווערטער, יונגע לייט, וואלטען די מארטירער פון קאסענזא גערעדט, ווען זיי וואלטען איצט געלעבט צווישען אייך; און דא, וואו עס קאן זיין, דאס ארויסגערופען דורך אונזער ליבע, — פלאטערן אום זייערע הייליגע גייסטער נאענט איבער אונז. רוף איך אייך, איר זאלט זיי צונויפזאמלען אין אייערע הערצער, און זיי אפהיטען ווי אן אוצר אין מיטען פון די שטורעמס, וועל־כע באדראען אייך נאך. שטורעמס, וועלכע איר וועט זיכער בייקו־מען, — ווען איר וועט נאר האבען די נע־מען פון אונזערע מארטירער אויף אייע־רע ליפען, און זייער גלויבען אין אייערע הערצער!

צוועלף אפיציעלע דאָקומענטען פון דער רוימישער רעפּובליק

(1849)

איניגע פון די אפיציעלע אַקטען, פּראָקלאַמאַציעס און דעקרעטען פון דער מאַציני׳שער רעפובליק אין רוים, וועלכע האָט עקזיסטירט פון דעם נײַנטען פעברואר, ביז דעם פינפטען יולי, 1849. דזשוזעפּא מאַציני איז דער פאַרפאַסער פון די דאָזיגע דאָקומענטען.

„ר ו י מ ע ר! — די טעריטאָריע פון דער ר ע פּ ו ב ל י ק שטייט אין געפאַר פון אַן אויסלאַנדישער אַריינדרינגונג. פראַנצויזישע טרופּען האָבען זיך באַוויזען ביי ט ש י ו ו י ט א ו ע ק ק י א.

„וואָס זייערע אבזיכטען זאָלען נישט זיין, באַפעלט אונז דער פּרינציפּ פון זעלבסט־רעגירונג, ווי אויך דאָס פעלקער רעכט און די עהרע פונ׳ם רוימישען נאָמען, — זיי צו ווידערשטיין.

„די רעפּובליק וועט זיך ווערן. ס׳איז נויטיג, אז דאָס פאָלק זאָל באַווייזען פראַנקרייך און די גאַנצע וועלט, דאָס מיר זיינען א פאָלק פון מענער, און פון מענער, וועלכע האָבען אַמאָל אייראָפּא געגעבען געזעצע און צ י ו ו י ל י ז א צ י ע.

„ס׳איז נויטיג דאָס קיינעם זאָל ניט געגעבען ווערען די מעגליכקייט צו קאָנען זאָגען, דאָס די רוימער ה אָ ב ע ן ג ע ו ו אָ ל ט ז י י ן פ ר י י, אָ ב ע ר ז י י ה אָ ב ע ן נ י ט ג ע ו ו א ו ס ט ו ו י א ז ו י. עס איז נויטיג, אז דאָס פראַנצויזישע פאָלק זאָל לערנען פון אונזער ווידערשטאַנד, פון אונזערע פּראָקלאַמאַציעס און פון אונזער גאַנצער אויפפירונג, דאָס מיר

זיינען פעסט אנטשלאָסען זיך קיינמאָל מער ניט אונטערצואוואר־
פען צו דער רעגירונג, וועלכע מיר האָבען געשטירצט.

„דאָס פאָלק וועט עס באווייזען. די יעניגע צווישען אונז,
וועלכע דענקען אנדערש, שענדען דאָס פאָלק, און זיינען פאררעטער
צו זייער לאנד.

„אָרדנונג, ערנסטע רואיגקייט און מוטיגע האלטונג! די רע־
גירונג איז אויף דער וואך נישט צו דערלאָזען די אונטערהעצונג צו
טאטען, וועלכע זיינען שעדליך פאר דער רעפובליק.

„בירגער, אָרגאניזירט אייך! און פארזאמעלט זיך ארום
אונז.

„גאָט און דאָס פאָלק, געזעץ און ענערגיע וועלען טריאומ־
פירען".

דעם 25־טען אפריל, 1849.

(אין דער זעלבער צייט האָט מאציני אָנגעשריבען דעם פאָל־
גענדען פראָטעסט אין נאָמען פון דעם דעפוטאטען קאמער, און
האָט עס דעם זעלבען טאָג אָפּגעשיקט צו גענעראל א ו ד י נ א ט,
דעם קאָמאנדיר פון די פראנצויזישע טרופען).

.2

„דער רוימישער דעפוטאטען קאמער, באאומרואיגט דורך דער
באדראָענדער פארלעצונג פון דער טעריטאָריע פון דער רעפובליק,
פילט, דאָס די דאָזיגע אריינדרינגונג, וועלכע איז אויף קיין אופן
נישט פראָוואָצירט געוואָרען דורך דער באציאונג פון דער רע־
פובליק צו אנדערע מאכטען; און אויך ניט פאָרבארייטעט דורך
וועלכע ניט איז קאָרעספאָנדענץ מצד דער פראנצויזישער רעגי־
רונג, אָן אריינדרינגונג, וואָס קאָן בלויז ארויסרופען כאָאָס אין א
לאנד, וואָס לעבט רואיג אין דעם באוואוסטזיין פון די רעכט און

אין דער אָרדנונג און אין דאָס פּריוויליגע צושטימונג פון אירע בירגער, — איז אין איין און דער זעלבער צייט א פאַר־לעצונג פון די פעלקער־רעכט, פון דער גאַראַנטיע, וועלכע עס גיט די פראַנצויזישע קאָנסטיטוציע, און פון די ברידערליכע צוגעבונדנקייט, וועלכע באַדאַרפען פאַראייניגען די צוויי רעפּובליקען, — פראָטעסטירט אין נאָמען פון גאָט און פון פאָלק קעגען דער דאָ־זיגער ניט ערוואַרטעטער אַריינדרינגונג, דערקלערט איר פעסטען אַנטשלוס צו ווידערשטיין, און האַלט פראַנקרייך פאַראַנטוואָרטליך פאַר די פאָלגען״.

3.

„היות, אַלע רעליגיעזע נדרים זיינען נישט מער ווי אַ מאָראַלע פאַרפליכטונג צווישען דעם מענש־ליכען געוויסען און גאָט;

„היות, אַ ציווילער שטאַט אַלס אַזעלכער, האָט קיין שום רעכט ניט זיך אַריינצומישען מיט וועלכע ניט איז אויס־ערליכע און מאַטעריעלע מיטלען, אין דער ספּערע פון גייסטיגער פליכט;

„היות, דער לעבען און די פעאיגקייט פון יעדען מענשען באַלאַנגט על פּי רעכט צו דער געזעלשאַפט און צום לאַנד אין וועלכען גאָט האָט אים געשטעלט; —

„היות, דער שטאַט קאָן נישט אַנערקענען אַלס אומווידעררופליך יענע נדרים, וועלכע באַרויבען איר פון די דינס־

טע, אָדער וועלכע האלטען געצוימט דעם פרייען ווילען און די האנדלונגען פון די בירגער; —

ד ע ק ר ע ט י ר ט ד ע ר ט ר י א ו מ ו ו י ר א ט:

„דער שטאַאט אנערקענט ניט די אייבינקייט פון יענע נדרים, וועלכע עס נעמען אויף זיך די יחידים, וועלכע באַלאַנגען צו די אזוי־אָנגערופענע רעליגיעזע אָרדענס.

„יעדער יחיד, צו וואָס פאר א רעליגיעזען אָרדען ער זאָל ניט באַלאַנגען, ווערט דעריבער באפולמעכטיגט זיך צוריקציען פון די געזעצע און אָפּהיטונג צו וועלכער ער האָט זיך געבונדען בשעת ער האָט אויף זיך גענומען די רעליגיעזע נדרים.

„דער שטאַאט וועט באשיצען קעגען גוואַלדטאַט און אָפּאָזיציע אַלע די יענינע, וועלכע ווען באשליסען זיך צו באנוצען מיט דעם איצטיגען דעקרעט.

„דער שטאַאט וועט מיט דאנקבארקייט אקצעפּטירען אין די רייען פון איר ארמיי, יעדען פריסטער, וועלכער וועט זיין וויליג אָנשליסען זיך אין דער פארטיידיגונג פון דעם לאַנד פאר וועלכער זיי האָבען ביז איצט מתפלל געווען צו גאָט.

„דער איצטיגער דעקרעט זאָל פון א רעגירונג'ס קאָמיסאר פאַרנעלייענט ווערען צו די פארזאמעלטע מיטגלידער פון די רעליגיעזע קערפּערשאַפטען, אין זייערע מאָנאַסטירען".

דעם 27־טען אפּריל, 1849.

(א דעקרעט פון פופצענטען אפּריל, האָט פּראָקלאמירט דאָס די גרויסע שטיקער ניט־באארבייטער באָדען, וועלכע די רעליגיעזע קערפּערשאַפטען און אנדערע „טויטע הענט" האָבען געהאלטען אין זייער רשות, זיינען לויט א געזעץ, וואָס דער דע־

פּוטאַטען קאַמער האָט אָנגענומען דעם 21־טען פעברואַר, דער־קלערט געוואָרען אַלס אייגענטום פון דער רעפּובליק: — אַ דעקרעט פון זיבען און צוואַנציג־סטען אַפּריל האָט באַשטימט געוויסע רעגולאַציעס פאַר דער דורכ־פירונג פון דעם דאָזיגען געזעץ.)

.4

„רוימער! — נעאַפּאָליטאַנער טרופּען זיינען אריבערגעטראָטען דעם גרענעץ און מאַרשירען אויף רוים.

„זייער צוועק איז ווידער צו עטאַב־לירען די אַבסאָלוטע און וועלטליכע הערשאַפט פון פּאַפּסט. זייערע וואַפען זיינען אונ־טערדריקונג, ווילדקייט און רויב. זייערע רייען רינגלען ארום דעם קעניג וועמען אייראָפּא האָט געקרוינט מיט'ן נאָמען דער „באָמ־באַרדירער".*) — דער באָמבאַרדירער פון זיינע אייגענע אונ־טערטאַנען, — און ארום אים שטייען די מער אנטשלאָסענע פון די קאָנספּיראַטאָרען פון גאַעטאַ.**).

---

*) דעם דאָזיגען טיטול האָט פערדינאַנד פון נעאַ־פּעל זיך ערוואָרבען, ווען ער האָט מיט אַ קורצער צייט פריער (תיכף נאָך נאָווארא'ר שלאַכט) בטל געמאַכט די קאָנסטיטוציע פון נעאַפּעל און ברוטאַל אונטערדריקט דעם סיציליאַנער אויפשטאַנד. זיין אכזריות'־דיגע באָמבאַרדירונג פון דער שטאָט מעסינא האָט ארויסגערופען אַנטריסטונג אין דער גאַנצער וועלט און, פאַר אים געוואונען דעם צו־נאָמען „קעניג באָמבאַ".

**) גאַעטאַ, איז די שטאָט אין וועלכע פּאַפּסט פּיוס דער נײַנ־טער האָט זיך אויפגעהאַלטען נאָכדעם ווי ער איז געווען געצוואונגען צו אנטלויפען פון רוים צוליב דעם רעוואָלוציאָנערען נצחון.

„ר ו י מ ע ר! מיר האָבען באזיגט אונזערע ערשטע אָנגריי־פער; און מיר וועלען אויך די צווייטע באזיגען.

די בלוט פון אונזערע בעסטע נעאפּאָליטאנער חברים, די בלוט פון אונזערע סיציליאנער ברידער ליגט שווער אויפ'ן קאָפּ פון דעם פאררעטער־קעניג. גאָט, וועלכער ווענדעט זיך אָפּ פון די רשעים, און וועלכער קרעפטיגט די פארטיידיגער פון גערעכ־טיגקייט, האָט אייך, רוימער, אויסדערוויילט אלס די גואלי־הדם. זאָל דער ווילען פון גאָט און פון אונזער לאנד געטאָן ווערען.

„אין נאָמען פון די רעכטע, וועלכע זיינען געמיינשאפטליך צו אלע לענדער, אין נאָמען, פון דער פליכט, וועלכע רוים איז שולדיג צו איטאליען און צו אייראָפּא, — אין נאָמען פון די אי־טאַליענישע מוטערס, וועלכע האָבען געשאָלטען דעם טיראנישען קעניג, און פון די רוימישע מוטערס, וועלכע וועלען בענשען די פארטיידיגער פון זייערע קינדער, — אין נאָמען פון אונזערע פרייהייטען, אונזער געוויסען און אונזער עהרע, — אין נאָמען פון גאָט און פון פאָלק — מ י ר װ ע ל ע ן װ י ד ע ר ש ט י י ן! מיר וועלען ווידערשטיין, סאָלדאטען און פאָלק, הויפּטשטאָט און פּראָווינץ.

„זאָל רוים זיין אזוי אומפארלעצליך ווי די אייביגע גערעכ־טיגקייט. מ י ר ה אָ ב ע ן ג ע ל ע ר ע נ ט ד אָ ס כ ד י צ ו ז י ג ע ן, א י ז ג ע נ ו ג ז י ך נ י ט ש ר ע ק ע ן פ א ר'ן ט ו י ט. ז אָ ל ל א נ ג ל ע ב ע ן ד י ר ע־פּ ו ב ל י ק!

דעם צווייטען מאי, 1849.

5.

„פ אָ ל ק פ ו ן ד ע ר ר ע פּ ו ב ל י ק! — די נעאפּאָ־ליטאנער סאָלדאטען האָבען זיך אריינגעריסען אין אונזער טערי־טאָריע און מארשירען איצט אויף רוים.

„זאָל די מלחמה פון פאָלק זיך אָנהויבען.

„רוים וועט טאָן איר פליכט. — זאָלען אויך די פּראָווינצען טאָן זייער חוב.

דער מאָמענט אין וועלכען צו מאכען די העכסטע אָנשטריינגונג איז געקומען.

„אלע די, וועלכע גלויבען אין דער ווירדיגקייט פון זייער אומשטערבליכער נשמה, אין דער אומפארלעצבארקייט פון זייערע רעכט, אין דער הייליגקייט פון זייערע שבועות, אין דער גערעכטיגקייט פון דער רעפובליק, **אין דער אומאָפּהענגיגקייט פון די פעלקער** און אין איטאַליענישע עהרע, — זיינען אין דעם היינטיגען טאָג פארפליכטעט צו טאַט.

„פאר אלע די, וועלכע האלטען טייער זייער פרייהייט, זייערע היימען, זייערע פאמיליען, זייערע געליבטע, זייער אייגען לאנד, זייער לעבען, — איז אקציאָן געוואָרען א נויטווענדיגקייט.

„**בירגער! אייער לעבען, פרייהייט, אייגענטום, רעכט, — אלץ שטייט אצינד אין קאַן!** זיי האָבען זיך פארנומען די אלע זאכען, וועלכע זיינען אייך טייער, פון אייך אוועקרייסען מיט גוואלד".

„דער באנער, וועלכען דער קעניג פון נעאפעל האָט דערהויבען, איז פאר אונז, דער באנער פון **דעספּאָטיזם** און אומבאגרענעצטער טיראניי. זיינע ערשטע פוס־טריט זיינען אָפּגעשטעמפּעלט אין בלוט. דער צעטעל פון די פארדאמטע און פון די פארשיקטע איז אָנגעצייכענט מיט בלוט.

„צו לאנג האָט איר זיך צופרידען געשטעלט בלויז מיט ווערטער, אין דער צייט, ווען אייערע שונאים האָבען געמאכט פארשווערונגען און האָבען געלויערט. לאָזט זיך ניט אָפּנארען. איר האָט, היינט צו טאָג, אויסצוקלייבען צווישען גלות, ארמוט און דעם עשאפאָט, — אָדער מלחמה און נצחון. פאָלק פון דער רע־

פובליק, דאָס מינדסטע אומאַנטשלאָסענהייט אָדער אומזיכערקייט אַצינד, וואָלט געווען פ י י ג ה י י ט און דערצו נאָך, נוצלאָזע פייגהייט.

„טאָ דערהויבט זיך צום טאַט, די אַנטשיידענע שעה האָט געשלאָגן.

„אַ שרעקליכע שקלאַפעריי, אַזוינס וועלכע איר האָט זיך קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט, אָדער פרייהייט ווי עס פאַסט פאַר אייער גלאָררייכער אַלטער פאַרגאַנגענהייט, אייביגע זיכערקייט און די אַפּלאָדיסמענטען פון איראָפּאַ. טאָ דערהויבט אייך און באַוואָפּענט זיך. זאָל עס זיין קריג, ווי זיי האָבען עס געוואָלט, און עס וועט לאַנג ניט דויערען.

„ווען רוים וועט אַטאַקירען דעם שונא פון פאָרענט, רינגעלט אים אַרום, און אַטאַקירט אים ביי די זייטען און פון הינטען.

„רוים וועט זיין דער צענטראַלער פּונקט, דער אָנפאַנג פון דער נאַציאָנאַלער אַרמיי, פון וועלכער איר וועט זיין די פליענדע עסקאַדראָנען.

„ווידערשטייט דעם שונא אויף אַלערליי אופנים, וועלכע איר קענט נאָר. אין יעדען אָרט וואו אַ לאָקאַלע פאַרטיידיגונג איז צוליב אָרטיגע צושטאַנדען נישט מעגליך; זאָלען פּופּציג מענשען צונויפשטעלען אַ גוערילאַ גרופּע, יעדע צען מענשען אַ נאַציאָנאַלען עסקאַדראָן; זאָל יעדער מענש פון נישט-צווייפעלהאַפטער ערליכקייט, וועלכער קאָן אַרום זיך פאַרזאַמלען צען אַנדערע, ווערען דער אָנפירער.

„די רעפּובליק וועט מיט צופרידענהייט און מיט דאַנקבאַרקייט זיי באַלוינען — זאָל יעדער פּרעפעקט דירעקטירען אַ רעוואָלוציאָנערען צענטער, און געבען פולמאַכט די אָנפירער פון די דאָזיגע גוערילאַ גרופּען און עסקאַדראָנען.

„די רעפּובליק וועט פאַרצייכענען אַלע נעמען און וועט מאַ-

כען באלוינונגען אין געלט, לאנד און אין עהרע. די ברעוועט־פאפירען וועלען אייך דינען אלס פאספארט, וואס וועט אנערקענט ווערען פון אלע קאמו־נען, אלס בארעכטיגענד צו פרייען דורכגאנג און צו שטיצע.

„די גוערילא גרופען און די פליענדע עסקאדראנען זאלען אוים־מיידען געוויינליכע צוזאמענשטויסען מיט'ן שונא. זיי דארפען דעם שונא בלויז פלאגען, שטערן זיין רוה, אפשניידען זיין פראוויאנט, און ארומרינגלען קליינע אפטיילונגען פון פיינד ווי מיט אן אייזערנעם געוועב, פארהינדערען זייערע באוועגונגען און זיי אוים־מאטערען.

„זאל די רעוואלוציע תיכף ווערען דער טעג־ליכער לעבען, דער פולס, דער אטעם פון יעדען פאטריאט. זאלען די ניט־אקטיווע באשטראפט ווערען מיט פאראכטונג, און די פאר־רעטער מיט טויט.

„זאל די רעפובליק זיין אזוי שרעק־ליך אין קריג, ווי זי איז גרויס געוועזען אין פרידען. זאל אייראפא לערנען דאס מיר זיינען אנטשלאסען צו לעבען, און דאס מיר ווייסען אויך ווי אזוי צו לעבען. גאט און דאס פאלק וועלען בענשען אונזער וואפען".

דעם דריטען מאי, 1849.

6.

„היות רוים און דאס פראנצויזישע פאלק זיינען ניט, און קאנען ניט זיין אין מלחמה איינער קעגען דעם אנדערען.

„היות רוים, אין אייגענשאפט פון אירע רעכט און איר פליכט, פארטיידיגט אצינד איר אומפארלעצבארקייט, אבער באדויערט אין דער זעלבער צייט יעדע אטאקע קעגען די צוויי רעפובליקען אלס א פארברעכען קעגען זייער געמיינשאפטליכען גלויבען;

„היות דאָס רוימישע פאָלק באטראכט ניט די סאָלדאטען, וועלכע קעמפּען דורך געהאָרכזאמקייט צו באפעלען, אלס פאראנטוואָרטליך פאר די טאטען פון אן אירענדער רעגירונג;

דעקרעטירט דער טריאומוויראט: —

„1) די פראנצויזישע געפאנגענע, וועלכע זיינען גענומען געוואָרען דעם דרייסיגסטען אפּריל, זיינען פריי, און זאָלען צוריקגעשיקט ווערען צום פראנצויזישען לאגער.

„2) די רוימישע באפעלקערונג וועט מיטאָג־צייט זיך פארזאמלען, צו ווינשען א ברידערליכען „זייגעזונט" צו די בראווע סאָלדאטען פון דער פראנצויזישער רעפּובליק, אונזער שוועסטער.

7.

„בירגער פון דער רעפּובליק! — דער עסטרייכער אוואנסירט. באָלאָניא איז געפאלען, — געפאלען נאָך אכט טעג פון העלדישען קאמף און פון אויפּאָפּפער; טריאומפירענד אויך אין איר פאלען.

„זאָל איר לעצטער אויסגעשריי ווערען דער קריגס־רוף און דער ראכע־רוף פאר אונז אלעמען; זאָל עס יעדע איטאליענישע הארץ אויפנעמען ווי א הייליגע ירושה.

„בירגער! רוים פארלאנגט פון אייך די העכסטע אָנשטרענגונג. זי פארלאנגט עס אין דער זיכערהייט, אז די דאָזיגע אָנשטרענגונג וועט געמאכט ווערען, ווייל דאָס פארגאָסענע בלוט פון אירע זין דעם דרייסיגסטען, אויטאָריזירט זי די דאָזיגע אָנשטרענגונג צו פאָדערען.

אין צוזאמענהאנג מיט דאָס אויבענדיגע זעט אויך דעם דעקרעט וועגען באשיצען די אויסלאנדישע באפעלקערונג אין רוים.

„דורך אייער אָנשלוס צו אונזער פּראָגראַם, ווען די סכנה האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָט איר געגעבען א שבועה איטאַליען און אייראָפּא, דאָס אייער גלויבען איז אונזער גלויבען. אצינד פאַר־לאַנגען מיר פון אייך נאָך א באַווייז, — א ק צ י אָ ן!

„זאָל יעדער מאַן זיין גרייט, זיין שבועה צו פאַרזיגלען מיט זיין בלוט. זאָל יעדע שטאָט, יעדער דאָרף, יעדע הויזגעזינד זיך דערהויבען נקמה צו נעמען פאַר באַלאַניא.

„זאָל דער גלאָק פון יעדען קירכען־שפּיץ אַרויסקלינגען דעם טויטען־קלאַנג; אַרויסטראָגען דעם טויט אורטייל פון פאָלק קעגען די אויסלאַנדישע לאַנד־רויבער און איינברעכער.

„פון איין הויכען באַרג־שפּיץ צום צווייטען באַרג־שפּיץ פון אייערע בערג, צינדט אָן אַלס סימבאָל פון ברידערליכען צאָרן, די פייערען, וועלכע זיינען אין יאָר 1847 געווען דער סיגנאַל פאַר דער רעוואָלוציע.

„ז אָ ל א ו י ף י ע ד ע ן אָ ר ט פּ ל אַ ט ע ר ן ד י ר ו י ט ע פ אָ ן; פון יעדען קירכען־שפּיץ און פון יעדען טורעם.

„זאָל פון לאַנד צו לאַנד, פון הויז צו הויז, וויברירען דער קריגס־וואוט. זאָל גאַנץ אייראָפּא וויסען, דאָס אין סאַמע האַרץ פון׳ם האַלב־אינזעל געפינען זיך דריי מיליאָנען מענשען וועמען עס פאַראייניגט די ערנסטע שבועה — צו ווידערשטיין; פעסט אַנטשלאָסען צו קעמפען ביז׳ן סוף; זיך ליבער צו באַגראָבען אונטער די חורבות פון זייער לאַנד איידער זיך אונטערגעבען צום שונא.

„און כל זמן דער הימעל שטייט, וועט קיין מענשליכע מאַכט נישט קאָנען צוריקהאַלטען אונזער נצחון. ד ר י י מ י ל י אָ־נ ע ן מ ע נ ש ע ן ז י י נ ע ן א ל מ ע כ ט י ג ו ו ע ן ז י י ע ר ק ל ע ר ע ן „מ י ר ו ו ע ל ע ן".

„איטאַליענער, זין פון רוים! סאָלדאַטען פון דער רעפּוב־ליק! ס'איז אצינד א פייערליכע שעה, אויסגעארבייט פון די פארגאנגענע עפּאָכען, איינע פון יענע היסטאָרישע מאָמענטען, וועלכע אנטשיידען דעם לעבען אָדער דעם טויט פון א פאָלק.

„גרוים און מעכטיג אויף אייביג, אָדער אויף אייביג אָפּגע־שטעמפּעלט מיט דעם שאַנד־צייכען פון שקלאַפעריי; אנער־קענט פון די פעלקער אלס פרייע מענשען און ברידער, אָדער פאר־אורטיילט צו דעם נול־צייכען פון מענשען, וועלכע ווערען רעגירט לויט די קאפּריזען פון אנדערע; בעלי בתים איבער זיך אליין, פון אייערע היימען, פון אייערע אלטארען און אייערע אייגענע פון אייך פארהייליגטע קברים, — אָדער קנעכט, דער שימפּף־וואָרט פון יעדען טיראַן; פון שיקזאל באַשטימט צו אַן אומשטערבליכקייט פון רוהם אָדער שאַנדע, — אין אייערע אייגענע הענט ליגט דער אויסוואַל. לויט אייער אויסוואַל וועט איר פון גאָט און פון מענשען געאורטיילט ווערען.

„זייט גרוים! — דעקרעטירט אייער אייגענעם זין! די פאָלקס מאַסען האָבען געבראַכט נצחון צו שפּאניען, צו גריכענ־לאַנד, און צו דער שווייץ; זאָל דאָס פאָלק עם געבען אויך צו איטאַליען.

„זאָלען אייער הויפּט מאגיסטראַטען און אויסעראָרדענטליכע קאָמיסאַרען אָרגאניזירען דעם אויפשטאַנד; זאָלען זיי זיך פאר־זאמלען פון פּראָווינץ צו פּראָווינץ, מיט זיך ארומטראָגען און פארשפּרייטען די באגייסטערונג פון רוים; זאָלען זיי אָננעמען און אָנווענדען אויסערגעוויינליכע אויטאָריטעט, און באשליסען עקסטרעמע מיטלען אין פעלע פון גרוים סכנה".

„זאָל דער הויפּטלינג, וועלכער איז אומאַנטשלאָסען אָדער וועלכער גיט זיך אונטער נאָך איידער די שלאַכט פאנגט זיך אָן, דערקלערט ווערען אלס פארברעכער; די פּראָווינץ, וועלכע וועט

ערלויבען דעם שונא אריינמארשירען אָהן ווידערשטאנד, זאָל אויס־
געמעקט ווערען פון דער ליסטע פון די רעפּובליקאנישע טערי־
טאָריעם.

„זאָל יעדער וועלכער קעמפּט ניט קעגען שונא אויף וואָס
פאר אן אופן עס זאָל ניט זיין, פאראכטעט ווערען. זאָל יעדער,
וועלכער וועט זיך אָננעמען, זאָגאר א רגע פאר אזעלכען, שטריינג
באשטראָפט ווערען. זאָלען יענע, וועלכע גיבען אויף קריגס אמוני־
ציע צום שונא, שטריינג דיסציפּלינירט ווערען.

„זאָל די ארמיי, וועלכע טראָגט א פרעמדע פאָן, זיך געפינען
ארומגערינגעלט מיט א צירקעל פון פייער, אָדער מיט א מדבר.

„זאָל די רעפּובליק, וועלכע איז ביז אהער געוועזן העפליך,
צארט און גרויסמוטיג, זיך אצינד דערהויבען מעכטיג און שרעק־
ליך אין איר צאָרן. ר וי ם וועט שטיין פעסט!

דעם איין און צוואנציגסטען מאי, 1849.

8.

„ר ו י מ ע ר! צו דעם פארברעכען פון אָנפאלען אויף א
פריינטליכער רעפּובליק מיט רעפּובליקאנישע טרופּען, האָט איצט
דער פראנצויזישער גענעראל א ו ד י נ א ט, אויך צוגעגעבען
דעם שאנד־פלעק פון ב א ט ר ו ג. ער האָט פארלעצט
זיין געשריבענעם פארשפּרעכען, וואָס געפינט זיך איצט אין אונ־
זערע הענט, ד אָ ס ע ר וועט ניט אָ נ פ א נ ג ע ן
ד י א ט א ק ע פ ר י ע ר פ א ר מ אָ נ ט א ג.*)

„ר ו י מ ע ר, דערהויבט אייך! אויף די ווענט! צו די

*) די פראנצויזען האָבען ניט קוקענדיג אויף זייערע פייערליכע
פארשפּרעכען, אָנגעהויבען די אטאַקע די נאכט פון שבת אויף זונטאג דעם
צווייטען יוני.

טויערן, אויף די באריקאדען! לאָמיר דעם שונא באווייזען, דאָס אפילו באטרוג קאָן נישט בייקומען רוים.

„זאָל די גאנצע שטאָט זיך דערהויבען מיט דער ענערגיע פון איין איינציגען געדאנק. זאָל יעדער איינער קעמפען, און זאָל יעדער איינער האָבען דעם גלויבען אין זיג.

„געדענקט אייערע פאָטערס און זייט גרויס!

„זאָל גערעכטיגקייט מנצח זיין, און זאָל אייביגע פאראכטונג זיך נידערען אויף דער מיטהעלפערין פון עסטרייך! ל א נ ג ל ע ב ע ן ז א ָ ל ד י ר ע פ ּ ו ב ל י ק!

דעם דריטען יוני, 1849.

9.

„ר ו י מ ע ר! — איר האָט הויך געהאלטען די עהרע פון רוים, די עהרע פון איטאליען. העכער פ ע ר צ ע ן ש ע ה האָט איר געקעמפט ווי סאָלדאטען וועטעראנען. פלוצלונג איבערראשט דורך באטרוג, דורך דער פארלעצונג פון א פאָרמעל־אונטערגעשרי־בענעם צוזאָג, האָט איר ווי לייבען העלדיש געקעמפט, פנים אל פנים, פאר יעדען שפאן ערד; צוריקגעוואונען דאָס, וואָס איז פאר א מאָמענט פארלאָרען געווען, אָפּגעשטויסען די מוטיגסטע סאָלדא־טען פון אייראָפּא, א ו ן ב אַ ג ע ג ע נ ט ד ע ם ט ו י ט מ י ט א ש מ י י כ ע ל.

„זאָל אייך גאָט בענשען, אָפּהיטער פון דער עהרע פון אייערע אורעלטערן, אזוי ווי מיר, שטאָלץ ווייל מיר האָבען ווי געהעריג אָפּגעשאצט די עלעמענטען פון גרויסקייט אין אייך, — בענשען אייך אין נאָמען פון איטאליען.

„רוימער! דער היינטיגער טאָג איז א טאָג פון העלדען, א בלאט היסטאָריע.

„נ ע כ ט ע ן האָבען מיר צו אייך געזאָגט ז י י ט

גרוים; היינט זאָגען מיר אייך, איר זייט גרוים! זעצט פאָר, זייט שטאַנדהאַפטיג!

„פון רוימישען פאָלק קאָן מען דערוואַרטען נסים. און מיר זאָגען מיט פולשטענדיגען צוטרויען, אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, און אין דער יוגענד פון יעדען קלאַס, דאָס רוים איז אומפאַרלעצליך.

„באוואכט אירע ווענט די היינטיגע נאכט; איינער־האלב די דאָזיגע ווענט ליגט די צוקונפט פון דער נאציע. וואכט בשעת עס רוען זיך אָפּ די, וועלכע האָבען פערצען שעה נאָכאַנאַנד געקעמפּט.

„אויף די ווענט! אויף די באריקאדען! דער מלאך פון אייער לאנד וועט וואכען מיט אייך אינאיינעם; און דער מלאך פון אייער לאנד איז דער מלאך פון איטאַליענישען פאָלק.

„זאָל לאַנג לעבען די רעפּובליק!

דעם דריטען יוני, 1849.

„רוימישע טעכטער פון פאָלק, — אייערע מענער, ברידער און זין, באקעמפען איצט, אויף די ווענט, די שונאים פון אייער לאנד; איר זייט בארעכטיגט צו דער ליבע און דעם שוץ פון אייער לאנד.

„דער שונא, וועלכער איז נעכטען צוריקגעפאלען פאר אונזערע מענער, דראָעט איצט אייערע וואוינונגען מיט זיינע באָמבעס.

„איר זייט רוימער; איר קענט זיך ניט דערשרעקען פאר זיינע אימפּאָטענטע דראָאונגען. אונזערע טרופּען וועלען דעם שונא האלטען פון דער ווייטענס; אויב עס וועט נויטיג זיין וועלען זיי זיך אָנשליסען אָן אייערע טייערע אויף די באריקאדען; אָבער רוים איז שולדיג שוץ די אלטע מוטערס און צו די קינדער פון אירע פארטיידיגער, דאריבער דעקרעטירט דער טריאומוויראט: —

„די פאמיליעס פון פאָלק, וועמעס וואוינונגען וועלען גע־שטעלט ווערען אין געפאר פון באָמבארדירונג אין לויף פון דער מאָרגענדיגער באלאגערונג, — זאָלען מאָרגען, אָדער פריער, אויב עס וועט זיך ארויסווייזען נויטיג, פון דער רעגירונג לאזשירט ווע־רען אין אזעלכע הייזער, פאלאצען אָדער מאָנאסטירען, וועלכע געפינען זיך אויסערהאלב דער סכנה.

„די פאָרשטייער פון פאָלק אין יעדען קווארטאל פון רוים, זאָלען אויפנעמען אפּליקאציאָנען, באשטעטיגען די נויטוועגדיג־קייט פון יעדען פאל, און צעטיילען ארייגלאָז־בילעטען צו די פאר־שיידענע פּלעצער, וועלכע וועלען אויסגעקליבען ווערען פאר דעם דאָזיגען צוועק.

„א ליסטע פון דיזע פּלעצער וועט זיי צוגעשטעלט ווערען, צוזאמען מיט די נויטיגע אינסטרוקציעס, — פון דעם מיניסטער פון אינערן.

„דער ט ר י א ו מ ו ו י ר א ט אָנפארטרויט זיך אָן דעם טוגענד און דעם פּאטריאָטיזם פון די פרויען פון רוים, צו האלטען וואכזאמע אָרדענונג, און פארהיטען פון שאָדען די וואוינונגען, וועלכע מען וועט זיי איבערגעבען".

דעם פינפטען יוני, 1849.

11.

(די פאָלגענדע שורות איז דער ענטפער פון די טריאומווירען אויף דער ל ע צ ט ע ר א ו י ף פ אָ ד ע ר ו נ ג פ א ר ד ע ר ק א פ י ט ו ל י ר ו נ ג פ ו ן ר ו י ם, מצד גענעראל א ו ד י נ א ט, וועלכער האָט ערֹאָבערט א וויכטיג סטראטעגי־שען פונקט).

„מיר האָבען די עהרע אייך צו שיקען דעם ענטפער פון דעם דעפּוטאטען־קאמער אויף אייער מיטטיילונג פון דעם צוועלפטען".

„מיר ווילען אונזער ווארט קיינמאל ניט פארראטען. אין דער דורכפירונג פון די באפעלען פון דעפוטאטען־קאמער און פון רוימישען פאלק, האבען מיר פארשפראכען צו פארטיידיגען דעם באנער פון דער רעפובליק, די עהרע פון אונזער לאנד, און די הייליגקייט פון דער הויפטשטאט פון דער קריסטליכער וועלט!

„מיר ווילען אונזער פארשפרעכען האלטען".

דעם דרייצענטען יוני, 1849.

.12

(נאך דעם דעקרעט פון דעפוטאטען־קאמער באפעלענדיג דעם אפשטעלען פון דער פארטיידיגונג).

„רוימער, — דער טריאומוויראט האט פריי־ווילינ רעזיגנירט. דער דעפוטאטען־קאמער וועט פארעפענטליכען די נעמען פון זייערע נאכפאלגער".

„דער דעפוטאטען־קאמער, נאך די נעכטיגע נצחונות פון שונא, באוועגט פון א פארלאנג צו שאנעווען די רוימער די לעצטע גרויסע סכנה, און צו פארהיטען דעם נוצלאזען מקריב זיין פון נאך ווערטפולע לעבענס, — האט דעקרעטירט דאס די פארטיידיגונג זאל זיך אפשטעלען.

„די מענער, וועלכע האבען דירעקטירט דעם שווערען קאמף, קאנען נישט, געוויסענהאפט, דירעקטירען די קומענדע האנדלונ־גען אין דער ניי־געשאפענער לאגע. זייער מיסיע איז צו ענדע, און זיי איילען זיך אריינצוגעבען די רעזיגנאציע פון זייער מאנדאט אין די הענט פון דעם דעפוטאטען־קאמער.

„רוימער, ברידער! — איר האט אנגע־שריבען אן אומשטערבליכען בלאט אין

דער געשיכטע, וועלכע וועט בלייבען אן אייביגער באַ־ווייז פון דער פארבאָרגענער ענערגיע, וועלכע געפינט זיך אין אייך, און פון דער גרויסקייט פון אייער קינפטיגען שיקזאל, וועל־כען קיין מאכט אין דער וועלט וועט פון אייך ניט קאָנען צוריק־האלטען".

„מיט אייער בלוט האָט איר געהיי־ליגט דעם נייעם לעבען, וואס טאָגט איצט פאר איטאליען, — דער קאָלעקטיווער לעבען; דער לעבען פון א פאָלק, וועלכער וויל עקזיסטירען, און וועט עקזיסטירען.

„פארזאמעלט אונטער דעם רעפובליקאנישען פלאג, האָט איר מיט אייער העלדישען קאמף אויסגעלייזט די עהרע פון אונזער געמיינזאמען לאנד, וועלכעס ווערט אצינד אין אנדערע טיילען פאראומרייניגט דורך די קונציגע דיפלאָמאטישע דריידלאך פון בייזוויליגע מענשען און פון מאָ־נארכישער אומפעאיגקייט".

„אייערע טריאומווירען קומען איצט צוריק צו אייך ווי פריי־וואטע בירגער, טראָגענדיג מיט זיך א הויכע טרייסט אין דעם באוואוסטזיין פון די ריינקייט פון זייערע אבזיכטען, און די עהרע פון האָבען זייערע נעמען פאראייניגט מיט אייערע נאָבעלע טאטען.

„א וואָלקען האָט זיך אצינד דערהויבען צווישען אייך און אייער צוקונפט. א צייטווייליגער וואָלקען. שטייט פעסט מיט דעם באוואוסטזיין פון אייערע רעכט, און אין דעם גלויבען פאר וועלכען אזוי פיל פון אייערע בעסטע חברים זיינען געשטאָרבען באוואפענטע אפאָסטאָלען.

„גאָט, וועלכער האָט אָנגעזאמעלט זייער בלוט ווי אן אוצר,

— איז ערוב פאר אייך. גאָט וויל, אז רוים זאָל זיין פריי און גרויס, און זי וועט אזעלכע זיין.

„**אייערע, איז ניט קיין נידערלאגע.** — **עס איז דער נצחון פון מאַרטירער**, וועמעס קבר איז א פוס־שטיין פון הימעל.״

„ווען דער הימעל פון אייער תחית המתים אלם פאָלק, וועט שטראַלען איבער אייך; ווען עס וועט אין א נישט ווייטען טאָג, צו אייער חשבון צוגערעכענט ווערען דער פרייז פון די קרבנות, וועלכע איר האָט געבראַכט אין דינסט פון עהרע, זאָלט איר דאַמאָלסט ניט פארגעסען אָן די מענער, וועלכע האָבען מאָנאַטען לאנג געלעבט אייער לעבען, וועלכע טיילען אצינד אייערע ליידען, און וועלכע וועלען ווידער קעמפען, מאָרגען, אויב עס וועט באַשערט זיין, אין אייערע רייען.

„**לאנג לעבען זאָל די רוימישע רעפובליק!**״

דעם דרייסיגסטען יוני, 1849.

מאציני׳ס ענטפער צו טהאָמאַס קאַרלייל

(אין ברויס, מעאַרעטישען זין, איז מאציני געווען דער נביא פון דעם ס אָ צ י א ל י ז ם, — פון דעם קינפטיגען קאָלעקטיווען צוזאמענלעבען פון די מענשען. די דאָזיגע אויפפאסונג, וועלכע איז ביי אים אומ־אפטיילבאר פון זיין קאָנצעפּציע פון דעם נ א צ י אָ נ א ל י ז ם, דריקט זיך אויס אין זיין עסיי אין וועלכע ער פּראָטעסטירט קעגען ק א ר־ ל י י ל׳ס אינדיווידואליסטישע אנשויאונגען און געוויכט־לעגען אויף גרויסע מענשען. פון דער דאָזיגער עסיי קומט די פאָלגענדע ציטאטע).

„...ט ה אָ מ אַ ס ק אַ ר ל י י ל באגרייפט בלויז דעם י ח י ד; ער פארלירט דעם באגריף איבער דער איינינקייט פון דער מענשליכער ראסע. ער סימפּאטיזירט מיט אלע מענשען, אָבער בלויז מיט ד י א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע ל ע ב ע נ ס און ניט מיט זייער ק אָ ל ע ק ט י ו ו ע ן ל ע ב ע ן...

ער, (קארלייל), באטראכט די מענשליכע ראסע מער ווי אן אַנזאמלונג פון יחידים, וועלכע זיינען ענליך איינער צום אנדערען, א מין צוזאמענשטעלונג פון פארשיידענארטיגע כחות, איידער ווי אן א ס אָ צ י א צ י ע פ ו ן א ר ב י י ט ע ר, וועלכע זיי־נען צעטיילט אין גרופען, און וועלכע ווערען געטריבען אויף ב א־ ז ו נ ד ע ר ע װ ע ג ע ן צ ו א י י ן א ו ן ד ע ם ז ע ל־ ב ע ן צ י ל.

די אידייע פון דער נ אַ צ י ע זעלבסט, דאָס פאַ־טערלאנד, די צווייטע קאָלעקטיווע עקזיסטענץ, ניט אזוי גרויס אָבער נאָך אלץ פאר פילע יאַרהונדערטע, ניט ווייניגער הייליג ווי די מענשהייט, — דאָס אלץ, ענטווידער עס פארשווינדעט אין גאנ־צען, אָדער עס ווערט מאָדיפיצירט אונזער זיין (קארלייל׳ס) האנט;

פאַר אים איז עס ניט מער דער צייכען פון אונזער טייל ארבייט אין דעם אלגעמיינעם שאפען, דער ווערקשטאט אין וועלכען גאָט האָט אוועקגעשטעלט די ארבייטס־געצייג מיט וועלכע מיר קאָנען אויסארבייטען די מיסיע, וועלכע מיר קאָנען דערגרייכען; עס איז ניט מער דער סימבאָל פון א געדאנק, פון א ספּעציעלען באַרוף, וועלכער דאַרף נאָכגעפאָלגט ווערען, אָנגעדייטעט דורך דער טראַדיציע פון דער ראַסע, דורך פארוואנדשאַפט פון טענדענצען, דורך איינינקייט פון שפּראַך, דורך כאראקטער פון לאָקאַליטעט א. א. וו.; — עס איז עפּעס וואָס איז אויף אזוי ווייט ווי מעגליך, רעדוצירט געוואָרען צו דער פּראָפּאָרציע פון דעם יחיד.

אין זיינע אויגען איז די נאַציאָנאַליטעט פון איטאַליען, דער רוהם פון האָבען ארויסגעבראַכט דאַנטע, און קריס־טאָפאָר קאָלומבוס; די נאַציאָנאַליטעט פון דייטשלאַנד, איז לוטער, געטהע און אנדערע. די שאָטענס פון די דאָזיגע גיגאַנטישע מענער פארשטעלען אים יעדען סימן פון דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק, פון וועלכע די דאָזיגע מענער זיינען בלויז די פארטייטשער אָדער נביאים געוועזן, און פון די פעלקער, וועלכע שטעלען מיט זיך אליין פאָר, דעם שפּייכלער פון דעם דאָזיגען געדאַנק.

יעדע גענעראַליזאַציע איז אזוי אָפּשטויסענד צו טהאָמאַס קארלייל, דאָס ער אטאקירט דרייסט דאָס, וואָס ער רופט אָן „דעם וואָרצעל פון׳ם איבעל”, דורך דערקלערען, דאָס די געשיכטע פון דער וועלט איז פונדאמענטאַל ניט מער ווי די ביאָגראַפיע פון גרויסע מענשען; — דאָס איז צו ארגומענטירען גאַנץ דייטליך קעגען דער אידייע, וועלכע באהערשט די באוועגונג פון אונזער צייט.

אין נאָמען פון דעם דעמאָקראַטישען גייסט פון אונזער עפּאָ־

בע, פראָטעסטיר איך קעגען אזעלכע אנשויאונגען. די געשיכטע איז ניט די ביאָגראַפיע פון גרויסע מענשען; די געשיכטע פון דער מענשהייט איז די געשיכטע פון דער פּראָגרעסיווער רעליגיע פון דער מענשליכער ראַסע, און פון דער פאַרטייטשונג פון דער דאָזיגער רעליגיע דורך סימבאָלען אָדער דורך אויסערליכע אַק־ציאָן...

די גרויסע מענשען פון דער וועלט זיינען נישט מער ווי צייכענשטיינער אויפ׳ן וועג פון דער מענשהייט; זיי זיינען די כהנים פון דער רעליגיע פון דער מענשהייט. און וועלכער פּריס־טער וועגט דען גלייך־וואָגיג אין וואָגשאָל, צו דער גאַנצער רעליגיע פון וועלכער ער איז בלויז א דינער?

ס׳איז דאָ עפּעס גרויסעס, מער געטליך געהיימניספול ווי אלע גרויסע לייט, — און דאָס איז, די ערד וועלכע טראָגט זיי, די מענשליכע ראַסע, וועלכע שליסט זיי איין זיך איין, דער גע־דאַנק פון גאָט, וואָס רירט זיך אין זיי, און צו וועלכע די גאַנצע מענשהייט **קאָלעקטיוו** קאָן זיך דערהויבען.

פאַרלייקענט ניט די אלגעמיינע מוטער צוליב איינציגע פון אירע קינדער, ווי פּריווילעגירט זיי זאָלען ניט זיין; ווייל אין דער זעלבער צייט, וואָס איר פאַרלייקענט זי, פאַרלירט איר דעם אמת׳ן פאַרשטענדניס פון די דאָזיגע זעלטענע מענשען וועמען איר עהרט און ליבט.

געניאַליטעט איז ווי די בלום, וועלכע ציט א העלפט פון איר לעבען פון דער פייכקייט, וואָס צירקולירט אין דער ערד, און אָטעמט איין די צווייטע העלפט פון דער אטמאָספערע.

די אינספּיראַציע פון געניאַליטעט באַלאַנגט איין העלפט צום הימעל, און די צווייטע העלפט צו דער מאסע פון איינפאַכע שטערבליכע פון וועמעס לעבען זי שפּראָצט ארויס.

רוים און די פראַנצויזישע רעגירונג

(א חוץ דעם אָפענעם בריוו צו די פראַנצויזישע מיניסטאָרען דע טאָקאַ־וויל און פאלו (זעט זייט 128) האָט דזשוזעפא מאַציני אָנגעשריבען אַ וויכטיגען אַרטיקעל „רוים און די פראנצויזישע רעגירונג”. דער דאָזיגער ארטיקעל איז ארויסגערופען געוואָרען פון א רעדע אין פראנצויזישען פארלאמענט פון דעם דעפוטאַט מאנטאַלאַבער, דער קאַטוילישער פירער, אין וועלכע דער לעצטער האָט אַנטוויקעלט דעם פּאָליטישען פּראָגראַם פון די פראנצויזישע קאַטאָליקען. איך ברייננ דאָ איניגע שטעלען פון מאציני׳ס אַרטיקעל, וועלכע האָבען א באדייטונג אויך פאר אונזער צייט, אין אזוי ווייט ווי ער אַטאַקירט דעם קאַטוילישען פּאַפּסטענטום.

אין דער צייט, ווען דער פארליגענדער בוך ווערט פארפערטיגט צום דרוק, (זומער 1924) רירט זיך נאָך אויף דער ארענאַ פון דער אינ־טערנאציאָנאלער פּאָליטיק דער רעשט פונ׳ם פּאַפּסטענטום, אלעאירט מיט דער דראָענדער וואַקסענדער געשטאַלט פון דער „פאַשיסטישער” רעאקציע. די איצטיגע פראנצויזישע רעגירונג שטייט היינט צו טאָג אין באנייטער נאָענט פריינדליכער פאַרבינדונג מיט דעם וואַטיקאַן, ווי אין דער צייט, ווען דזשוזעפא מאַציני האָט געשריבען דעם דאָזיגען אַרטיקעל. — מאַציני׳ס ווערטער זיינען נאָך אקטועל. כל זמן דער וואטיקאן איז איינפלוסרייך, האָט די פרייהייט נאָך אַ גאַנץ שווערען שטיין אָפּצוראמען פון איר וועג...)

„...דער אויסגעשריי פאר פרייהייט, וואָס רייסט זיך ארויס פון די פעלקער, איז אין דער אמת׳ן א געשריי לויז צו ווערען און זיך באפרייען פון דעם שווערען קערפּער פון א טויטען אויטאָרי־

טעט, וועלכע אוזורפירט דעם פּלאַן פון דער נייער — — — — —
— —
— —
— — — — ווי קומט עס, וואָס אין דעם פראנצויזישען פּאַרלאַ־מענט האָט זיך קיין איינער ניט געפונען, וועלכער זאָל זיך ווענ־דען צו מ א נ ט א ל א ב ע ר און אים זאָגען:

„איר בויט אויף פוסטקייט; איר רעדט וועגען א זאך, וואָס האָט אמאָל עקזיסטירט, אָבער וועלכע איז שוין מער ניטאָ. הער, דאָס פּאַפּסטענטום איז מאָראַליש טויט; ליגט אין בלאָטע; טויט, ווייל ער האָט פאַרראַטען זיין מיסיע פון באשיצען די שוואַ־כע קעגען די שטאַרקע — — — — — — — — — — — — — — —
— —
— —
— — — — טויט, ווייל ער האָט ארויסגערעדט ווערטער פון גלוי־בען אין א זאך אין וועלכער ער אליין האָט נישט געגלויבט; טויט, ווייל ער האָט פאַרלייקענט די מענשליכע פרייהייט און די ווירדיג־קייט פון דער אומשטערבליכער נשמה; טויט, ווייל ער האָט פאַראורטיילט די וויסענשאַפט אין ג א ל י ל ע א, פילאָזאָפיע אין ז ש י א ר ד א נ א ב ר ו נ א, רעליגיעזע אספּיראציע אין י אָ ה א ן ה ו ס און זשעראָם פון פּראַג; טויט, ווייל ער האָט פאַרדאַמט פּאָליטישען לעבען דורך מחרים זיין דאָס רעכט פון די פעלקער, צ י ו ו י ל ע ן ל ע ב ע ן דורך יעזואיטיזם און קאָרופּציע, און האָט איינגעפירט א צעשיידונג צווישען פאַ־טער און קינד, ברודער און ברודער, מאַן און ווייב; טויט, צו די פּרינצען זייט דעם אָפּמאַך פון וועסטפאַליען; טויט, צו די פעלקער זייט גריגאָרי דעם עלפטען און די שפּאַלטונג; טויט, צו איטאַליען זייט קלעמענט דעם זיבעטען. און שאַרל דער פינפטער האָט אונטערגעשריבען דעם שענדליכען אָפּמאַך, וואָס האָט צע־

קוועטשט די גוסס׳דיגע פרייהייט אין פלאָרענץ; פונקט ווי אייערע (פראנצויזישע) סאָלדאטען זוכען אצינד צו דערשטיקען די נייגעבאָרענע איטאַליענישע פרייהייט אין רוים; טויט, ווייל דאָס פאָלק האָט זיך דערהויבען; ווייל מענשען, וועלכע האָבען פופצען יאָר נאָכאנאנד אָנגעפירט א שארפען קאמף קעגען דעם פריסטערטום אין נאָמען פון וואָלטער, האָבען זיך איבערגעקוליעט און פארטיידיגען עס היפּאָקריטישערהייט. טויט, ווייל פיוס דער ניינטער איז אנטלאָפען, באגלייט פון די קללות פון די פאָלקס־מאסען; טויט, מיין הער, ווייל איר און די אייעריגע פארטיידיגען זי מיט וואפען און מיט אומטאָלעראנץ, און דעמאָנסטרירען דאָס פּאפּסטענטום און פרייהייט קאָנען ניט עקזיסטירען אין איין און דערזעלבער צייט. ———

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

...און איך — עס איז דאָס ערשטע מאָל — האלב מיט פארדרוס, — וואָס איך בין געצוואונגען צו רעדען פון זיך, — איך, הער מאנטאלאמבער, וועלכער האָב קיין מאָל ניט אונטערגעשריבען קיינע דעקלאראציעס אָדער אקצעפּטירט אמנעסטיעס, ווייל איך האָב ניט געוואָלט פאראומרייניגען מיין לעבען מיט א ליגען, און ווייל עס איז דער צד שכנגד, — וועלכער נויטיגט זיך פארגעבונג פון אונז, און ניט מיר פון זיי, — איך, וועלכער, פאר צוואנציג יאָר א פארטריבענער, האָב מקריב געווען אלע פריידען פון לעבען, און וואָס איז נאָך פיל מער ווערט, די פרייד פון די וועלכע זיינען מיר טייער, צו דער דינסט פון איין איינציגער אידייע, — איטאַליען, מיין לאנד, איינציג און פריי —; ...זאָל איך אנולירען מיין געוויסען און טרעטען אונטער די פיס דעם גלויבען פון פינף און צוואנציג יאָר, דעם גלויבען, וועלכער איז מיין איינציגער אויפהאלט אין מיטען פון צוויי־

פעל, אנטווישונג, פארפירונג און טרויער, — אזעלכען, וועלכען איך ווינש איר זאָלט דערפון קיין מאָל ניט וויסען, — ווייל די קאָרופּ־טירער פון דער קירכע געפינען פאר ניט מעגליך צוצופּאסען זייער גייציגען לוסט און דורשט נאָך פּרינצליכער הערשאַפט, מיט דער פרייהייט פון איטאַליען און מיט דעם פּראָגרעס פון דער מענש־הייט.

אך! איך דערמאָן זיך איצט אן איטאַליענישע מוטער, וועל־כע האָט מיר אויסגעדריקט איר באדויערען, וואָס זי האָט ניט מער ווי צוויי זין מקריב צו זיין פאר איר לאנד, — און א צווייטע, וועלכע האָט צו מיר געשריבען אין א מאָמענט, ווען זי איז אויפ־געטרייסעלט געוועז פון טיפען טרויער און פון אזעלכע יסורים, וועלכע קיין אנדערער א חוץ זי האָט ניט געקאָנט וויסען...

די ערשטע פון די דאָזיגע מוטערס האָט פארלאָרען איין זון דורך אייערע סאָלדאטען אונטער דער וואנט פון רוים; די אנ־דערע האָט געהאַט דריי זין... צוויי פון זיי זיינען פון איר אָפּ־געריסען געוואָרען און פארטריבען אין גלות, בשעת דער דריטער האָט זיך דעם לעבען גענומען אין טורמע.*)

די ווערטער פון די דאָזיגע צוויי מוטערס זיינען פאר מיר א גאנץ געניגענדער ענטפער אויף מער ווי איין גוט אויסגעשטודיר־טע און פיין אויסגעפּוצטע רעדע...

די רעליגיע פון זעלבסטאָפּפער איז גאנץ אנדערש פון יענער רעליגיע, וואָס ווערט אויפגעהאלטען בלויז מיט׳ן כח פון אייערע באַיאָנעטען.

טאָ זאָל אויסשטאַרבען דער פּאַפּסטענטום און זאָל לאנג לעבען איטאַליען! אויב, — האָט געזאָגט פּאַטער וועגטורא, — אויב

---

*) זשאקאפּא ר ו פ י נ י... זעט זייט 67.

די קירכע גייט ניט פֿאַראויס צוזאַמען מיט די פֿעלקער, מוזען די פֿעלקער פֿאַראויסגיין אָהן דער קירכע און קעגען דער קירכע.

קעגען דער קירכע? ניין; מיר ווילען פֿאַראויסמאַרשירען פֿון דער קירכע פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, צו דער קירכע פֿון דער צוקונפֿט; פֿון דער טויטער צו דער לעבעדיגער קירכע; די קירכע פֿון פֿרייע און גלייכע מענשען, אין וועלכער דעם אויבען־אָן וועט פֿאַרנעמען דער יעניגער, וועלכער וועט אַם בעסטען האָבען געדינט זיינע ברידער, — און וואו די רעזידענץ פֿונ׳ם גלויבען וועט זיך ניט נויטיגען אין באַיאָנעטען זי אויפֿצוהאַלטען.

פֿאַר אַזא קירכע איז פֿאַראַן פּלאַץ צווישען דעם וואַטיקאַן און דעם קאַפּיטאָל.

דער דאָזיגער אויסגעשריי פֿון מיין נשמה, מיין הער, די דאָזיגע איבערצייגונג, וועלכע קיין כח אין דער וועלט קאָן ניט פֿאַרניכטען, איז דער אויסגעשריי און די איבערצייגונג פֿון דער גאַנצער איטאַליענישער יוגענד, וועלכע איז דורכגעדרונגען געוואָרען מיט צאָרן לעזענדיג אייער רעדע, פּונקט ווי זי וועט דורכגעדרונגען ווערען מיט ליבע, לעזענדיג די דאָזיגע ווערטער מיינע.

איר קענט דערשטיקען מיין שטימע; אָבער די שטימע פֿון אונזער יוגענד קאָנט איר נישט דערשטיקען. איר קענט אויסלעשען פֿילע לעבענס; אָבער ניט דאָס גאַנצע לעבען. דער לעבען פֿון א פֿאָלק איז פֿון גאָט. אייערע באַמיאונגען וועלען זיך צעברעכען ווען זיי וועלען זיך אָנשטויסען אָן דעם דעקרעט פֿון גאָט. איטאַליען וועט זיין איינס!

און אין דעם טאָג ווען איטאַליען וועט זיין איינס, וואו וועט דאַן זיין דער פּאַפּסטענטום?"

די סאָציאַלע אידייע

(„אייראָפּא — אירע צושטאַנדען און אירע אויסזיכטען" פּארעפּענטליכט
דעם 2טען אַפּריל 1852 אין לאָנדאָנער .Westminster Review, 1852)
(ציטירט פון מאַציני'ס עסיי.)

די גרויסע סאָציאַלע אידייע, וועלכע איז שוין אלגעמיין אָנגענומען אין אייראָפּא קאָן מען ערקלערען ווי פאָלגט: —

די אָפּשאפונג פון דעם פּראָלעטאריאט. די באפרייאונג פון די ארבייטער פון דעם טיראנישען יאָך פון קאפּיטאל, וועלכער איז קאָנצענטרירט אין די הענט פון א קליינע גרופּע מענשען; די צעטיילונג פון דער פּראָדוקציע לויט דער פּראָפּאָרציע פון דער ארבייט. דורך די מאָראלע און אינטעלעקטועלע אנטוויקלונג פון די ארבייטער; א פרייע פאראייניגונג צווישען די ארבייטער אָנשטאָט דער אינדיווידועלער ארבייט, וואָס ווערט באצאָלט לויט דעם דעספּאָטישען ווילען פון דעם קאפּיטאליסט.

אָט דאָס דערקלערט די בארעכטיגטע שטרעבונג פון דער איצטיגער צייט. עס איז ניט צו פארניכטען, אָפּשאפען אָדער מיט גוואלד אריבערפירען רייכטום פון איין קלאס צום צווייטען; נאָר צו פארגרעסערען דעם צירקעל פון די פארברויכער, און פאָלגליך צו פארגרעסערען די פּראָדוקציע, — דורך געבען א גרעסערען חלק אין דער פאנאנדערטיילונג, צו די וועלכע שאפען דעם דאָזיגען רייכטום; עפענען א ברייטען וועג פאר די ארבייטער צו דערגרייכען פאר זיך רייכטום און אייגענטום; אין קורצען, מעגליך מאכען פאר יעדען ארבייטער צו קריגען קאפּיטאל און א ר ב י י ט ס - ג ע צ י י ג, — פאר יעדען ארבייטער, וועלכער ניט

א גאראנטיע פון ארבייטספעאיגקייט, פעאינקייט און גוטער אויפ־פירונג.

די דאָזיגע אידייען זיינען גערעכ־טע; און זיי וועלען סוף כל סוף מנצח זיין; היסטאָריש איז די צייט שוין איצט רייף פאר זייער פאר־ווירקליכונג.

צו דער באפרייאונג פון דעם שקלאף איז צוגעקומען די באפרייאונג פון דעם לייב־אייגענעם; און די באַ־פרייאונג פון דעם לייב־אייגענעם מוז נאָכגעפאָלגט ווערען פון דער באפרייאונג פון דעם פראָלעטאריאט.

אין לויף פון דער אנטוויקלונג פון מענשליכען פראָגרעס, האָט דער פאטריאַרכער אונטערגעגראָבען דעם דעספאָטיזם פון דער מאָנארכיע; שפעטער, איז דורך דער בורזשואזיע, — די פי־נאנציעלע אריסטאָקראטיע, — אונטערגעגראָבען געוואָרען די פריווילעגיע פון דעם אדעלשטאנד און פון יחוס־געבורט; און איצט, וועט דאָס פאָלק, דער פראָלעטאריאט, אונטערגראָבען די פריווילעגיע פון דער דורך אייגענטום קאָנטראָ־לירענדער קאפיטאליסטישער בורזשואזיע.

דער דאָזיגער פראָצעס וועט אָנגיין ביז וואנען די געזעלשאפט וועט ווערען באזירט אויף ארבייט, און וועט ניט אנערקע־נען קיין אנדער פריווילעגיע אויסער די פון טוגענדהאפ־טיגער אינטעליגענץ, וועלכע וועט, דורך פרייען אויסוואל פון דעם דורך בילדונג אויפגעקלער־טען פאָלק — גערופען ווערען אויפצופאסען אויף דער אנטוויקלונג פון די אייגענשאפטען פון די סאָציאלע כחות.

טויט־שטראָף אין אַקטען פון פּאָליטישען טעראָר

אין יאָר 1856 האָט דער העלדישער אָנפירער פון דער ווענעציאַנער רעפּובליק, דניאל מאנין, וועלכער האָט צו דער דאָזיגער צייט צוזאַמען מיט גאריבאלדי׳ן שלום געמאכט מיט דער איטאַליענישער מאָנאַרכיע, אָנגעשריבען אַן ארטיקעל אין דער London "Times" וואו ער קריטיקירט די איטאַליענישע רעפּובליקאַנער און באהויפּטעט, אַז „די דאָזיגע פּארטיי וועט קיינמאָל ניט זיין ערפאָלגרייך, בל זמן זי וועט ניט פויערליך אָפּוואַרפען „די טעאָריע פון דעם קינזשאַל״. מאַציני האָט געענטפערט. און פון דעם דאָזיגען ענטפער איז אַנטנומען די פאָלגענדע ציטאַטע.

....איך פאַראַכטע די פארגיסונג פון אַן איינציג טראָפּען בלוט, ווען דאָס איז ניט אבסאָלוט נויטיג צום טריאומף אָדער צו דער איינווייהונג פון א הייליגען פּרינציפּ.

איך גלויב, דאָס די געזעלשאַפט, וועלכע איז בכח זיך צו פאַרטיידיגען, איז ניט בארעכטיגט צו געברויכען דעם טויט־שטראָף, און איך קוק פאָראויס מיט ערוואַרטונג, אַז דער ערשטער דעקרעט פון דער טריאומפירענדער רעפּובליק, וועט זיין די אָפּשאַפונג פון דעם עשאַפאָט.

איך באַדויער יעדען אקט פון אינדיווידועלער ראַכע, געריכטעט אפילו קעגען די זינדיגע, ווען עס פּאַסירט וואו די לעגאַלע יוסטיץ איז דערביי נישט פאַרטראָטען.

זיך ניט קימערענדיג וועגען באַשולדיגט ווערען אין שוואַכקייט, האָב איך זיך פעסט אַנטזאַגט אונטערצושרייבען מיין אונטערשריפט אין גוט־

היימען א טויט־אורטייל, וועלכען א קריגס־געריכט האט ארויסגעטראגען קעגען א „שולדיג"־ערקלערטען סאלדאט. און דערפאר האב איך קיין מורא ניט, דאס אירגענד וועלכער ערענהאפטער מענש וועט מיינע ווערטער פאלט אויסטייטשען ווען איך זאג, דאס עס זיינען דא אויס־נאמס מאמענטען, אין דעם לעבען און אין דער געשיכטע פון נא־ציאנען, וועלכע קאנען ניט געאורטיילט ווערען לויט די נארמאלע, אנגענומענע רעגעלען פון מענשליכער יוסטיץ, און אין וועלכע די באטרעפענדע פערזאן, וועלכע באגייט דעם אקט קאן באקומען די השפעה, די באגייסטערונג דערצו, פון זייער געוויסען און פון גאט.

הייליג אין האנט פון יהודית איז געווען דער שווערד, וועלכער האט א סוף געמאכט צו דעם לעבען פון האלא־פארנעס; הייליג איז געווען דער קינזשאל, וועלכען הארמאדיאוס האט ארומגערינגעלט מיט רויזען; הייליג דער קינזשאל פון ברוטוס; און הייליג די פייל פון טעל.

וואו נאר די גערעכטיגקייט ווערט אויסגעלאשען, און דער טעראר פון אן איינציגען טיראן אנולירט און לייקענט דעם געווי־סען פון א פאלק, און דעם גאט וועמעס ווילען איז, אז דאס פאלק זאל זיין פריי, — אויב א מענש, וועלכער איז ריין פון האס און פון יעדע נידעריגע ליידענשאפט, — דערהויבט זיך אין דער רע־ליגיע פון לאנד, און אין נאמען פון די אייביגע גערעכטיגקייט, וועלכע איז אין אים פארקערפערט, און זאגט צו דעם דאזיגען טיראן, „דו פייניגסט מיליאנען פון מיינע ברידער; דו פאר־האלטסט פון זיי, דאס וואס איז זייערס, און צו וועלכע זיי זיינען בארעכטיגט; דו פארניכטעסט זייערע קערפערס און קארופ־טירסט זייערע נשמות; דורך דיר, שטארבט אפ מיין לאנד מיט א לאנגזאמען און שמערצפולען טויט; דו ביזט דער שלום־שטיין

פון א גאנצען בנין פון שקלאפעריי, שאנד און פאלשקייט; איך שטירע אום די דאָזיגע געביידע דורך פארניכטען דיר" — דער־קען איך, אין דער דאָזיגער מ א נ י פ ע ס ט א צ י ע פון מורא'דיגען כחות־אויסגלייך, צווישען דעם טיראנישען אונטער־דריקער פון מיליאָנען מענשען און א יחיד, — דעם פינגער פון גאָט.

טיף ביי זיך אין הארצען, פילען דאָס רוב מענשען, דיזעלבע געפילען ווי איך, איך דריק עס אוים.

שלום־וואָרט פון מאַציני׳ס „גלויבען און די צוקונפט"

(פאַרעפענטליכט צום ערשטען מאָל, אין שווייצאַריע, אין יאָר 1835.)

אין א געוויסען טאָג אין דעם זעכצענטען יאָר־הונדערט אין רוים, האָבען זיך פאַרזאמעלט א קליינע צאָל מענשען, „אינקוויזיטאָרען", — וועלכע האָבען זיך איינגערעדט דאָס זיי באַקומען שכל און אויטאָריטעט פון גאָט אליין. — זיי האָבען זיך פאַרזאמעלט צו דעקרעטירען די אומבאַוועגליכקייט פון דער ערד.

פאַר זיי איז געשטאַנען אַן אַנגעקלאַגטער. זיין פנים איז געווען באַלויכטען מיט דער געטליכער ליכט פון געניאַליטעט. ער האָט אריבערגעיאָגט די צייט און די מענשהייט, און האָט אנטדעקט דעם סוד פון א וועלט.

דאָס איז געווען דער אַלטער גאַלילעא.

דער אַלטער מאַן האָט געשאָקעלט זיין ערענווירדיגען ווייסען קאָפּ. זיין נשמה האָט רעוואָלטירט קעגען די אבסורדע געוואַלדזאמקייט פון די יעניגע, וועלכע האָבען געזוכט אים צווינגען ער זאָל פאַרלייקענען די אמת׳ען, וועלכע גאָט האָט פאַר אים אנטפּלעקט. אָבער זיין אורשפּרינגליכע ענערגיע איז שוין אָפּגעשוואַכט געוואָרען דורך לאַנגיאָריגע ליידען און טרויער. די אימער פאַרפאָלגענדע מאָנאַכישע סכנה האָט אים צעקוועטשט. ער האָט זיך שוין באַמיט אונטערצוואַרפען.

ער האָט אויפגעהויבען זיין האַנט, ער אויך, צו דערקלערען די אומבאַוועגזאַמקייט פון דער ערד,

אָבער אין דעם זעלבען מאָמענט ווען ער האָט אויפגעהויבען זיין האנט, האָט ער אויך דערהויבען זיינע מידע אויגען צו יענעם הימעל, וועלכען זיי האָבען דורך לאנגע נעכט אָנגעשטרענגטערהייט געפאָרשט, צו קאָנען דערויף לייענען איין שורה פון דעם אוניווערסאלען געזעץ; חאָבען זיי באַגעגענט א שטראל פון דער זון, וועלכע, ער האָט אזוי גוט געוואוסט, שטייט באוועגלאָז אין מיטען פון די זיך ארום איר באוועגענדע ספערען.

א געפיל פון חרטה האָט אריינגעדרונגען אין זיין הארצען: אן אומוויליגער אויסגעשריי האָט זיך ארויסגעריסען פון דעם גלויביגענ׳ס נשמה, *"Eppur Si Muove!"* — „און זי באַוועגט זיך דאָך!”

יאָרהונדערטע זיינען פאָראיבער. די אינקוויזיטאָרען, די אינקוויזיציע, — אבסורדע טעזיסען מיט גוואלד ארויפגעצוואונגענע, — די אלע זיינען פארשוואונדען. געבליבען איז בלויז די פעסט־געשטעלטע באוועגונג פון דער ערד, און דער הערליכער אויסגעשריי פון גאלילעא, וואָס שוועבט אום איבער די דורות.

קינד פון דער מענשהייט, ערהויב דיין פנים צו דער זון, און לעז אויף די הימלען: „זי באוועגט זיך” — גלויבען און טאָט! די צוקונפט איז אונזערע!

צום איטאַליענישען ארבייטער־קלאַס

איינלייטונג צו דער ערשטער פולשטענדיגער אויסגאַבע פון „די פליכטען פון דעם מענשען".
(געשריבען אין יאָר 1858)

„די פליכטען פון דעם מענשען" האָט מאַציני אָנגעפאַנגען פאַר־עפענטליכען אין לאָנדאָן אין יאָר 1844 אין דעם פון אים געגרינדעטען אַרבייטער אָרגאַן Apostolato Popolare און נאָך פילע געצוואונגענע איבעררייסונגען, האָט ער די דאָזיגע שריפט פארענדיגט אין זיין זשורנאַל Pensier Ed Azione אין יאָר 1858.

ווי דער לעזער פון דעם ביאָגראַפישען טייל פון פאָרליגענדען בוך האָט באמערקט, זיינען די אונטענגעבראַכטע צייליען געשריבען געוואָרען פון דזשוזעפּא מאַציני'ן אין א צייט פון אינטענסיווע רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט, און אין מיטען פון אַ פעריאָדע פון שטאַרקע פּערזענליכע פאַרפאָלגונגען און ליידען, — מיט אַ טויט אורטייל איבער'ן קאָפּ.....

אין די דאָזיגע ערנסטע ווערטער אַדרעסירט צום **אַרבייטער קלאַס**, וועלכען ער האָט געליבט מיט אַלע פיבערן פון זיין וועזען, אַנטפּלעקט דער גרויסער קעמפער זיינע איבערליכע געפילען. ביז צו דעם סאַמע לעצטען מאָמענט פון זיין לעבען איז מאַציני פאַרבליבען לאָיאַל צו דעם פּראָלעטאַריאַט. זיינע לעצטע ווערטער, אַרויסגערעדט דעם צענטען מערץ 1872, בשעת זיין ליכטיגע נשמה האָט געהאַלטען אין פאַר־לאָזען זיין אויסגעמאַטערטען קערפּער, זיינען געווען „דער אַרבייטער קלאַס".

צו אייך, זין און טעכטער פון פאָלק, ווידמע איך דעם דאָ־זיגען בוך. דערין האָב איך אָנגעצייכענט פאַר אייך די פּרינצי־

פען, אין נאָמען פון וועלכע, און מיט וועמעס הילף איר וועט קאָ־
נען, אויב איר ווילט, דערפילען אייער מיסיע אין איטאַליען; אַ
מיסיע פון רעפּובליקאַנישען פּראָגרעס לטובת
אַלע אייערע לאַנדסלייט, און פון באַפרייאונג פאַר אייך זעלבסט.

זאָלען די יעניגע צווישען אייך וועמען גינסטיגערע צושטאַנ־
דען אָדער העכערע פעאיגקייטען האָבען געמאַכט מער קאַפּאַבעל
זיך אַריינדרינגען אין דעם טיפערען זין פון דיזע פּרינציפּען, —
זיי ערקלערען און פּאַרטייטשען צו די אַנדערע, אין דעם זעלבען
גייסט פון ליבע אין וועלכען איך האָב געדענקט, — בשעת איך
האָב דאָס בוך געשריבען, — פון אייערע ליידען, אייערע שטרע־
בונגען, און פון יענעם נייעם לעבען, וועלכען עס וועט
זיין אייער אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטען איבער אונזער איטאַליעני־
שען לאַנד, אַזוי שנעל ווי די אומגערעכטע אומגליקליכהייטען, וועל־
כע זיינען איצט אַזוי פאַטאַל צו דער פרייער אַנטוויקלונג פון
אייערע אייגענשאַפטען, וועלען איבערוועלטיגט ווערען.

פון מיינע פריסטע יאָרען האָב איך אייך געליבט. די רע־
פּובליקאַנישע אינסטינקטען פון מיין
מוטער האָבען מיר געלערענט אויפצוזוכען צווישען מיינע
ברידער־מענשען ניט דעם רייכען אָדער דעם מעכטיגען, נאָר דעם
אמת'ן מענשען; און אין דער זעלבער צייט האָבען די פּשוט'ע
נאַטירליכע, און אומבאַוואוסטזיניגע טוגענדען פון מיין פאָטער,
מיר צוגעוואוינט הויך צו שעצען דעם שטילען באַשיידענעם גייסט
פון זעלבסט־אָפּפער, וועלכען מען באַגעגענט אַזוי אָפט אין אייער
קלאַס, הויך דערהויבען איבער יענע אויסערליכע און זעלבסט־
אָנגענומענע „העכערקייט" פון די האַלב־געבילדעטע.

אין שפּעטערע יאָרען, האָבען די בלעטער פון אונזער געשיכטע
פאַר מיר אַנטפּלעקט דעם פאַקט, דאָס דער אמת'ער לעבען פון אי־
טאַליען איז דער לעבען פון איר פאָלק'ס מאַסע; און איך האָב

נעזען ווי אזוי דער צוזאמענשטוים פון פארשיידענע ראסען, און די אויבערפלעכליכע עפעמערישע אומבייטונגען, וועלכע זיינען געשאפען געוואָרען אלס פאָלגע פון אוזורפאציע און לאנד־רויב, האָבען אין לויף פון דעם לאנגזאמען פראָגרעס פון די דורות, געווירקט צו אויסברייטען און צוגרייטען אונזער גרויסע דעמאָקראַטישע נאציאָנאלע איינהייט.

און איך האָב זיך צו אייך אין גאַנצען גערוידמעט מיט דרייסיג יאָר צוריק.

איך האָב געזען דאָס אונזער לאנד, אונזער געאייניגטע מדינה פון פרייע און גלייכע מענשען קאָן קיין מאָל ניט געגרינדעט ווערען פון אן אריסטאָקראטיע, ווי די אונזעריגע, וועלכע פארמאָגט ניט קיין כח פון איניציאטיווע און קיין קאָלעקטיווען לעבען; און אויך ניט דורך א מאָנארכיע, וועלכע האָט ניט קיין ספעציעלע מיסיע, און איז אין גאנצען אָהן שום אידייע פון איינינקייט אָדער עמאנסיפאציע — א מאָנארכיע, וועלכע איז איינפאך אריינגעקראָכען צווישען אונז אין דעם זעכצענטען יאָרהונדערט, און אין די פוס־טריט פון דעם אויסלאנדישען אריינדרינגער און עראָבערער.

איך האָב געזען און האָב זיך איבערצייגט דאָס אונזער פאראייניגטע איטאליענישע מדינה קאָן געגרינדעט ווערען בלויז פונ׳ם איטאליענישען פאָלק. און די דאָזיגע איבערצייגונג האָב איך דערקלערט צו דער וועלט.

איך האָב דערזען די נויטווענדיגקייט דאָס אייער קלאס זאָל זיך באפרייען פון דעם יאָך פון לוין־שקלאפעריי, און זאָל לאנגזאם אָבער מיט זיכערע שריט דערהויבען דעם מעמד פון דער ארבייט, דורך אסאָציאציע, צו ווערען בעלי־בתים גלייכצייטיג פון דער ערד

און פון דעם קאַפּיטאַל פון שטאַט, און איך האָב עס פּראָקלאַמירט לאַנג איידער וועלכע ניט איז פראַנצויזישע סעקטע פון סאָציאַליסטען האָבען דעם דאָזיגען פּראָבלעם פאַרדרייט צווישען אונז.

איך האָב געזען דאָס אין איטאַליען, אַזעלכע ווי עס זאָגט פאַראויס די אַספּיראַציעס פון אונזערע הערצער, קאָן קיינמאָל ניט עקזיסטירען ביז וואַנען דער פּאַפּסטענטום וועט ניט אומגעוואָרפען ווערען אין נאָמען פון דעם מאָראַלען געזעץ, וועלכער וועט אַנערקענט ווערען ווי פיל העכער פון די אַלע פּרעטענדירטע פאַרמיטלער צווישען גאָט און דאָס פאָלק, און איך האָב די דאָזיגע איבערצייגונג עפענטליך ערקלערט.

און אויך ניט, אין מיטען פון די ווילדע באַשולדיגונגען, פאַרלוימדונגען און אָפּשפּעטונג מיט וועלכע מען איז מיר פון אַלע זייטען באַפאַלען, — האָב איך ווען עס איז פאַרראַטען אייער אידעאַל, אָדער דעזערטירט דעם באַנער פון דער צוקונפט, אפילו ניט אין יענע מאָמענטען ווען אויך איר, — פאַרפירט דורך די לערע פון מענשען, ניט גלויביגע נאָר געצענדינער, האָבען מיר פאַרלאָזען און אומגעביטען פאַ־יענע, וועלכע האָבען זיך בלויז באַדינט מיט אייער בלוט, און האָבען פון איך שפּעטער אָפּגעווענדט זייערע געדאַנקען.

די הארציגע, אויפריכטיגע האַנט־דריקע פון איינינע פון די בעסטע צווישען אייך, זין און טעכטער פון פאָלק, האָט מיר פאַרגיטיגט פאַר דער אומטרייהייט פון אַנדערע, און פאַר די פילפאַכע ביטערע אַנטוישונגען, וועלכע זיינען אויף מיר אָנגעוואָרפען געוואָרען פון מענשען וועמען איך האָב אָנפאַרטרויט און געליבט, און וועלכע האָבען געזאָגט, אַז זיי ליבען מיך. מיר איז אַצינד געבליבען בלויז איינינע געציילטע

יאָר צו לעבען, אָבער דער צובונד, וועלכער איז געזינגעלט צווישען מיר און די איינינגע מיר איבערגעבענע און געטרייע צווישען אייך, וועט בלייבען אומבארירט ביז מיין לעצטען טאָג, און וועט לעבען אויך אויף ווייטער.

דענקט, דאריבער, פון מיר, ווי איך דענק פון אייך. לאָמיר אינאיינעם אויסטוישען מיינונגען אין דער גרויסער ליבע צו אונ־זער לאנד. איר צוקונפט איז אין אייך.

אָבער די צוקונפט פון אונזער לאנד און אייער אייגענע צו־קונפט קאָן רעאליזירט ווערען בלויז דאן ווען איר וועט זיך באַ־פרייען און פטור ווערען פון די צוויי גרויסע וואונדען, וועלכע ווי א גרויסע מכה טריה, פארדארבט נאָך לעת עתה אונזערע קלאַ־סען, און דראָהען צו פירען אויף א שלעכטער ריכטונג דעם פאָרט־שריט פון איטאליען.

די דאָזיגע צוויי איבלען זיינען מ אַ ק י א ו ו ע ל י ז ם*) און מ א ט ע ר י א ל י ז ם.

ד ע ר ע ר ש ט ע ר, א געמיינע נאָכאמונג פון דעם דאָק־טרין פון א גרויסען אָבער אומגליקליכען מענשען, וואָלט אייך אוועקגעפירט פון דער אָפענהארציגער, מוטיגער און לאָיאלער דינסט פון דעם א מ ת; און ד י צ ו ו י י ט ע דורך דעם

*) „מ אַ ק י א ו ו ע ל י ז ם": מיט דעם דאָזיגען טערמין ווערט אָנגעצייכענט די פּאָליטישע פּרינציפּען פון דעם באַרימטען איטאַליעני־שען שטאַטסמאַן פון דעם מיטעלאלטער, מ אַ ק י א ו ו ע ל י. (געבאָרען אין יאָר 1469 און געשטאָרבען אין יאָר 1527.)

מאַקיאָוועלי האָט געהאלטען, אַז אַלע אומערליכע מיטלען זיינען ערלויבט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אָנהאלטען די מאכט פון דעם הערשער איבער זיינע אונטערטאַנען.

געצענדינסט צו „אייגעננוץ", וואָלט איך אומפאַרמיידליך אַרונ־טערגעשלעפּט צו עגאָאיזם און כאָאָס.

אויב איר ווילט זיך באַפרייען פון דער אומבאַשרייַנקטער הערשאַפט און טיראַניי פון אַ מענשען, מוזט איר אָנפאַנגען מיט אַ ריכטיגען דינען גאָט, דעם אידעאַל. און אין דער גרויסער אַל־וועלטליכער מלחמה צווישען די צוויי פּרינציפּען פון אמת און שקר, גוטעם און שלעכטעס, מוזט איר זיך אָפען אָנשלי־סען אונטער דעם באַנער פון ערשטען, און אומאויפהערליך באַ־קעמפען דעם צווייטען; אָפּוואַרפענדיג יעדען צווייפעלהאַפטען סימבאָל, און יעדען פייגהאַפטען קאָמ־פּראָמיס אָדער היפּאָקריטסטווע פון אַלע פירער, וועלכע זוכען אָנצושלאָגען אַ מיטעלען וועג!

אונטער'ן באַנער פון דעם ערשטען, וועט איר מיר אימערצו געפינען זייט ביי זייט מיט אייך, כל זמן דער לעבען וועט אָנ־האַלטען.

און ווייל איך האָב געזען די דאָזיגע צוויי ליגענס, מאַקיאַ־וועליזם און מאַטעריאַליזם, זיך צו אָפט פאַרקליידענדיג פאַר אייערע אויגען מיט דער פאַרפירערישער שטאַרקער צוציאונגס־קראַפט פון האָפענונגען, וועלכע קאָנען מקוים ווערען בלויז דורך דער דינסט פון גאָט און פון אמת, האָב איך געדענקט אייך וואָרנען דורך דיזען בוך. איך ליב אייך צו גוט און צו טיף, צו לויבען אייערע ליידענשאַפטען, אָדער גלעטען די גאָלדענע חלומות מיט וועלכע אַנדערע זוכען צו געפינען לייטזעליגקייט אין אייערע אויגען. עס קאָן זיין, אַז מיין שטימע וועט אייך קלינגען צו שטרענג, און דאָס איך באַשטיי צו העפטיג אין פּראָקלאַמירען די נויטווענדיגקייט פון טוגענד און אָפּפער; אָבער איך וויים, און איר אויך — ניט אָנ־געשטעקט פון פאַלשע דאָקטרינען און ניט פאַרדאָרבען דורך רייכ־

טום — וועט אין גיכען אויך וויסען, דאָס דער איינציגער אורשפּרונג פון יעדע פרייהייט און רעכט, איז א דערפילטע פליכט.

זייט געזונט: און נעמט מיר צו, איצט און אויף אימער, ווי אייער ברודער.

דזשוזעפּא מאַציני.

גערא̈נקען־פונקען פון דזשוזעפּא מאציני

דער צ א ר י ז ם איז א פּרינציפּ, — דער פּרינציפּ פון אומבאגרענעצטע אויטאָריטעט; און בלויז א פּרינציפּ קאָן עס בייקומען און שטירצען — ד ע ר פּ ר י נ צ י פּ פ ו ן א ו ־ נ י ו ו ע ר ס א ל ע פ ר י י ה י י ט!

(יולי, 1855.)

(פון אן אָפענעם בריוו צום ענגלישען פאלק וועגען קרימער קריג.)

„דער אורשפּרונג פון יעדער פרייהייט איז א דערפילטע פליכט."

מ א ר ט י ר ע ר ט ו ם איז קיינמאָל ניט פרוכטלאָז..... ווייל יעדער קאָן לייענען אויף דעם שטערען פון דעם מארטירער א שורה פון זיין אייגענער פליכט.

דער ערשטער געזעץ פון יעדער רעוואָלוציע איז צו וויסען גענוי וואָס מען וויל.

גרויסע אידייען מוזען פאָראויסגיין פאר גרויסע טאַטען.

ס'איז דעם מענשען'ס פליכט צו בילדען זיך און צו בילדען אנדערע; צו שטרעבען זיך פארפּאָלקאָמענען, און צו פארפאָל־קאָמענען אנדערע.

ק ו נ ס ט כאפּט אָן די אידייע, וועלכע ליגט אומאַקטיוו אין מענשליכען מח, טריפּט עס אריין אין הארצען, פּאַרטרויט עס צו די צערטליכקייטען, און פאַרוואַנדעלט עס אין יענער ליידענ־שאַפט, וועלכע טראַנספּאָרמירט דעם מענשען פון א דענקער אין אַן א פּ אָ ס ט אָ ל.

יעדע טיראַניי איז אבשייליך, הײמישע ווי פרעמדע.

זאָל דער יעניגער, וועלכער קאָן אונז ווייזען א בעסערען וועג, (צו דערגרייכען פרייהייט) פּאַראויסקומען. עס איז זיין פליכט דעם דאָזיגען וועג צו פּראָקלאַמירען.

זאָל דער יעניגער, וועלכער ווייס ניט פון קיין בעסערען וועג, ווערען אונזער חבר און ברודער.

זאָלען די יעניגע, וועלכע טוען ניט דאָס ערשטע און ניט די צווייטע, שטיין אָן א זייט אין זייער נוצלאָזיגקייט; אָבער זיי זאָלען ניט חוצפּה׳דיג, צו אונז פרעדיגען די לערע פון שווייגען אָדער פון אומטעטיגקייט.

אויב מיר ווילען באפרייען א פאָלק, איז עס אונזער ערנסטע פליכט אים צו פירען אין אָנגעזיכט פון פאַרשפּראָכענעם לאַנד, א פ י ל ו ו ו ע ן א ו נ ז ע ר פּ ע ר ז ע נ ל י כ ע ר ש י ק־ ז א ל א י ז, ד אָ ס ד אָ ז י ג ע ל א נ ד ב ל ו י ז פ ו ן ד ע ר ו ו י י ט ע נ ס צ ו ב א ג ר י ס ע ן, ווען מיר האַל־טען ביים שטאַרבען.

די איינציגע אריסטאָקראַטי פון ה י י נ ט איז די אריס־טאָקראַטי פון געלט; די איינציגע אריסטאָקראַטי פון מ אָ ר ג ע ן

וועט זיין די אייביג געטליכע, נוצענברייננגענדע אריסטאָקראַטי פון אינטעלעקט און טוגענד — אין איר העכסטער פאָרמע — ג ע נ י ־ א ל י ט ע ט; אָבער דאָס, ווי יעדער אנדער זאך וואָס קומט ארונ־טער פון גאָט, וועט זיך דערהויבן צווישען די פאָלקס מאסען, און וועט ארבייטען לטובת הכלל.

מ ל ח מ ה איז דער גרעסטער פון אלע פאַרברעכענס, ווען עס ווערט ניט געפירט פאַר'ן נוצען פון דער מענשהייט, צוליב ארויפזועצען א גרויסען אמת אויפ'ן טראָן, אָדער צו באערדיגען א גרויסען ליגען.

די פאַמיליע איז דאָס פאַטערלאנד פונ'ם הארצען.

די רעליגיע פון דער מענשהייט איז ליבע.

זאָל אייער אויפפירונג זיין אזא, דאָס צוליב אייך וועלען מענשען ליב באקומען און דרך ארץ האָבען פאַר אייער לאַנד. חניפה און לויב געזאַנג זענען ניט בכח צו רעטען א לאַנד. איר עהרע איז מער אָפּהענגיג אויף אָפּשאַפען אירע חסרונות איידער אויף בארימערייי וועגען אירע מעלות.

וועגן דעם פרייהייטס־קאַמף פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן

.... איך ערקלער מיט דער טיפסטער איבערצייוגנג, דאָס די באַוועגונג, וועלכע האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן אין איניגע פון די נאַציאָנאַלע גרופּען, שוין ווייט אוואנסירט אין אַנדערע, האָט דערגרייכט אין איטאַליען, אין אונגאַרן, אין ווין, אין אַ גרויסען טייל פון דייטשלאַנד, און אין איניגע פון די סלאוואַ־נישע באַפעלקערונגען, אַ וויכטיגקייט, וועלכע מוז אין אַ ניט ווייטער פּעריאָדע ברענגען אַנטשיידענדע רעזולטאַטען.

עס איז מעגליך דאָס די איניציאַטיווע וועט אַרויסשפּרינגען פון איטאַליען ; און אפשר פון אַן אַנדער לאַנד, אָבער פון וואַנען עס זאָל ניט קומען, וועט עס נאָכגעפאָלגט ווערען. אַן איזאָלירטע נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע איז שוין מער ניט מעגליך.

דער ערשטער קריגסגעשריי וואָס וועט זיך דערהויבען וועט מיטשלע־פּען מיט זיך אַ גאַנצען טייל פון אייראָפּא, און דורך דעם אייראָפּא זעלבסט. עס וועט זיין דער עפּאָפּעע פון וועלכער דער יאָר 1848 איז געווען דער פּראָלאָג!

דזשוזעפּא מאַציני.

(געשריבען אין יאָר 1852).

ביבליאָגראַפיע

Guiseppa Mazzini: Scritti editi e inediti.

" " Ricordi dei fratelli Bandiera. (1844)

" " Il Popolo e i Patrioti. (1835)

G. Garibaldi: Auto-Biografia.

Michel Bakounine: "Oeuvres" (Paris)

Victor Hugo: Napoleon le Petit.

" " L'Histoire d'un Crime.

Baron D'Ambes: Souvenirs de Napoleon III.

D. Mellagri: Letters intimes de Mazzini.

G. Herve: L'histoire de la France et de l'Europe.

Jean Jaures: L'Armee Nouvelle. (Paris 1915)

Emily A. Venturi: Memoirs of Mazzini (1872)

John Spargo: Karl Marx (Biography).

H. M. Hyndman: Recollections of an adventurous Life, (London 1911).

Mazzini's letters to an English Family: Edited by E. F. Richards, 3 vols. London, 1920.

Mrs. Hamilton King: Letters and Recollections of Mazzini, London, 1912.

R. S. Holland: Builders of United Italy.

William Roscoe Thayer: Dawn of Italian Independence.

The Jewish Encyclopedia.